STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04622

GEBAYLTE FOYSTN

Sami Feder

*Permanent preservation of this book was made possible
by Nita & Jack Corinblit
in honor of
Pearl & Abe Oslik*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זאַמי פעדער / געביילטע פויסטן

זאַמי פעדער

זאַמי פעדער

געביילטע פויסטן

דערציילונגען און דראַמעס

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל"ד — 1974

SAMI FEDER

GEBEILTE FOJSTN

זאַמי פעדער / געביילטע פויסטן

בילד פון מחבר געצייכנט: מיכאל מילבערגער
צייכנונג פון דער הילע: בערל פרידלער

פאַרלאַג „המנורה" רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora", Publishing House, 24 Zangwil St., Tel-Aviv, Isral

©

Printed in Israel 1974 — נדפס בישראל תשל"ד

דפוס „מופת", י. ריזמן, ת"א, רח' עין־הקורא 6, טל. 32968

לזכרון

מיין טייערער מאַמען, גאָלדע רבקה
מיינע שוועסטער —
גיטל, פעלאַ, חוה, בראָניאַ
מיט זייערע מענער און קינדער,
מיינע שוויגער־עלטערן —
יאָאַכים און גוסטאַ
מיט זייער זון יעקב,
מיין גאַנצער משפחה
און אַלע פריינד
שנהרגו, שנשרפו...

ב. לינקע — אל מלא רחמים

ג ע ט א

קידוש השם

קינדער אין געטאָ

שרהלע

אויף קידוש השם

אברהם־משה איז געווען אַ געזונטער, הויכער, ברייט־פּלייציקער ייד. זיין פּנים איז געווען אַרומגערעמט מיט אַ ברייטער, שוואַרצער באָרד. פון אונטער זיינע שוואַרצע, דיקע ברעמען האָבן אַפּירגעקוקט אַ פּאָר שוואַרצע, פינקלענדיקע, קלוגע אויגן.

ביים דאַווגען איז אברהם־משה תמיד געשטאַנען איינגעהילט ביז איבערן קאָפּ אין אַ גרויסן טלית, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס גאַנצע פּנים. בלויז פון צייט צו צייט, ווען ער האָט הויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָבן פון אַ שמאָלן ווינקל פון טלית אַרויסגעבלישטשעט זיינע שוואַרצע אויגן, ווי בליצן.

געשטאַנען איז אברהם־משה אויבנאָן ביי דער מזרח־וואַנט, אָדער ער איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, כמעט געלאָפן, געמאַכט העוויות, געפּאַטשט מיט די הענט: — אוי ווײ... אוי ווײ מיר נעבעך...

אָדער זינגענדיק נאָכגעזאָגט:

— ברוך הוא ברוך שמו... ווײ, ווײ... א־מ־ן!

די קליינע ווייסע חברהניקעס אין בית מדרש האָבן שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם גרויסן, שטאַרקן און שוואַרצן אברהם־משה. טאָמער האָט ער, אברהם־משה, געכאַפּט אַמאָל אַ שטיפערש יינגל ביים אויער, איז דעם דאַזיקן בחורל נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. מיטן קאָפּ האָט אברהם־משה געגעבן אַ וואָרף אויף לינקס, פון אונטערן טלית האָבן אַפּירגעבליצט זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און מיט אַ קול פון אַ ברומענדיקן בער האָט ער אויסגעזונגען:

— שייגעץ, וואָס שפרינגסטו אַרום, האַ ?...

און בשעת מעשה פאַוואָלינקע געוועלגערט מיט זיינע צוויי פינגער דעם יינגלס אויער:

— נו, זאָג שוין נאָך, שייגעץ... ברוך הוא ברוך שמו... א־מ־ן...

איין מאָל האָט אברהם־משה סתם אַ כאַפּ געטאָן אַ בחורל און אים אַ שטאַרקן קניפּ געטאָן אין בעקל:

— זאָג מיר חתן־בחור, וועמענס טאַטע ביסטו, האַ?

האָט דאָס יינגל זיך צעוויינט, אַרויסגעריסן זיך פון זיינע הענט און מיטן גאַנצן כוח אַ געשריי געטאָן: — אשמדאי!

דאָ זענען אַלע יינגלעך זיך פונאַנדערגעלאָפן און אין כאָר אויסגעשריגן: — א־ש־מ־ד־א־י!!

און דער נאָמען איז אים פאַרבליבן.

אשמדאי גייט... אשמדאי דאַוונט פאַרן עמוד... אשמדאי איז בעל קורא...

אשמדאי...

געווען אָבער צייטן, ווען קליינוואַרג האָט אים ליב באַקומען, דאָס איז געווען שמחת־תורה. עס האָט קיינער נישט אַזוי שיין געזאָגט „אתה־הראת״, ווי אשמדאי. ס׳האָט קיינער נישט אַזוי שיין געזונגען און געטאַנצט מיט דער תורה, ווי אשמדאי. יעדע הקפה פלעגט ער באַזונדער אויסזינגען און אויסטאַנצן. קיינעם פון די יינגלעך האָט ער נישט פאַרגעסן אויפצורופן מיטן זינגענדיקן און געציקלטן — „י־ע־מ־ו־ד, הבחור החתן״... זיינע שטענדיק שוואַרצע, בייזע, פינקלענדיקע אויגן האָבן דעמאָלט געלויכטן, געווען ווייך, גוט און האַרציק. אַ פריילעכע גוטמוטיקייט האָט פון זיי אַרויסגעשטראַלט. דאָס פנים זיינס — אַ ברייטס און צעשמייכלטס. דעמאָלס האָט מען אים גערופן „רבי״, ר׳ אברהם־משה... מען האָט זיך געשטופט צו אברהם־משהן און יעדעס יינגל האָט געזוכט זיין בליק, אים דערמאָנט:

— איך! — איך, ר׳ אברהם־משה!

און ער, אברהם־משה, האָט צו יעדערן שמייכלענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּגעענטפערט מיט אַ — יעמוד הבחור החתן... יונגע בחורימלעך זענען געווען שטאָלץ, האָבן זיך געפילט ווי גרויסע.

ווען אברהם־משהס בליק איז געפאַלן אויף מיר, האָט עס מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרצן. איך האָב בלויז דערהערט: „יעמוד הבחור החתן שמואל־זאַנוול״... מער האָב איך נישט געהערט. איך האָב נאָר געפילט, ווי עמעץ כאַפּט מיך צוזאַמען מיט דער תורה. איך האַלט די תורה און מיך מיט דער תורה האַלט... אשמדאי. זיין שטאַרקע באַריטאָן־שטימע פאַרגייט זיך אין ציקלדיקן געזאַנג:

— אנא ד׳ הושיעה נא!

ער זינגט און טאַנצט, אַלץ אַרום מיר זינגט און טאַנצט, אַלץ דרייט זיך. עס טאַנצן בערד, עס טאַנצן פיאות, עס טאַנצן פענער, עס טאַנצן

די אהרן הכהנס און משה רבנוס אויף די פענער. עס טאַנצן רויטע און גרינע עפּעלעך מיט ליכטלעך און טאַנצנדיקע פּייערלעך אָן אַ שיעור. דאָס בית המדרש דרייט זיך, דער הענגל־לייכטער טאַנצט. די ווייבערשול גייט אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, און אַלץ פּאַטשט צו צום טאַקט. צום טאַקט טאַנצן אויך די לייבן מיט זייערע רויטע צונגען אויפן ארון הקודש, צום טאַקט דרייען און הודען זיך אַלטע יידן. ס׳שפּרינגען טאַנצנ־דיק יונגע בחורימלעך מיט פּליִענדיקע פּיאהלעך, מיידלעך מיט צעפּעלעך, און איבער אַלעמען קלינגט די שטימע פון אברהם־משה:

— אנא ד׳ הצליחה נא!...

*

יאָרן זענען פאַרגאַנגען. אַ סך האָט זיך געענדערט אין שטעטל. אַ סך פון אָט די אַמאָליקע ווייסע חברהניקעס זענען זיך צעפאָרן אין גרעסערע שטעט, אָדער גאָר קיין אויסלאַנד. אַ סך האָבן חתונה געהאַט און אַליין שוין געווען בכבודיקע בעלי־בתים. אברהם־משה איז געוואָרן אַלט און גרוי, איינגעבויגן. בלויז דער נאָמען אשמדאי איז אים פאַרבליבן.

די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן. אַ סך זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיטן רב און שוחט פון שטעטל. געבליבן איז אשמדאי מיט נאָך אַלטע און קראַנקע יידן, און די, וועמען די דייטשן זענען פאַרלאָפן דעם וועג און זיי האָבן זיך געמוזט אומקערן.

די דייטשן זענען אַריין. אַ טרויער און נאַגנדיקע שרעק ליגט איבערן שטעטל. יעדער באַהאַלט זיך אויס, ווי ער קען. קיינער גייט נישט אַרויס פון שטוב. אָבער ערב יום־כיפור ביינאַכט קענען זיך יידן נישט איינהאַלטן, פאַרט כל נדרי!

גייען יידן ווי שאָטנס. מען גנבעט זיך אין בית המדרש אַריין צו כל נדרי.

און פאַרן עמוד, ווי יעדעס יאָר, שטייט דער אַלטער „אשמדאי" מיטן טלית איבערן קאָפּ, טיף פאַרדעקט דאָס פּנים, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם גאַנצן יידישן ווייטיק פאַרדעקן. טרערן רינען אַראָפּ אויפן עמוד און פון עמוד רינען זיי ווייטער ערגעץ ווו אַוועק.

„אשמדאי" זאָגט תפילה זכה.

אַ דערדריקנדיקע, שווערע שטילקייט הערשט אין בית המדרש. עס הערט זיך די וויינענדיקע שטימע פון „אשמדאי". זי שניידט זיך איין מיט ווייטיק און צער אין יעדנס האַרץ.

שטיל, קוים וואָס מען הערט, הייבט „אשמדאי" אָן צו זאָגן כל נדרי,

זיין קאָפּ הייבט זיך אויף וואָס אַמאָל העכער. העכער און שטאַרקער ווערט זיין קול און זיין לייבן־שטימע צעקליגנט זיך, ווי אין די אַמאָליקע צייטן:

„ונסלח לכל עדת בני ישראל, ולגר הגר בתוכם, כי לכל העם בשגגה״.

נאָר דאָ דערהערט זיך פון דרויסן אַ שטאַרקע שיסעריי. די טיר פון בית המדרש פּראַלט אויף. ס׳קומען אַריין דייטשן מיט ביקסן אין די הענט. דער ערשטער האַלט אַ רעוואָלווער גרייט צו שיסן און פרעגט מיט רוגזה:

— וואָ איזט דער ראַבינער?

אַלע בלייבן ווי פאַרשטיינערט. קיינער רעדט נישט. קיינער ענט־פערט נישט.

— וואָ איזט דער ראַבינער? — האָב איך געפראַגט. וואָלט איר אַנטוואָרטען, איר גאָט פאַרדאַמטעס יודענפאָלק!

קיינער ענטפערט נישט. אַ שטילקייט. אַ געוואַלטיקע שפּאַנונג.

— דאָס געווער לעגט אָן! — שרייט דער דייטש.

ס׳דערהערט זיך אַ געקלאַפּ פון ביקסן און די דייטשן שטעלן זיך גרייט צום שיסן.

און אָט דערהערן זיך טריט פון אַלטן „אשמדאי״. דער טלית איבערן קאָפּ, דאָס פּנים פאַרדעקט, מיט דער ספר תורה אין האַנט, גייט ער וואָס אַמאָל פעסטער, און זיין שטימע קלינגט נאָך העכער, נאָך שטאַרקער:

— ויאמר ד׳ סלחתי כדברך!

ער גייט צו דער טיר, ווו דער דייטש מיטן רעוואָלווער שטייט... דאָ טוט ער אַ וואַרף מיטן קאָפּ אויף לינקס, דער טלית גליטשט זיך אים אַראָפּ פון קאָפּ. מען דערזעט אַ פּאָר שוואַרצע, בליציקע אויגן. מיט די לעצטע כוחות נעמט ער שרייען:

— שמע ישראל! ויאמר ד׳ סלחתי כדברך!

און ער פאַלט אַנידער.

דער דייטש, אַ דערשטוינטער האָט נישט געשאָסן. ס׳האָט זיך דער־הערט אַ קורצער באַפעל און זיי זענען אַוועק.

מיט ציטער האָט אַן אַלטער ייד אויפגעהויבן די ספר תורה, פאַר־דעקט דאָס פּנים פון אברהם־משהן:

— זעט... יידן... ר׳ אברהם־משה... ער איז געגאַנגען אויף קידוש השם! — און ער האָט זיך צעוויינט.



אויף קידוש השם

קינדער אין געטאָ

חנהלע און משהלע האָבן שוין געוווּסט, אַז אויב מ׳הערט שווערע, זעלנערישע טריט אויף די טרעפּ און קלאַפּן אין די טירן מוז מען זיך באַהאַלטן.

די זעקס־יעריקע חנהלע האָט געדענקט, אַז פֿאַראַיאָרן האָבן זעלנע־רישע שטיוול שווער געטראָטן אויף די טרעפּ, דערנאָך האָט עס אַ זעץ געטאָן אין דער טיר, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט געציטערט און די טיר האָט זיך אויפֿגעפּראַלט. חנהלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און דערהערט אַ געשריי: „הערויס, פֿערפֿלוכטער יודע!" דאַן האָט זי, באַ־האַלטנדיק זיך אין איר בעטל אין גרויס שרעק, געזען ווי קאַלבעס פֿון ביקסן האָבן אַרויסגעשטויסן איר פֿאָטער. זייט דעמאָלט האָט זי אים נישט געזען.

דער פֿיר־יאָריקער משהלע האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס מען דאַרף זיך באַהאַלטן. לכתחילה איז אים דאָס באַהאַלטן זיך געפֿעלן געוואָרן, אָבער שפּעטער האָט ער בעסער געוואָלט בלייבן ביי דער מאַמען. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ווען זעלנערישע שווערע שטיוול קלאַפּן אויף די טרעפּ, און מען קלאַפּט אין די טירן, מוז מען זיך באַהאַלטן. דאָך האָט ער זיך צעוויינט, „איך וויל בלייבן ביי די מאַמעסי!" און וויינענדיק מיטגעגאַנגען מיט חנהלען, וועלכע האָט אים ביים הענטעלע געפֿירט. מיטן צווייטן הענטעלע האָט ער זיך געשטופּט אין מויל אַריין די אַרומגעוויקלטע שאַל, ווייל הויך וויינען, האָט די מאַמע געזאָגט, טאָר מען נישט. איז ער אַזוי, שטיקנדיק זיך, מיטגעגאַנגען מיט חנהלען זיך באַהאַלטן.

ווייט אַוועק גיין זיך באַהאַלטן, האָבן זיי נישט געקענט, ווייל זיי האָבן די זעלנערישע טריט גאַנץ נאָענט געהערט. זענען זיי אַראָפּ אין הויף. און צווישן דער בודע פֿון הונט און גרויסן מיסט־קאַסטן, אין שמאָלן ווינקעלע, האָבן זיי זיך אַריינגעקוועטשט און דאָרט שטיל געזעסן.

לאַנג אַזוי זיצן האָט משהלע נישט געוואָלט.

— ווען וועט מען אַהיים דיין ? — האָט ער זיך געפרעגט.

— שאַ, משהלע ! — האָט זיך חנהלע געבעטן — רעד נישט אַזוי הויך, זיי קענען נאָך דערהערן. אַז זיי וועלן אונדז דאָ געפינען, וועלן זיי אונדז שיסן.

משהלע האָט אַ צייט געשוויגן, דאַן האָט ער שטיל געפרעגט :

— חנהלע, אַז מען סיסט, טוט וויי ?...

— כ׳ווייס נישט. — האָט אים חנהלע געענטפערט.

משהלע שטופט דעם שאַל אין מויל און וויינט שטיל.

חנהלע בעט זיך : — וויין נישט, משהלע, זיי קענען נאָך הערן.

— טום אַהיים ! — בעט זיך משהלע — איך וויל צו די מאַמעסי.

חנהלע ווישט אים די טרערן און דאָס נעזעלע : — שווייג משהלע ! — בעט זיך חנהלע, זי קושט אים, — שווייג, זיי שטיל.

— איך האָב מורא ! — צעוויינט זיך משהלע שטאַרקער און שטופט נאָך פעסטער אין מויל אַריין דעם שאַל.

— נאַרעלע, וואָס האָסטו מורא ? — פרעגט אים חנהלע.

— אַז מען וועט אונדז דאָ דעפינען, וועט מען אונדז סיסן און ס׳וועט וויי טאָן. — ענטפערט משהלע און שטיקט זיך אין געוויין.

— ווי איז מיר, וויין נישט, דערבאַרעם זיך און וויין נישט, — בעט זיך חנהלע, אַליין זיך שטיקנדיק אין טרערן — מען וועט דאָך אונדז הערן.

— נאַרעלע — זאָגט ווייטער חנהלע — אַז מען שיסט אויף טויט טוט נישט וויי.

— אויב עס טוט ניסט ווי, בעט זיך משהלע, זאָל מען סוין סיסן און לאָמיר אַהיים דיין צו די מאַמעסי. איך בין הונדעריק.

— נאַ, דאָ האָסטו אַ מערעלע, עס איז זיס, עס און וויין נישט — בעט זיך חנהלע.

פון אַ ווינקל פון דער בודע קומט אַרויס אַ קליינטשיק הינטעלע. משהלע קוקט און צעשמייכלט זיך.

— חנהלע, טוט, טוט ! אַ סיין הינטעלע ! איך דיי נעמען דאָס הינטעלע.

— משהלע זיץ, דערבאַרעם זיך און זיץ.

עס דערהערט זיך פון נישט זייער ווייט שטאַרקע שאָסן.

משהלע בלייבט אַ ווײלע זיצן דערשראָקן, דאַן זאָגט ער שטיל צו חנהלען און ווייזט מיטן פינגער :

— איך וויל נעמען דאָס הינטעלע, מען וועט עס נאָך סיסן.

— האָב נישט קיין מורא, משהלע, אַ הינטעלע שיסט מען נישט.

— פאַרוואָס ? — פרעגט זיך משהלע.

— ווייל ער איז נישט קיין ייד — ענטפערט חנהלע.

— און פאַרוואָס איז ער ניסט טיין ייד ?... — פרעגט זיך משהלע.

— כ׳ווייס נישט, ווייל... עס איז אַ הינטעלע — ענטפערט חנהלע.

— אַ רחמנות, אוי אַ דרויס רחמנות אויפן הינטעלע — און טרערן שטעלן זיך משהלען אין די אויגן.

פון דער ווייטנס הערן זיך קולות, שיסערייען און עס ווערט שטיל.

— חנהלע, — רופט זיך אָן משהלע, — טום אַהיים, מען האָט סוין דעסאָסן, אַז ניסט וועל איך ווידער ווייגען, — צעהעשעט זיך משהלע שטיל.

אַ שטאַרקער שאָס האָט אָפּגעציטערט אין גאַנצן הויף. דאָס קליינע הינטעלע איז זיך פאַרקראָכן אין אַ ווינקל פון דער הינטישער בודקע. משהלע מיט חנהלען האָבן זיך צוזאַמען געטוליעט, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם.

— זינד היר יודען דאָ ?... ראַוס !!! איר פאַרפלוכטעס זאַופּאַק !!! — האָט זיך געהערט אַ גראָבע הייזעריקע, פאַרשכורטע שטימע.

און אַ פּאָר שאָסן פון אַ מיטראַיעט אין ווינקל צווישן דער בודקע און גרויסן מיסט־קאַסטן האָט אַלץ שטיל געמאַכט. בלויז דאָס קליינע הינטעלע איז פאַרווונדעט און פאַרבלוטיקט, ווייגענדיק־וואַיענדיק, אַרומגעלאָפן ווילד אויפן הויף.

שרהלע

געווידמעט מיין טייערן פריינט און קאַצעט־חבר, דעם פּרעזידענט פון וועלט־פאַרבאַנד פון די בערגען־בעלזענער יוסף ראָזענזאַפט.

די קליינע שרהלע האָט זיך אַלץ שטאַרקער און פעסטער צוגעטוליעט צום קעלבל אין שטאַל — זיך באַהאַלטנדיק, מען זאָל זי נישט זען. דער אָטעם האָט זיך ביי איר אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט און אירע אויגן, מורא האָבנדיק צו קוקן, האָבן זיך פאַרמאַכט. אַ ליכט־שטראַל האָט זיך אַדורכגעשניטן דורך דער פּלוצעם־געעפנטער טיר. שרהלע האָט גאַרנישט באַמערקט, אַז די בהמה אין שטאַל האָט זיך דערשראָקן און שרהלען צוגעדריקט צו דער שטרוי־וואַנט. — זי האָט בלויז געהערט, ווי עס איז עמעצער אַריין אין שטאַל און מיט אַ באַפעלערישער שטים זיך הויך צעשריגן:

— ווען איך וועל בלויז איין ייד געפינען, ברענט די גאַנצע כאַטע און דו ווערסט דערשאָסן.

— יעזוס מאַריאַ! — האָט דער אַלטער פויער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר אָפּגעענטפערט דעם באַוואָפנטן פאַרשוין מיטן עלעקטרישן לאָמפּ ביי דער זייט: — ביי מיר, הער פּולקאָווניק זענען נישטאָ קיין יידן. מען האָט זיי שוין לאַנג אַרויסגעטריבן פון דאָרף.

— זאָגסט דעם אמת? איר פאַרשאָלטענע! — האָט זיך דער פאַר־שוין געבייזערט — אפשר ביסטו גאָר אַליין אויך אַ ייד?...

— איך!... איך, אַ ייד?! יעזוס־מאַריאַ! איך בין נישט קיין ייד — האָט דער פויער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. ער האָט אַנידערגעקניט און זיך „געצלמט".

— ווו איז דער בוידעם?

— איך האָב נישט קיין בוידעם, האַר!

— און אַ קעלער האָסטו ?

— אַ קעלער האָב איך, האַר, אויף קאַרטאָפליעס.

— ווייז ווו ער געפינט זיך ! — זיי זענען אַוועק, די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. ס'איז צוריק פינצטער געוואָרן.

שרהלע איז נאָך אַלץ געלעגן און נישט גערירט זיך. דריי טעג ליגט זי באַהאַלטן אין שטאַל און לעבט פון דעם, וואָס די בהמות עסן. מייסטנס פילט זי נישט קיין הונגער, נאָר איצט האָט איר דאָס הערצעלע שטאַרק ווי געטאָן, זי וואָלט וועלן וויינען, נאָר מען טאָר נישט... מען וועט הערן...

דער פאַרשוין האָט נאָכאַמאָל אויפגעריסן די טיר, איז אַריין אין שטאַל און אָנגעהויבן אַרויסטרייבן די בהמות. ער האָט דערביי אויפ־גערעגט געשריגן :

— איר פאַרשאָלטן פאָלק, מיר וועלן אייך שוין געפינען.

שרהלע האָט זיך מיטן גאַנצן כוח איינגעגראָבן אין שטרוי און פאַר שרעק, ווי אין חלום, זיך נישט געקענט אַ ריר טאָן — אַזוי איז זי געלעגן אַ האַלב־איינגעגראָבענע און געוואַרט.

דער פאַרשוין, ווען ער האָט שרהלען דערזען, איז געבליבן שטיין ווי דערשראָקן.

דער פויער איז געפאַלן אויף דער ערד, זיך געצלמט און מיט יאָ־מערלעך קול געהעשעט : — אוי, יעזוס מאַריאַ, יעזוס־מאַריאַ ! איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָ איז אַ יידישקע באַהאַלטן ! שיסט מיך נישט, האַר !... איך האָב 5 קליינע קינדער, האַר ! אַ, דערבאַרעם זיך, האַר, אַ, יעזוס מאַריאַ !...

דער פאַרשוין, וואָס איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע, ווי פאַרגליווערט, האָט אַוועקגעשטויסן פון זיך דעם פויער און אָנגענומען שרהלען ביי דער האַנט, זי אַרויסגעצויגן פון שטרוי און צו איר גוטמוטיק גערעדט : — האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיר גאַרנישט טאָן...

שרהלע האָט דערשטוינט געקוקט אויפן פאַרשוין, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ דייטשן עס־עס־מונדיר און געהאַלטן אַ רעוואָלווער אין דער האַנט... זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. ווי אַ פאַר־כישופטע איז זי מיטגעגאַנגען מיטן דייטש, וועלכער האָט זי פעסט געהאַלטן ביי דער האַנט. ער איז אַרויס מיט איר פון שטאַל און אַוועק צום נאָענטן וואַלד.

דער פויער איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט. ער האָט זיך נאָכאַמאָל איבערגעצלמט, אויסגעשפיגן און געברומט צו זיך :

ב. פרידלער

— האָסט געזען? יעזוס מאַריאַ, וואָס די יידן קענען!... זיך אויס־באַהאַלטן ביי מיר אין שטאַל און איך האָב גאָר נישט געוווסט — זיינע אויגן האָבן געזוכט אין אַלע עקן פון שטאַל. טאָמער געפינט ער אַ ייד... אַ, ער וועט אים אַליין איבערגעבן די דייטשן.

ער האָט אָבער קיינעם נישט געפונען.

ער איז אַרויס פון שטאַל, צוריק אַריינגעטריבן די בהמות און מיט אַ שעלטן האָט ער די שטאַל פאַרשלאָסן, נערוועז איבערגעפּרוּווט דעם שלאָס און דאַן ערשט אַריין אין דער כאַטע.

דער דייטש איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט, כמעט לויפנדיק, נאָכ־ציִענדיק שרהלען.

ס'איז געווען אַ טריבער טאָג. די לעצטע געלע בלעטער זענען געפאַלן פון דיביימער. פון ערגעץ ווו האָט זיך געהערט פון צייט צו צייט אַ געוואַלד, דערנאָך אייניקע שאָסן און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן ביז אַ קנאַל פון אַ ביקס אָדער מאַשינפּיסטאָלעט האָט ווידער איבער־געריסן די שטילקייט. פּלוצעם האָט דער דייטש פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט און שרהלע האָט נישט באַמערקט, ווי עס זענען פונקט אַזוי פּלוצעם, ווי פון דער ערד, אַרויסגעוואַקסן נאָך צוויי דייטשן.

— הייל היטלער! האָבן די צוויי דייטשן זיך אויסגעצויגן ווי סטרו־נעס, מיט די הענט אין דער הויך, און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָבן זיי ווייטער גערעדט:

— וווּהין גייסטו, קאַמעראַד? אַיין יודענמעדל, וואָס?...

— הייל היטלער! — האָט אָפּגעענטפערט דער דייטש, וואָס האָט גע־פירט שרהלען, — איך האָב דאָס קינד געפונען — מיטן אויג ווינקנדיק צום וואַלד, האָט ער צוגעגעבן: — אָבער זי וועט באַלד דערליידיקט ווערן.

— קאַמעראַד — האָבן די דייטשן זיך אָפּגעשטעלט — אַ שאַד דער וועג, מאַך זי דאָ פערטיק.

— איך טאָר נישט, איך האָב אַ באַפעל.

— אַך זאָ!... — האָבן די דייטשן אויסגערופן ווי זיי וואָלטן שוין אַלץ פאַרשטאַנען — דו האָסט אַ באַפעל, דאַן — פיל גליק, און דו, קליינע, גריס דעם ליבן מאָזעס אין הימל, הייל היטלער!

— הייל היטלער! האָט דער דייטש, וואָס האָט געפירט שרהלען, אָפּגעענטפערט און נאָך פעסטער צוגעדריקט שרהלעס קליין, דאַר הענ־טעלע, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט אַנטלויפן.

ביידע דייטשן האָבן געקוקט אין דער ריכטונג ווו דער „עס־עס־מאַן" מיט שרהלען זענען געגאַנגען, אָבער זיי האָבן קיינעם נישט מער געזען. אַ שאָס האָט איבערגעריסן די שטילקייט און אָפּגעקלונגען ווייט, ווייט...

— נאָ, די קליינע איז דערליידיקט — האָט זיך איינער אָפּגערופן און די צוויי דייטשן זענען מיט לאַנגזאַמע שריט אַוועקגעגאַנגען.

דער „עס־עס־מאַן" האָט נאָך אַלץ געפירט שרהלען און זי פעסט

געהאַלטן ביי דער האַנט. אין וואַלד, צווישן דיביימער און שטיינער איז ער שטיין געבליבן, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און אָנגעהויבן רעדן:

— שרהלע, דו דערקענסט מיך נישט — און ביי די ווערטער האָט ער אַראָפּגענומען דעם דייטשן העלם פון קאָפּ. שרהלע איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט און געקוקט, איז דאָס אַ חלום?... מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אויסגערופן: — פעטער יאַנקל!

— שווייג, שרהלע! — האָט זיך דער פאַרשטעלטער דייטש אָנגערופן, שריי נישט, מען קען אונדז נאָך דערהערן. און דאַן שטיל צוגעגעבן: — דו ווייסט, שרהלע, מיר האָבן די גאַנצע צייט נאָכשפּיאָנירט וווהין מען פירט אייך און לאַנג געזוכט, ביז איך האָב דיך געפונען. איצט קום, באַהאַלט זיך דאָ אין דער הייל. דאָ האָסטו ברויט און אַ שטיק וווּרשט און איך וועל גיין זען, אויב דער וועג איז פריי, איך וועל באַלד צוריקקומען און דיך מיטנעמען אויף אַ זיכער אָרט, דאַן וועל איך דיר אַלץ דערציילן. — ער האָט אַ גלעט געטאָן שרהלעס קאָפּ און איז אַוועק. שרהלע איז אַ צייט געזעסן פאַרטראַכט און נישט געקענט באַנעמען, וואָס דאָ איז געשען. טראָץ דעם, וואָס זי האָט שוין דריי טעג כמעט נישט געגעסן, האָט זי קיין הונגער נישט געשפּירט. זי האָט אָנגעהויבן זיך דערמאָנען, וואָס דורך די פּאָר טעג איז געשען.

דעם טאַטן האָט מען שוין מיט אַ יאָר פריער פאַרשיקט אין אַ לאַגער אויף שווערע אַרבעט. טרויעריק איז דאַן געוואָרן אין שטוב, ווען דער טאַטע איז אַוועק, די מאַמע האָט געוויינט און די באָבע האָט געטענהט:

— רחל, האָב רחמנות אויף די קינדער, זע, וואָס דו מאַכסט פון זיך. הער אויף וויינען, וועסט זען, בערל וועט מיטן אויבערשטנס הילף צוריקקומען — און דאַן האָט די באָבע אָנגעהויבן ווישן די אויגן...

איז די מאַמע אַוועק אַרבעטן אין שאָפּ, און שרהלע האָט געמוזט אַכטונג געבן אויף די צוויי קליינע ברידערלעך, משהלע און שלמהלע, אויך באַדינען די אַלטע באָבע, וועלכע האָט שוין נישט געקענט גיין, נאָר געמוזט זיצן אָדער ליגן. דאַן איז געקומען די אויסזידלונג. מען האָט געוואָלט די באָבען נעמען, אָבער זי איז געשטאָרבן, ווען די דייטשן זענען געשטאַנען ביי דער טיר. די מאַמע האָט געזאָגט „ברוך דיין האמת", אפשר איז בעסער אַזוי, איידער אין זייערע הענט.

פון דעמאָלט אָן, דערמאָנט זיך שרהלע, האָט זי שטענדיק מורא געהאַט, ביינאַכט האָט זי געהאַט שרעקלעכע חלומות. אַמאָל האָט זיך

איר געחלומט, אַז די באָבע שטייט לעבן איר, ברעכט די הענט און רופט: שרהלע, שרהלע! דערבאַרעם זיך, אַנטלויף, ראַטעווע דיין יונג לעבן! אַנטלויף! אַנטלויף!...

דערנאָך האָט זי געזען, ווי זיי קומען אָן, שיסן און לאַכן... שיסן און ברענען... אַלץ ווערט פאַרברענט, דאָס גאַנצע הויז מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען, מיט די ברידערלעך... אַלץ... אַלץ... און זי שרייט מיט אירע לעצטע כוחות... אין אַ טייך שווייס איז זי געלעגן, ווען די מאַמע האָט זי אויפגעוועקט און געפרעגט, וואָס זי האָט אַזוי געשריגן פון שלאָף.

איינמאָל ווען מען איז געקומען זי נעמען אויף דער „אויסזידלונג" מיט אירע צוויי קליינע ברידערלעך, און די מאַמע איז נישט געווען אין דער היים, האָט זיך שרהלע מיט אירע צוויי קליינע ברידערלעך באַהאַלטן אין קעלער, צווישן אַלטע שמאַטעס און גראַטעס. די דייטשן האָבן גע־זוכט, געשטאָכן מיט אייזערנע שפּיזן און געטראָפן דאָס ייִנגסטע ברידערל, קוים דריי יאָר אַלט, ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט. האָט מען זיי אַלע געפונען און אַוועקגעפירט אין אַ פאַרמאַכטן וואָגן. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויז, וווּ עס זענען געווען נאָך אַ סך געכאַפּטע קינדער. שרהלען האָט מען אַריינגעלאָזט אין אַ שטוב פון בלויז מייד־לעך — די ברידערלעך האָט זי מער נישט געזען. עס איז אַריינגעקומען אַ דייטש און האָט אַלעמען פאַרשריבן. די עלטערע מיידלעך פון פופצן יאָר אָן האָבן זיך געמוזט אויסטאָן און אַריינגיין אין אַ צווייט צימער — צום דאָקטאָר, די וואָס זענען אַריין צום דאָקטאָר, האָט מען מער נישט געזען. אַזוי זענען זיי געבליבן, די ייִנגערע, אַ טאָג און אַ נאַכט, גאָרנישט געגעסן און אָן וואַסער, געשלאָפן אויף דער ערד. אין דער פרי איז אַריינגעקומען אַ דייטש און געהייסן מיטגיין פיר מיידלעך. שרהלע איז געווען צווישן די פיר מיידלעך. דער דייטש האָט זיי געפירט אין אַ מי־ליטערישער קאַזאַרמע אויסצורייניקן די צימערן. שרהלען איז אויסגע־קומען ריין צו מאַכן דעם הויף. ביים אַרבעטן האָט זי זיך דערמאָנט אָן אירע חלומות, ווי די באָבע שרייט צו איר — ראַטעווע זיך שרהלע, אַנטלויף... אַנטלויף... זי האָט ביי זיך באַשלאָסן צו אַנטלויפן, אָבער ווי אַזוי?... ביים טויער שטייט אַ דייטשער סאָלדאַט. דאָרט וווּ די פערד־שטאַלן זענען, שטייט אַ פויערישער וואָגן, אַ פויער האָט געבראַכט פרישׁ שטרוי און היי. ער האָט אַריינגעטראָגן דאָס פרישע שטרוי, אַרויסגענומען דאָס אַלטע און צוריק אַרויפגעלייגט אויפן וואָגן.

שרהלע האָט זיך אַרומגעקוקט, ווער עס געפינט זיך אויפן הויף;

אַחוץ דעם פויער, וואָס איז געווען פּאַרטאָן, איז קיינער נישט געווען. די סאָלדאַטן, וואָס זענען אַדורכגעגאַנגען, האָבן זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם יודענמעדל, וואָס רייניקט דעם הויף. דאָס האַרץ האָט ביי איר אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן, זי איז אַרויף אויפן וואָגן און זיך באַהאַלטן אין שטרוי. ווען דער פויער איז פאַרטיק געוואָרן, איז ער צוגעגאַנגען צו דער קאָמענדאַנטור און גענומען אַ צעטל, און אין אַ געבראָכענעם דייטש האָט ער קוים אַרויסגערעדט: — אַלץ פּערטיק, כייל כיטלער! ער איז דאָן צוריקגעגאַנגען צום וואָגן, גענומען די לייצן, אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און מיט אַ שטאַרקן געשריי: — וויאָ! — איז ער אַרויסגעפאָרן פון הויף, ווייזנדיק דעם דייטש ביים טויער דאָס צעטל, וואָס ער האָט באַקומען אין דער קאָמענדאַנטור. דער דייטש האָט אים צוגעווונקען: — אין אָרדנונג — ער זאָל פאָרן.

אַ גאָס רעגן איז פּלוצעם געפאַלן פון הימל, דער דייטש איז אַריין אין דער בודקע, און דער פויער איז מיט נאָך אַ שטאַרקערן: „וויאָ!" אַרויף אויפן וואָגן און אַוועק אין דאָרף אַריין.

אין זיין הויף ביים שטאַל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַריין אין זיין כאַטע שילטנדיק: — אַך, יעזוס מאַריאַ, אַזאַ רעגן!... שרהלע איז דאָן לאַנגזאַם אַראָפּ פון וואָגן, אַריין אין שטאַל און זיך דאָרט באַהאַלטן. זי איז דאָרט געלעגן אַ צייט, ביז די דייטשן זענען געקומען. זי האָט געהערט קולות, קללות, געשרייען, הינט בילן, ביז עס איז ווידער שטיל געוואָרן — זיי זענען אַוועק. דאָס צווייטע מאָל, אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט דער פעטער, אַלס פאַרשטעלטער „עס-עס-מאַן" זי דאָרט געפונען און זי געבראַכט אין וואַלד. — דאָס אַלץ האָט זיך שרהלע איצט דער־מאָנט און ערשט איצט דערשפּירט אַ ווייטיק. זי האָט זיך שטילערהייט צעוויינט און צו זיך גערעדט: — ווער ווייסט, ווו עס זענען איצט די צוויי ברידערלעך. זי האָט זיי באַדאַרפט אויפזוכן, אָבער ווי אַזוי?... ווי אַזוי?... זי איז איינגעשלאָפן.

ווי לאַנג זי איז געשלאָפן, האָט זי נישט געוווּסט. נאָר ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער פעטער יאַנקל שוין געווען איבערגעטאָן ווי אַ פויער פון דאָרף מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע און האָט שטיל צו איר גערעדט: — אויסגעשלאָפן? נו, איצט קום, שרהלע, מיר מוזן אַוועק, איידער עס ווערט טאָג. שרהלע האָט געציטערט פאַר קעלט. זי האָט אָנגעטאָן אַ פויעריש טוך, וואָס דער פעטער האָט איר געבראַכט — און ביידע זענען אַרויס פון דער הייל.

אין דרויסן האָט גערעגנט. אַ ווינט האָט געבלאָזן צווישן דיביימער און אָנגעמאַכט אַ גערויש, אַז מען האָט די אייגענע טריט נישט געהערט. אין דער זייט אויף אַ שמאָלן וועג איז געשטאַנען אַ פויערישער וואָגן, אויף וועלכן עס זענען געזעסן נאָך יידן און נישט־יידן אָנגעטאָן אין פויערישע און זעלנערישע קליידער, מיט ביקסן אויף די פּלייצעס — אַלע האָבן זיך מיט שרהלען געפרייט, ווען מען האָט זי אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן.



ב. פרידלער

שרהלע האָט נישט מער געוויינט, נאָר שטיל געפרעגט דעם פעטער:

— וואוהין פאָרן מיר, פעטער יאַנקל?

— נקמה נעמען, שרהלע, פאַר דיין טאַטע־מאַמע, פאַר דיינע ברי־דערלעך, פאַר אַלע.

אין לאגער

אַ יום־כיפור ביים אַדאָלף־היטלער־קאַנאַל
שמחת־תורה אין בלעכהאַמער
זאָג נישט קיינמאָל
יאַנקע שוסטער
דער פּאַפּירלער־זאַמלער
דער ברויט־גנב

אַ יום־כיפור

ביים אַדאָלף היטלער־קאַנאַל

מיר זענען שוין געווען געוווינט, אַז אין יידישע יום־טובים זאָל מען אונדז שיקן אויף ספּעציעל שווערע אַרבעטן.

— דאָס איז — האָט מען אונדז געזאָגט — לכבוד דעם יידישן יום־טוב אייערן.

נאָך דער שווערער אַרבעט — אַן אַפּעל פון דריי שעה און דאַן... גימנאַסטיק, בכדי מיר זאָלן זיין „עלאַסטישער" ביי דער אַרבעט און זיך קענען בעסער באַוועגן. אין דער גאַנצער צייט פון דער גימנאַסטיק האָבן די „עס־אַ" און הילפס־פּאָליציי אונדז צוגערופן: „פּראַהעס פעסט!!!..." — און גלייכצייטיק אַראָפּגעלאָזט זייערע שפּיצרוטן איבער אונדזערע קעפּ און פּלייצעס מיט אַן אויסגעשריי — שנעלער יודע, שנעלער! דו קאַמסט זאָנסט צו שפּעט צום פעסט־עסן... פאַרפלוכט!... הינלייגן!... אויפשטיין!... הינלייגן!... אויפשטיין!... הינלייגן!... אויפשטיין!... הינלייגן!... — אַזוי לאַנג, ביז עטלעכע פון אונדז זענען טאָקע געבליבן ליגן און קיינמאָל מער נישט אויפגעשטאַנען — דערפאַר האָבן מיר געוואַרט אויך אין טאָג פון יום־כיפור מער אויפן ערדישן יום הדין, ווי אויף דעם הימלישן.

ס'איז ערב יום־כיפור פאַרנאַכט. אַ סך פרומע ביי אונדז עסן שוין נישט מער זייער „אָוונט־ברויט". מען באַהאַלט עס אויף מאָרגן, אויף מוצאי יום־כיפור. די ווייניקער פרומע כאַפּן שנעל אַריין דאָס, וואָס זיי האָבן, מאָרגן וועלן זיי שוין פאַסטן. אויך אַ סך נישט־פרומע באַשליסן צו פאַסטן. אַ קרענק די „יעקעס", וועלן זיי אונדז שטערן! און מען ווינטשט זיך, אַז מען זאָל אינגיכן זיין פריי און אויסגעלייזט פון גלות, פון אונדזערע שונאים. דאַן לאָזט מען זיך אַוועק דערציילן זכרונות פון דער היים... „אַך, ביי אונדז אין שטעטל יום־כיפור וואָס עס האָט זיך געטאָן!... איך וויל שוין נישט רעדן פון די גוטע מאכלים, פון די גוטע פליישׂ־קרעפּלעך, וואָס מען האָט געגעסן ערב יום־כיפור".

— דערצייל, דערצייל, פון די גוטע פיש, פון צימעס, איי ווי גוט!

— טויטער קאָפּ, מען טאָר סייווי נישט עסן.

נאָך דער לעצטער סעודה איז מען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב מחילה־בעטן. דערנאָך האָט מען געזען אין דער שול־גאַס צוויי ווייסע לאַנגע שורות. איין שורה יידן און די צווייטע — ווייבער. די יידן אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען מיט יום־כיפור־ליכט און גרויסע מחזורים אין די הענט. ווייבער מיט ווייסע שאַלן אויף די קעפּ און פאַרוויינטע אויגן — און מען האָט זיך געווונטשן...

אַלע אין באַראַק האָבן זיך שטיל פאַרטיפט אין די אייגענע מחשבות, דערמאָנענדיק זיך אין די אַמאָליקע צייטן, אין דער היים, וואָס זעט איצט אויס אַזוי ווייט...

דער דערציילער האָט שווער אָפּגעזיפצט, זיך שטיל צעוויינט און אַנטשוויגן געוואָרן. אין אַ ווינקל פון באַראַק האָט זיך, לויט אַלע אמתע מאַראַנישע כללים, שטיל און האַרציק און מיט גרויס כוונה אָנגעהויבן „כל־נדרי". דער ניגון איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און העכער, פעסטער און זיכערער, אַזוי, אַז מען האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז מען געפינט זיך אין אַ היטלעריסטישן לאַגער און מען האָט גאַרנישט באַ־מערקט, ווי ביי דער טיר איז געשטאַנען דער עס־אַ־לאַגער־פירער און האָט זיך אַלץ צוגעהערט. און ווען דער חזן האָט מיט פרייד, האַרציק־חזניש אויסגעשריגן: „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך", האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן שטויס אין דער זייט און דערהערט די שטימע פון לאַגער־פירער: „וואָס מאַכט איר דען דאָ?!"... איך ווייס נישט, ווי איך האָב דעמאָלט אויסגעזען. איך געדענק נאָר, אַז מיטן גאַנצן כוח האָב איך אויסגעשריגן: „אַכטונג! מעלדע 20 יודען ביים פאַסט־טאָג־געבעט".

אַלץ איז פּלוצעם שטיל און פאַרשטייפט געוואָרן און געוואַרט דער־שראָקן, וואָס וועט איצט געשען?... הינטער מיר, דערהער איך אַ שטיל שושקען זיך: — אַז עכטער יום־כיפור, כ׳לעבן, ס׳וועט נאָך זיין מלקות אויך.

דער לאַגער־פירער פרעגט מיך: — וואָס בעטעט איר אייגענטליך צו אויערן ליבען הער גאָט, האַ!... דאס וויר זאָלען דען קריג פערשפּילען וואָס?... נאַ לאָס, אַנטוואָרטען זי! — און קלאַפּט מיר מיט דער בייטש איבערן פּנים — אַנטוואָרטען זי, יאַ אָדער ניין?!...

— אַז מיר זאָלן ווערן פריי — זאָג איך — בעטן מיר.

— דאַראַוף בראַוכט איר דאָך נישט צו בעטען. איר ווערדעט זאָוויזאָ פריי. אין אויערער היימאַט, אין אָשוויץ, דאָרט ווערדעט איר אַלע פריי

זיין... לאָס וויטער בעטען!... — קיינער רירט זיך נישט. — ווייטער בעטען, האָב איך געזאָגט — און איז אַרויס.

צומאָרגנס, יום־כּיפּור אין דער פרי — אַ גרויסער אַפּעל, דער לאַגער־פירער האַלט אַ רעדע:

— היינט, צו אייערן „פאַסט־טאָג־פעסט״ באַקומט איעדער פון אייך אַ טאָפּלטע ראַציע ברויט און אַ ספּעציעלע בונקער־זופּע. פאַסטן איז פאַרבאָטן און ווערט שטרענג באַשטראָפט. דאָס איז „סאַבאָטאַזש פון דויטשער אַרבעטס־קראַפט״, מיר וועלן זען ווער נישט ריכטיק אַרבעט, נאַ!!! דעמאָלט האָט איר צום לעצטן מאָל געדאַוונט. די דאָרטן, — ווייזט ער אויף אונדז — קאָמען הויטע צור בעזאָנדערער פערווענדונג. דער גאַנצער לאַגער האָט אַרויסמאַרשירט צו דער אַרבעט. און מיר, אונדזער גרופּע, האָט געוואַרט אויף אונדזער היינטיקן גורל — „די בעזאָנדערע פערווענדונג״.

אונדז צו היטן האָט מען מיטגעגעבן איינעם פון די ערגסטע רשעים־פּאָליציסטן. מיר האָבן אים גערופן דער „קוטשער״ דערפאַר, וואָס ער האָט געשלאָגן מיט אַ פורמאַנסקער בייטש, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן ביי זיך און צו אונדז גערעדט ווי צו פערד:

— העטאַ, לאָופען! שנעלער, פאַרפלוכטע הונדע!

אַזוי האָבן מיר אַרויסמאַרשירט פון לאַגער צום אַדאָלף־היטלער־קאַנאַל, ווו עס זענען געווען דורך אַ סאַבאָטאַזש־אַקט פון פאַרטיזאַנער צעריסן די שלוזן. צוואַנגס־אַרבעטער פון אַלע פעלקער פון די לענדער, וואָס היטלער האָט באַזעצט, און אויך קריגס־געפאַנגענע האָבן דאָרט געאַרבעט. די אַרבעט אונדזערע איז געווען די שווערסטע: טראָגן שטיינער און לאָדעווען ליים. די מיינסטע אַרבעט האָבן מיר געמוזט אויספירן לויפנדיק און די בייטש פון „קוטשער״ האָט זיך אַלע מינוט איינגעשניטן אין אונדזערע לייבער. ער האָט אָן אויפהער געשריגן:

— מאַזעס, פאַרפלוכטער יודע, ווילסטו לאָופען, שנעלער, לאָס, וויאָ, העטאַ, העטאַ!!! און אַ צי געטאָן מיט דער בייטש, אַ שמיץ איבערן פּנים און איבערן לייב, אַז מיר האָבן באמת געפילט, אַז היינט איז אונדזער יום הדין. קוים דערלעבט דעם פייף פון מייסטער אויף פרישטיק־פּויזע.

— איינער פון אייך קען ברענגען קאַווע פון דער בודקע, — האָט דער מייסטער געזאָגט. מיר האָבן אויסגעוויילט דעם עלטסטן ייד ביי אונדז, ווייל דער דאָזיקער אַלטער ייד איז געווען דער גרעסטער קרבן ביים „קוטשער״, זאָל ער גיין ברענגען קאַווע און זיך אַ ביסל אָפּרוען

פון די קלעפּ. אַט דער אַלטער שלמה קאַרנגוט איז געווען אַ פרומער טשעכישער ייד. ער האָט אַמאָל געדינט אַלס אָפיציר אין קייזער פראַנץ־יאָזעפס אַרמיי און שטענדיק ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיינע העל־דישקייטן און וויפל אויסצייכענונגען ער האָט באַקומען פון פראַנץ־יאָזעפן אַליין. ער האָט שטענדיק זיך געהאַלטן מעשה־זעלנער אין שריט און אין מאַרש, נאָר דאָ איז ער געווען צעבראָכן, קוים געשלעפּט זיך פון דער שווערער אַרבעט אָגן פון די קלעפּ. ער איז אַוועק ברענגען קאַווע.

דערווייל איז אָנגעקומען דער לאַגער־פירער מיטן זייער טרויעריק באַרימטן עס־עס־אָבערשטורמבאַנפירער מאַיאָר לינדנער, וואָס האָט „אויס־געזידלט" אַ העלפט פון פוילישן יידנטום, דער שעף איבער אַלע יידן־לאַגערן. פאַר אים האָט יעדער געציטערט אימת־מות, נישט בלויז יידן. ער האָט פאַר דער קלענסטער עבירה געשיקט קיין אושוויץ אין גאַז. זיינע שטענדיקע ווערטער זענען געווען: — „איר באַנדיטן, איר קומט אין אייער „היימאַט" קיין אושוויץ דורך דעם טויער אַריין און דורכן קוימען אַרויס!" — אַפילו די עס־אַ־וואַך האָט פאַר אים געציטערט. יעדער פון זיי האָט געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז אויפן פּאָסטן און מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן...

מיר זיצן אַלע אויף דער ערד, אָבער קיינער עסט נישט... לינדנער רופט דעם מייסטער און פרעגט, פאַרוואָס מיר באַקומען נישט קיין קאַווע — „אָרדנונג מוז זיין". דער מייסטער ענטפערט, אַז ער האָט שוין געשיקט אַ ייד קאַווע ברענגען פון דער בודקע, וואָס געפינט זיך אַ דרייהונדערט מעטער פון דאַנען. לינדנער און דער לאַגער־פירער וואַרטן... מיר מאַכן זיך לאַנגזאַם אויספּאַקן אונדזערע ברויט־ראַציעס, אָבער קיינער עסט נישט. דער לאַגער־פירער באַמערקט דאָס, ער שרייט צו אונדז: — פאַר־וואָס פרעסט איר נישט — איר פאַסט?...

— מיר וואַרטן אויף קאַווע — האָט איינער פון אונדז געענטפערט.

לינדנער ווערט אומרויק און שרייט: — וואו איזט דער ד. ק־יודע מיטן קאַפּע?! דער מייסטער זאָגט צו מיר: לויף שנעל זען, וואָס ס'האָט פּאַסירט, ווייל די פרישטיק־פּויזע איז באַלד געענדיקט, זי דויערט 10 מינוט.

איך לויף נישט־טויט, נישט־לעבעדיק צו דער בודקע, איך ציטער פאַרן אַלטן. דער „קוטשער" וועט אים היינט פאַרטיק מאַכן מיט דער בייטש. איך קום צו דער בודקע, רייס אויף די טיר — שטייט שלמה קאַרנגוט מיטן פּנים צו דער וואַנט און... שאָקלט זיך און קלאַפּט זיך אין

האַרצן מיט געוויין: — „אוי, אוי, אוי!!!... על חטא שחטאנו לפניך באונס וברצון — אוי, געוואַלט! געוואַלט! וויי און וויי!... אוי, על חטא שחטאנו לפניך"... — איך בין שטיין געבליבן, נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט, אָבער דערמאָנענדיק זיך אין לינדנערן, בין איך באַלד געקומען צו זיך און האָב שטיל געזאָגט: — „ר' שלמה, ווו איז די קאַווע?" קוקט ער מיך אָן און ענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ: — עד, עד, נו, יום־כיפּור!... און זאָגט ווייטער — על חטא שחטאנו... איך שריי שוין שטאַרקער — „ר' שלמה, דערבאַרעמט אייך, קומט מיט דער קאַווע, לינדנער איז דאָ?" — קאַרנגוט האָט מיך אָנגעקוקט דערשראָקן נישט גלויבנדיק, און געשאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגנדיק: — „אַד, אַד, נו, יום־כיפּור!..." דאָס האָט געזאָלט הייסן, אַז אין יום־כיפּור זאָל איך מיר אָזעלכע שרעקלעכע געלעכטערלעך נישט מאַכן און האָט ווייטער געזאָגט על חטא... איך בין געבליבן פאַרצווייפלט. זיי וועלן אים דערהרגענען. איך הייב זיך אָן שווערן, אַז איך בין טאַקע נישט קיין פרומער, אָבער גלויבט מיר, ווי היינט איז יום־כיפּור, אַז לינדנער איז אויף דער בוי־שטעלע. דערוויייל הערט מען פייפן — אויס פרישטיק. קאַרנגוט מאַכט אַ קליינע פּויזע, קוקט מיך אָן און זאָגט רעזיגנירט: „גייט צוריק און זאָגט, אַז איר האָט מיך נישט געפונען. איך וועל זיך באַהאַלטן. געפינען זאָלן זיי מיך ערשט אין אָוונט, זאָל מען מיך שיסן נאָך נעילה" — און ער הויבט מיך אָן אַרויסשטופּן פון דער בודקע, — „גייט שוין, גייט"! — „ניין, — זאָג איך — אָן אייך גיי איך נישט, מען וועט שוין עפּעס מאַכן, ס'זאָל גוט זיין". דרויסן זענען געשטאַנען פעסער מיט סמאָלע אויף צו שמירן דעכער. איך האָב גענומען אַ טאָפּ מיט סמאָלע און פאַר־שמוצט קאַרנגוטן, ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. — „און איצט" — זאָג איך — „נעמט די לערע קאַן און קומט". — ער האָט מיך געפאָלגט און איז געגאַנגען. — „זאָגט" — זאָג איך צו אים — „אַז איר זענט געפאַלן, אויסגעגליטשט זיך און אויסגעגאָסן די קאַווע". — ס'האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, וואָס וועט געשען?...

מיר קומען אָן, דער „קוטשער" איז געשטאַנען מיט דער בייטש אונדז מקיים־פּסק־צו־זיין, אויך דער לאַגער־פירער האָט געבּיסן די ליפּן און גע־וווּנקען, אַז מיר זאָלן שנעלער לויפן.

איך בלייב שטיין, קאַרנגוט לויפט צו ביז 3 מעטער פאַר לינדנערן, שטעלט זיך אָפּ, ציט זיך אויס ווי אַ סטרונע און שרייט:

— דער געוועזענער ק. או. ק. ־אָפיציר * פון דער געוועזענער עסטרייכישער קייזערלעכער אונד קעניגלעכער אַרמיי, סאַלאָמאָן קאַרנגוט, מעלדעט געהאָרכזאַמסט, דאָס ער מיט דעם קאָפּע אוסגערוטשט און הינגעפאַלן איסט!

לינדנער האָט זיך אויסגעדרייט און האָט זיך צעלאַכט און מיר האָבן אַלע געמיינט, אַז עס איז שוין גוט, דאָ האָט זיך דער „קוטשער" אָנגערופן:

— הער אָבערשטורמבאַנפירער, די יידן זענען שווינדלער, זיי פאַסטן הייַנט. הע, איר יודען־באַנדע, צייגט אייער „פוטער" הער! דאָס האָט געהייסן מיר זאָלן ווייזן אונדזערע ברויט־ראַציעס. אַלע האָבן געאַרבעט און קיינער האָט זיך נישט געמאַכט הערן. ער איז צו מיט רציחה צו קאַרנגוטן און אים אָנגעהויבן שלאָגן. אין גאַנצן צעווילדעוועט איז ער צו צו די אַנדערע און די בייטש איז געפלויגן, מיט אַ פייַפן דורכגעשניטן די לופט איבער אונדזערע קעפּ און זיך איינגעשניטן אין אונדזערע לייבער. אויך אין אַזאַ פאַל האָט קיין גאַלגן־הומאָר נישט געפעלט. אַ חבר לעבן מיר זאָגט שטיל: — „איצט האַלט ער ביי ונתנה תוקף, אוי, מי מאַרבעט ומי מבייטש"... — דער לאַגער־פירער האָט געוווּנקען אויפצוהערן שלאָגן און זיך צו אונדז געוואָנדן:

— אַלעס מאָל הערהערן! — די ברויט־ראַציעס ווערן זאָפאָרט צוריקגעגעבן, ווער פאַסטן וויל, קען רויִק פאַסטן, אָבער דריי טעג לאַנג באַקומט איר נישט צו פרעסן, אַרבעטן מוזט איר טראָצדעם ביז... איר וועט די קאָפּיטעס אויסציִען... פאַרשטאַנען?!...

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, מיר האָבן אָפּגעגעבן די ברויט־ראַציעס, גענומען די שפּאַדלעס, איינגעשניטן אין ליים און געוואָרפן אויף די וועגעלעך. שווער און ביטער איז געווען דער טאָג.

אין אָוונט האָט זיך די וואַך געביטן. עס איז געקומען אַ מער אָנשטענדיקער פּאָליציסט. ער האָט אונדז נישט געשלאָגן, ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן: „וואָס האָט איר געטאָן, וואָס מען באַשטראָפט אייך אַזוי שטאַרק מיט הונגער־טויט?..."

עס האָט זיך געשטעלט אַ הערלעכע לבנה־נאַכט.

— יידן, — האָט זיך איינער אָנגערופן, — מען קען שוין מחדש־לבנה זיין — מ'זעט שוין שטערן.

* קייזערלעכער אונד קעניגלעכער אָפיציר

אַ צווייטער האָט געזאָגט: — מ'קען שוין שופר בלאָזן... אַ דריטער: — מ'מעג שוין עסן!...

דערווייל האָט מען געלאָדן די וועגעלעך, וואָס זענען אַלע 15 מינוט אונטערגעפאָרן. פּלוצעם האָט דער ייִנגסטער ביי אונדז (15 יאָר אַלט) זיך צעוויינט. ער קען נישט מער. אַ גאַנצן טאָג הונגער און אַזאַ שווערע אַרבעט. — „זאָל מען מיך שיסן!" — האָט ער געבעטן וויינענדיק. — עס האָט אַלעמען געשניטןביים האַרץ. מיר האָבן פאַרגעסן אונדזער אייגענע פּיין, אָבער וואָס טוט מען פאַר אָט דעם יונגן, צאַרטן בחור? (אגב, איז דאָס געווען אַ מיידל. דעם סוד האָב בלויז איך געוווּסט. דריי טעג שפּעטער האָט מען אָוועקגעשיקט יוגנטלעכע פון אונדזער לאַגער און מיט זיי האָט מען אויך דאָס מיידל אָוועקגעשיקט).

אַזוי ווי איך רעד גוט דייטש, האָב איך געבעטן דעם מייסטער און דעם פּאָליציסט, זיי זאָלן מיר דערלויבן צו גיין אין בית כסא, וואָס איז געווען אַפּגערוקט אַ הונדערט מעטער פון אונדז. זיי האָבן מיר דערלויבט.

אַ פּאָר הונדערט מעטער פון אונדז האָבן געאַרבעט ענגלישע קריגס־געפאַנגענע סאָלדאַטן און אַנדערע ציווילע פון פאַרשידענע לענדער. איך האָב געקלערט זיך צוגנבענען צו זיי און בעטן עפּעס עסן פאַרן קליינעם „יאַט" אונדזערן. אויפן וועג האָב איך געטראָפן אַ פּאָליאַק. איך פרעג אים — אָוווּ אַרבעטן דאָ די ענגלענדער? — זאָגט ער צו מיר: ביסט אַ זשיד? — זאָג איך, אַז יאָ. — ווייזט ער מיר, אַז אָט דאָ אַרבעטן די ענגלענדער און אַ ביסל ווייטער אַרבעטן ענגלישע יידישע געפאַנגענע סאָלדאַטן. איך בין געבליבן שטיין פאַרגאַפט — יידישע סאָלדאַטן?... אָבער ווי אַזוי קומט מען צו זיי?... אויב די זעלנערישע וואַך וועט מיך דאָרטן זען, קום איך מער נישט צוריק. איך ווער באַלד אויפן אָרט דער־שאָסן. איין אויסוועג איז דאָ, אָבער דאָס מוז שנעל געשען, לענגער ווי 10 מינוט טאָר איך זיך נישט זוימען. ווען איך האָב איצט אַ זעלנערישן שינעל, אָבער ווו נעמט מען אים?... נאָר אָט זע איך ווי ענגלישע סאָל־דאָטן לייגן אָוועק זייערע מאַנטלען אויף אַן אומגעלייגטן בוים און גייען אַ פּופּציק מעטער ווייטער צו זייער אַרבעט. איך בין שנעל צו צו דעם אָרט, אָנגעטאָן אַזאַ מאַנטל, דעם קראַגן אויפגעשטעלט און אַריין אין זעלנע־רישן בית־כסא. דאָס בית־כסא איז געווען איינגעטיילט — איין זייט פאַר ענגלישע סאָלדאַטן און די צווייטע זייט פאַר יידישע. פון דרויסן האָט זיך געהערט די קאָמאַנדאָ־רופן פון די דייטשע מייסטערס, וועלכע האָבן זיך דאָס אויסגעלערנט אין העברעיש — „קדימה!", „יחד", „אחת, שתים,

שלוש", „פאָרוועַרטס!... לאָס!... קדימה!..." אָבער די יידישע זעלנער האָבן זיך נישט געאײַלט, נישט מורא געהאַט פאַר די דײַטשן אַזוי ווי מיר, זיי האָט מען נישט געטאָרט שלאָגן, פאַרט ענגלישע סאָלדאַטן. איך קוק אַריבער אויף דער צווייטער זײַט און זע, ווי אייניקע יידישע סאָלדאַטן שטייען, רויכערן און שמועסן אין העברעיִש. איך רוף שטיל: — „יהודים, שלום!" — זיי קוקן מיך אָן פאַרוואונדערט און איינער ענטפערט מיר: „שלום", נאָר אַ צווייטער זאָגט צו אים: „שתיקה!" שווייג, ענטפער נישט, אַ דײַטשער שפּיאָן אַוודאי, וואָס קען אַ ביסל העברעיִש און יידיש. איך זאָג: „נישט אמת יידן, כ'בין אַ ייד! אַ ייד פון פוילן, כ'בין נישט קיין סאָלדאַט". כ'עפן אויף דעם מאַנטל און ב'ווייז זיי מײַן געלן מגן־דוד, דעם „יודען־שטערן". איינער פון זיי איז אַרויס און געבראַכט אַן אָפיציר, וועלכער האָט מיך געפרעגט, צי איך רעד העברעיִש, ער וויל בעסער רעדן העברעיִש, ווי יידיש, מען זאָל נישט פאַרשטיין וואָס מיר שמועסן. אָבער באַלד האָט ער מיר דערציילט אין אַ זאַפטיקן יידיש, אַז זיי זענען פון ארץ־ישראל. מען האָט זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט אויף דעם אינדזל קרעטאַ. מיט וואָס קענען זיי מיר העלפן? — האָט ער מיך געפרעגט — און איך האָב אים אַלץ דערציילט.

ער איז אַרויס. נאָך אַ פּאָר מינוט איז ער צוריקגעקומען, מיטברענגענדיק אַ לעבל ברויט פון אַ קילאָ, ציגאַרעטן, שאָקאָלאַד, זייף. „נאַ, נעם דאָס דערווײַל, און זאָג דײַנע — אונדזערע חברים — בלי יאוש... יהיה טוב..." איך האָב נישט געקענט ענטפערן. איך האָב זיך צעוויינט. איך האָב שוין נישט געהאַט געגלויבט, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל אונדז קענען העלפן. איך האָב מײַנע הויזן פאַרבונדן מיט שטריקלעך, צעשניטן ס'ברויט און זיך אַרומגעפּאַקט. צוריקקומענדיק, האָב איך דעם פּאָסטן אָוועקגערופן אין אַ זײַט און אים געזאָגט, אַז איך האָב געפונען אַ שאַכטל ענגלישע ציגאַרעטן און אַ טאָוול שאָקאָלאַד און איך וויל אים דאָס געבן. דאָס זעלבע האָב איך געטאָן מיטן מייסטער און מען האָט אונדז אין דער נאַכט מער נישט געיאָגט ביי דער אַרבעט. מיטן רעשט האָבן מיר זיך צעטיילט.

איינס אַזייגער ביי נאַכט זע איך, ווי עס דערנענטערט זיך צו אונדז עפּעס אַ שאָטן און רופט: „חברה, קען מען קומען צו אײַך"? איך בין צו מײַן וואַך־פּאָסטן און אים געזאָגט, הער וואַכמייסטער, וואָלטן זי ציגאַרעטן האָבן? — ער האָט מיך פאַרשטאַנען... דער חבר איז געקומען מיט אַ וועגעלע, אין וועלכן עס איז געלעגן שטיינער און ערד

און אונטן — ברויט, מאַרמעלאַדע, די גאַנצע יום־כּיפּורדיקע טאָג־ראַציע פון זייער גאַנצער גרופּע האָבן זיי מנדב געווען פאַר אונדז, און אַחוץ דעם אַ פּאַר „רויטער־קרייץ״־פּעקלעך. מען האָט געמוזט זיך איילן, ווייל די וואַך קען זיך טוישן, דעמאָלט איז ער אַ פאַרלוירענער. מיר האָבן שנעל אויסגעגראָבן אַ גרוב, דאָס אַלץ אַריינגעלייגט, זיך צעקושט און געזעגנט.

✶

איר שטאָלצע, געוועזענע ייִדישע געפאַנגענע סאָלדאַטן פון ארץ־ישראל אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן געאַרבעט ביים „אַדאָלף־היטלער־קאַנאַל״ — אייער גרויסע הילף, וואָס איר האָט אונדז דעמאָלט געגעבן און אייערע האַרציקע און שטאַרקע טרייסט־ווערטער: בלי יאוש!... יהיה טוב... ס'וועט גוט זיין חברה!... — קלינגען מיר נאָך היינט אין די אויערן, איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַליין געפאַנגענע, האָט איר אָוועקגעגעבן אייערע טעגלעכע ראַציעס: ציגאַרעטן, שאָקאָלאַד, טיי, פעטס, זייף, וועש און נאָך זאַכן, וועלכע זענען דעמאָלט פאַר אונדז געווען אַ חלום. איר האָט טויזנטער מאָל איינגעשטעלט אייערע לעבנס, בכדי אונדז צו העלפן און נישט איינמאָל אָפּגעראַטעוועט אונדז און מיך בתוכם.

דעמאָלט האָב איך אָנגעשריבן אַ דאַנק־ליד פאַר די ישראלדיקע סאָלדאַטן. נאָך דער מלחמה, האָט עס שלמה סלודש־סלע אַריינגעגעבן אין זיין בוך „ב כ ב ל י ה ש ב י״ (יומנו של חייל עברי בשבי הנאצים 1940—1945), „מן המוקד״ — הוצאת „עם עובד״ — „דפוס דבר״, תל־אביב תש״ו.

און אָט איז דאָס ליד:

חבר, נעם אָן מיין דאַנק
און זיי געשטאַרקט, דו האָסט מיין האַרץ געהיילט
פון ווייטיק
אין מיין האָפענונגלאָזיקייט — אַ טרייסט געגעבן.
נעם אָן מיין דאַנק, חבר,
איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
דו, וועלכער ביסט געקומען, ווי אַ מלאך פון הימל

אַליין געבונדן אין קייטן — פֿאַרשמאַכט
און צו מיר געשמייכלט — האַרציק געלאַכט
און אין מיין צעווייטיקטער נשמה — חיות אַריינגעבראַכט,
בלייב געשטאַרקט, מיין חבר,
דיין שטאַרקייט האָט ליכטיק געמאַכט
אונדזערע פינצטערע טעג.
איך האָב דאַן געוויינט און געלאַכט
ווען דו האָסט מיך שמייכלדיק געטרייסט :
„הכל יהיה בסדר", „בלי יאוש".
נעם אָן מיין דאַנק, מיין חבר,
מיט כבוד בויג איך דעם קאָפּ פאַר דיר.
בלייב שטאָלץ און מוטיק, אַזוי ווי דו ביסט,
און ווער קיינמאָל נישט מיד —
דו שטאָלצער, גרויסער ייד !

ערנפאָרסט, 1942

שמחת תורה

אין בלעכהאַמער לאַגער

עס איז געווען דער לעצטער הייסער טאָג פון זומער — די זון האָט אומברחמנותדיק געברענט. מיר זענען געשטאַנען פון פאַרטאָג אויסגעמאַטערטע און מיט די לעצטע כוחות אויסגעגראָבן פּניאַקעס (וואָרצלען) פון עטלעכע אָפּגעשניטענע ביימער. מ׳האָט געמוזט אָפּרוימען דאָס פעלד פאַר דער נייער פאַבריק, וואָס וועט געבויט ווערן אויף אַרויסצובאַקומען סינטעטישן בענזין — די באַרימטע „הערמאַן גערינג ווערקע״.

עס איז שוין באַלד מיטאָג־צייט, מיר וואַרטן אויפן באַפעל אָפּצושטעלן די אַרבעט אויף 15 מינוט, כדי צו עסן אונדזער מאַלצייט — די ראַציע ברויט. און פּלוצעם, אַ האַלבע שעה פאַר דער מיטאָג־פויזע, הערט מען פייפן מיטן באַקאַנטן אויסגעשריי: „אַלעס אַנטרעטען!״ מען ציילט אונדז. די צאָל שטימט. מען הייסט אונדז יעדן נעמען אַ פּניאַק אויף די פּלייצעס. מיט די לעצטע כוחות נעמען מיר די פּייכטע, נאָר וואָס פון דער ערד אַרויסגעצויגענע פּניאַקעס און מיר שטעלן זיך איינער אונטער דעם אַנדערן.

— אַפּטיילונג מאַרש! לינקס, לינקס, לינקס אונד לינקס! — מיר מאַרשירן.

— וווּהין גייען מיר? — פרעגט איינער דעם צווייטן, יעדער וויל עפּעס טרעפן.

— עס איז זיי אַ שאָד אויטאָס, בענזין, ווילן זיי מיר זאָלן דאָס אַלץ אוועקרוימען.

זעען מיר אָבער, אַז אַנדערע קאָלאָנעס מאַרשירן אויך, וווּהין גייען זיי? זיי טראָגן דאָך שוין נישט קיין פּניאַקעס.

— יידן, מיר גייען צוריק אין לאַגער — מ׳וועט אונדז אַהיימשיקן, אַמעריקע וויל אַזוי.

— אַמעריקע!?... אַמעריקע האָט דיך אַ סך אין זינען. קיין אוישוויץ וועט מען אונדז שיקן.

— חברה, הערט אויף מיט אייערע מעשיות. היינט איז דאָך סוכות, זמן שמחתנו, לאָמיר כאַטש מיטנעמען אַ ביסל סכך.

— וואָס טויג דיר סכך, האָסט אַ סוכה?

— מ׳וועט שוין מאַכן.

— מאָול האַלטען, יודענפּאַק! — האָט זיך צעריטשעט אונדזער שומר — און געזוכט אַ קרבן פאַר זיין שטעקן. אַזוי זענען מיר צוגעקומען צו אונדזער לאַגער, אַנידערגעלייגט די פּניאַקעס און זיך אָוועקגעשטעלט אויפן אַפּעל־פּלאַץ און געוואַרט.

די קאָלאָנעס האָבן איינע נאָך דער אַנדערער אַריינמאַרשירט און זיך אַוועקגעשטעלט, ביז דער לאַגער־עלטסטער האָט געמאָלדן, אַז אַלע קאָלאָנעס זענען שוין דאָ, האָט מען אונדז געציילט. עס שטימט.

2000 יידן שטייען אויפן אַפּעל־פּלאַץ מיט שפּאַנונג, וואָס ווילן זיי פון אונדז? וואָס איז געשען?... פאַרוואָס האָט מען איבערגעריסן די אַרבעט?... וועט מען אונדז אַהיימשיקן?... אָדער... און דאָ זעען מיר, ווי מען הענגט אויף אַ גרויסע טאָוול מיט אַ טויטנקאָפּ אויפגעמאָלט און אויפגעשריבן: פ א ר ז י כ ט! א נ ש ט ע ק ו נ ג ס־ג ע פ א ר!!! ק ו ו א ר א נ ט ע ן! ה י ר ה ע ר ש ט ד י ר ו ר! (דיזענטעריע).

מ׳הייסט אונדז גיין אין די באַראַקן. אין די באַראַקן איז געווען שאַ־שטיל, מיר האָבן נישט געוווּסט, צי מיר זאָלן זיך פרייען מיט אונדזער קראַנק זיין, ווייל מען וועט אונדז נישט יאָגן צו דער שווערער אַרבעט, און דערצו וועט די ס.אַ.־וואַך נישט קומען אין לאַגער, זי האָט מורא פאַר אַנשטעקן זיך — און מיר וועלן אַ ביסל אָפּאָטעמען, צי גאָר, ווער ווייסט?...

דעם ערשטן טאָג זענען מיר געלעגן אויף די בעטן — זיך דערציילט מעשיות פון אַמאָל וועגן סוכות אין דער היים. שפּעטער וועגן פאַראייניגן, אָרגאַניזאַציעס, פאַרזאַמלונגען, בלימלטעג, טעאַטער...

פּלוצעם פרעגט איינער:

— חברה, וואָס וועט מען טאָן מיט אונדז, מיט די 2000 קראַנקע יידן?

די גוטע שטימונג איז איבערגעריסן געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן ברומען טרויעריקע נגונים, געזונגען יידישע, העברעישע פאָלקס־ און אַרבעטער־לידער.

איינער האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען מיט אַ יום־טובדיקן נוסח. אַנדערע האָבן צוגעהאָלפן, ביז עס איז שטיל געוואָרן. די נאַכט איז צוגעפאַלן מיט אַ שרעק־געפיל: ווער ווייסט וואָס אין דער נאַכט קען געשען?...

וואָס טויגן זיי 2000 קראַנקע יידן? מיר האָבן באַקומען אונדזער אָונט־ראַציע און מיט אַ שווער האַרץ זיך געלייגט שלאָפן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען טאָג. מ׳האָט נישט געוועקט, מיר האָבן נישט געמוזט אַראָפּשפּרינגען צום אַפּעל, נאָר גע־בליבן אין די בעטן. ווער עס האָט געוואָלט איז אויפגעשטאַנען. מיר זענען געווען צופרידן און אפשר גליקלעך, וואָס מיר זענען קראַנק. מען יאָגט נישט צו דער שווערער אַרבעט, מען פּייניקט נישט און מען שלאָגט נישט. זיי האָבן מורא אונדז אָנצורירן, זיי זאָלן נישט קראַנק ווערן — מיר האָבן געפילט עפּעס אַ שטיקל נקמה.

פרומע יידן האָבן צוזאַמענגעלייגט די פּניאַקעס, געמאַכט אַ סוכה און זי פאַרדעקט מיט סכך.

אין אָוונט, הושענה רבה, דערהערט זיך פּלוצעם אַ געיאָמער פון די סירענעס — אַלאַרם! ס׳ווערט פינצטער אין לאַגער. בלויז אַ ליכטל ברענט אין דער סוכה. ווער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל? און ווער זיצט דאָס דאָרט איצט אין דער סוכה?... אַרויסגיין טאָר מען נישט. ס׳הערט זיך אַ מוראדיקע שיסעריי — אַ גיהנום, ס׳ווערט ליכטיק ווי ביי טאָג, ס׳זעט אויס ווי די גאַנצע וועלט טרייסלט זיך און ברענט. צו ביסלעך איז ווידער שטיל געוואָרן. אַ שעה לאַנג איז געווען אין גאַנצן רויק און אַבסאָלוט פינצטער, פּלוצעם האָבן זיך אָנגעצונדן אַרום דעם לאַגער ריזיקע רעפלעקטאָרן — ס׳הערט זיך אַ בילן פון הינט און דורכן מיקראָפאָן הערט מען אַ שנײַדיקע שטימע:

— אַפּעל! — אַלע לויפן אַרויס, שטעלן זיך אין דער ריי.

דער לאַגער ווערט אויפגעפאָדערט איבערצוענטפערן דעם, וואָס האָט געגעבן, באַהאַלטנדיק זיך אונטער די פּניאַקעס, ליכט־סיגנאַלן צו די פיינטלעכע עראָפּלאַנען. עס ווערט געגעבן אַ שעה צייט אויף אויסצו־געפינען דעם פאַרברעכער.

מען הייסט אונדז צוריקגיין אין די באַראַקן. אַ שעה־צייט, מיר וואַרטן מיט שפּאַנונג וואָס וועט געשען? ווער איז געווען אין דער סוכה? די צייט איז אָן אייביקייט, און דאָך לויפט זי. עס איז פאַרביי אַ שעה.

— אַלע שטובן־עלטעסטע אָנטרעטן! — פון 30 שטובן לויפן אַרויס די שטובן־עלטעסטע און שטעלן זיך אויס אין אַ ריי.

דער לאַגער־קאָמענדאַנט פרעגט: — ווער האָט געגעבן די ליכט־סיגנאַלן צו די עראָפּלאַנען?

די 30 שטוב־עלטעסטע שווייגן.

— נו, וועט איר אַזוי לאַנג דאָ שטיין ביז איר וועט זאָגן, ווער עס האָט געגעבן די דאָזיקע סיגנאַלן.

די שטובן־עלטעסטע זענען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג. די וועלכע האָבן געחלשט, האָט מען אָפּגעמונטערט און ווידער צוריק אַוועקגעשטעלט. אין אָוונט האָט מען זיי געהייסן גיין אין די באַראַקן אָפּעסן און אין משך פון אַ שעה צייט אויסגעפינען דעם, וואָס האָט געגעבן די ליכט־סיגנאַלן. נאָך אַ שעה האָט מען זיי ווידער גערופן.

— אַלזאָ, ווער האָט געגעבן די סיגנאַלן?

אַלע דרייסיק שווייגן.

— צעהאַקן די פּניאַקעס אויף קליינהאָלץ! — איז געפאַלן דער באַפעל.

אונטער אַ שטאַרקער שמירה האָבן זיך די שטובן־עלטסטע אַוועקגע־שטעלט מיט די העק צו צעהאַקן די פּניאַקעס. ערשט אויף צומאָרגנס שמחת־תורה אין דער פרי האָבן זיי באַקומען איין שעה אויף אָפּרו. אָפּצועסן און אויסצוגעפינען: ווער עס האָט געגעבן די ליכט־סיגנאַלן.

נאָך אַ שעה צייט רופט אויס דער מיקראָפאָן:

— איך פרעג צום לעצטן מאָל: ווער האָט געגעבן די ליכט־סיגנאַלן צו די פיינטלעכע עראָפּלאַנען?

די שטובן־עלטעסטע שווייגן.

— דאָס גאַנצע לאַגער אַנטרעטן! — אַלע לויפן דערשראָקן און פאַר־סאָפּעט אַרויס און שטעלן זיך אין אַ ריי, מען ציילט, עס שטימט.

— ווער פון אייך האָט געגעבן די ליכט־סיגנאַלן צו די פיינטלעכע עראָפּלאַנען, זאָל זיך פריוויליק מעלדן, עס וועט אים גאָרנישט געשען.

אַלע שווייגן, קיינער רירט זיך נישט פון אָרט.

די שטימע אין מיקראָפאָן מיט כעס: — שטילשטאַנד!!! — אַלע שטעלן זיך גראָד.

— רעכטס אום! אַלע דרייען זיך אויס רעכטס.

— אַלע אַנידערקניען — אַלע קניען — מאַרש, מאַרש! — אַלע מאַרשירן אויף די קניען אַ קילאָמעטער אַרום די באַראַקן.

— שנעלער, שנעלער! — מע טאַפּטשעט שנעלער, מען פאַלט איינער איבערן אַנדערן, עס ווערט אַ קנויל פון מענטשן דערשטיקט צו ווערן.

— אַלע אויפשטיין! — אַלע שטעלן זיך מיט די לעצטע כוחות אויף.

— אין לויפשריט, מאַרש, מאַרש! — אַלע לויפן, די היץ איז שרעק־לעך, ס'איז אַ שטויב, אַז איינער זעט קוים דעם צווייטן, די צונג איז האַרט

ווי אַ לעדער. מ׳הערט בלויז: איינס, צוויי, דריי, פיר, שנעלער! שנעלער! מען פילט, אַז די כוחות לאָזן אָפּ און מען פאַלט אַוועק. און מיר מאַר־שירן און מאַרשירן אַרום די באַראַקן.

פלוצעם שרייט אַ ייִד אויס:

— ייִדן! היינט איז שמחת־תורה. מיר מאַכן הקפות — און ער הויבט באַלד אָן: „אתה הראת לדעת, כי ד׳ הוא האלהים אין עוד מלבדו״. און מיט אַלע כוחות שרייט ער: „עושה נפלאות גדולות לבדו, כי לעולם חסדו״.

און טויזנט שטימען העלפן אונטער, און עס הויבט זיך אָן אַ געזאַנג מיט פּאַטשן אין די הענט:

— אוי, ווען וועט זיין די גאולה?...

— אוי, ווען וועט זיין די גאולה?... 2000 ייִדן גייען, טאַנצן און זינגען:

עוד לא אבדה תקותנו
התקוה שנות אלפיים
להיות עם חפשי בארצנו
ארץ ציון וירושלים...

פון אַלע לאַגערן, פון רוסישע, אוקראַינישע, פּוילישע, בולגאַרישע, יוגאָסלאַווישע, ענגלישע און פראַנצויזישע שטייען טויזנטער געפאַנגענע ביי די דראָטן, קוקן און שטוינען: וואָס איז געשען ביי די ייִדן, וואָס טאַנצן און זינגען אַזוי ווי משוגע?...

זענען זיי באַפרייט געוואָרן, אָדער איז שוין סוף מלחמה?... און דאָס געזאַנג ווערט אַלץ שטאַרקער און העכער.

אַ, ווי לאַנג, אַ, ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן,
און טראָגן די שענדלעכע קייט?...

עס באַווייזן זיך די ס.ס.־ און ס.אַ.־מענער מיט גרויסע הינט, מיט־ראַיעטן און באַטקעס אין די הענט.

פון מעגאַפאָנען שרייט עס אַרויס: אַלעס שטיין בלייבן!...

קיינער הערט נישט. דאָס געזאַנג ווערט שטאַרקער און ווילדער. אַלץ מישט זיך אויס: עוד לא אבדה תקותנו... ווען וועט זיין די גאולה... אַ, ווי לאַנג, אַ, ווי לאַנג וועט איר בלייבן שקלאַפן!...

ביז דאָס טויער האָט זיך אויפגעפּראַלט. דאַן האָט מען געהערט שטאַרקע שאָסן — די הינט זענען אויף אונדז אַרויף...

דער מעגאַפאָן האָט געשריגן: אַפּעל! אַלע אַנטרעטן!

לאנגזאַם האָבן אַלע זיך אויסגעשטעלט, מען האָט אָפּגעציילט, איינער האָט געפעלט.

מען האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ טויטן. —

קנאַפּע 2000 יידן האָבן שטילערהייט קדיש געזאָגט, געביילט 2000 פאַר פויסטן, געקוקט צום הימל און געוואַרט אויף נקמה.

זאָג נישט קיינמאָל

אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג

אַממערסטן נאָגנדיק ביים האַרצן און טרויעריק אויף דער נשמה איז געווען בעת די יידישע יום־טובים אין די קאַצעט־לאַגערן. דווקא אין יום־טוב־טעג האָבן די דייטשן צוגעטראַכט די שווערסטע אַרבעט. זענען מיר דערנאָך געלעגן טויט־מיד און דערשלאָגן אויף אונדזערע געלעגערס און געחלומט וועגן די עכט־יידישע יום־טובים אין דער היים. עס האָבן זיך געהערט שטילע קרעכצן, קרעכצן געמישט מיט טרערן און מיט אַ נאָגנדיקן ברומען. צו ביסלעך איז דאָס ברומען איבערגעגאַנגען אין אַ ניגון. דער ניגון איז גיך אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך אַלע אויף די געלעגערס, און באַלד האָט דער גאַנצער באַראַק געזונגען, פריער שטיל, דערנאָך העכער, וואָס אַ מאָל העכער.

מען האָט זיך דערמאָנט חסידישע ניגונים, פאָלקסלידער, אַרבעטער־לידער, חלוצישע געזאַנגען. מען האָט זיך אַזוי צעזונגען, אַז מען האָט פאַרגעסן די טויט־מידקייט, דאָס מאָגערע נאַכט־עסן און די פינצטערע לאַגער־ווירקלעכקייט.

— ווער לאַגער, וואָס לאַגער... מען האָט זיי אין דער אדמה!

און אַז דער רבי אלימלך,\
איז געוואָרן גאָר פריילעך...

און פּלוצעם: פאַרגעסן אַ שורה.

— משה, אפשר געדענקסטו, ווי עס גייט ווייטער? ווי הייבט זיך אָן די ווייטערדיקע סטראָפע?

וואָס זוכסטו דאָ, מיין מיידל?\
וואָס האָסטו פאַרלוירן,\
וואָס ווילסטו געפינען אין גראָז?\
איך זוך מאַרגאַריטקעס\
איך זוך מאַר־גאַ־ריט־קעס...

און מען בלייבט שטעקן. פאַרלוירן דעם פאָדעם.\
און עמעץ נעמט אַרויסהעלפן:

פאַררויטלט זיך חוה, פאַררויטלט זיך, טראַ־לאַ־לאַ...

אַזוי האָט איינער אַרויסגעכאַפּט און אַרויסגעהאָלפן דעם צווייטן, צוזאַמענגעשטיקעוועט אַ ליד. אָפט פלעגט מען צופּאַנטאַזירן, צוקאָמפּאָנירן נייע ווערטער, נייע שורות, בכדי דאָס ליד זאָל קלאַפּן, זאָל קלינגען גוט פאַרן אויער

— מען דאַרף פאַרשרייבן! — האָט עמעץ געזאָגט.

— ריכטיק! אָבער מ י ט ו ו אָ ס פאַרשרייבן, און א ו י ף ו ו אָ ס ? און אויב עס וועט שוין זיין אַ בליי און פּאַפּיר, און די דייטשן וועלן כאַפּן ? נו, וועט דאָך זיין אַ בראָך צו אונדז!

בלייבט: מען דאַרף פאַרגעדענקען, איינחזרן, גוט איינקריצן אין זכרון יעדע סטראָפע, יעדער איינער... אפשר בלייבט נישט מער פון אונדז ווי איין און איינציקער, זאָל צוזאַמען מיט אים בלייבן לעבן דאָס יידישע ליד... מיר מוזן פאַר־גע־דענ־קען.

איז אין באַראַק געוואָרן אַ „מגפה" פון זינגען. ווו מען איז געגאַנ־גען און ווו מען איז געשטאַנען, האָט מען געברומט, געזונגען, רעציטירט, זיך אויסגעהערט, דערמאָנט, נאָכגעפרעגט זיך ווי עס גייט ווייטער, ווי עס הייבט זיך אָן די נייע סטראָפע פון אַזאַ אָדער אַנדער ליד פון פּרץ, מאָריס ראָזענפעלד, יצחק קאַצענעלסאָן, ביאַליק, לייוויק, צי פון וועלכן ס'איז פאָלקס־ליד.

אומעטום, ביי דער שווערסטער אַרבעט, אין די גרעסטע פרעסט, ביים אַפּעל, אין די באַראַקן, וועון עס האָט געמוזט הערשן אַ טויט־שטילקייט — האָט חברה געברומט, געצויגן אַ ניגון. אַפילו אינעם קראַנקן־רעוויר — אויסגעמאַטערט און טויט־קראַנק. מען פיבערט און... מען זינגט.

וואָס וועט זיין מיט דעם רבין, דעם פרומען,
במהרה בימינו, אַז משיח וועט קומען?
עס וועט דאָך זיין אַ ליכטיקע וועלט...
אפילו אין בית־כסא האָט מען „געזונגען".

✶

באַלד נאָך דער באַפרייונג, אין בערגען־בעלזען, האָבן מיר געשאַפן אַ גרופּע פון מיידלעך און בחורים און מיר האָבן זיך געלאָזט איבער די באַראַקן פאַרשרייבן. פיל זענען געלעגן אין גרויסער היץ, טויט־קראַנקע, און מיר האָבן זיך ביי זיי געבעטן — זינגען. אפשר וועט דאָס ליד מיטן טויט פונעם זינגער פאַרשטומט ווערן אויף אייביק? דאַרף מען עס וואָס שנעלער פאַרשרייבן!

אין גיכן גרינדן מיר אַ טעאַטער־סטודיע. מיר טראָגן נאָך די געשטרייפטע לאַגער־בגדים, און שוין שפּילן מיר טעאַטער, אינסצעניזירן פּיעסן, אין וועלכע מען פלעכט אַריין די לידער, בכדי זיי געבן אַ לבוש און אַ געשטאַלט.

איך שרייב פון זכרון אַן אַקט פון „גואל" פון עמיל בערנהאַרד, אַ משיחיש שטיק, וואָס איך האָב פאַר דער מלחמה אויסגעפירט אין סאָסנאָוויץ און דאָן אויך אין היטלעריסטישן צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגער, בונצלאַו. איך באַשליס צו אינסצעניזירן דאָס ליד פון געבירטיג „ס'ברענט".

די אַנדערע סצענעס זענען געווען געבויט אויף פאָלקס־, אַרבעטער־ און חסידישע לידער.

און אָט איז געקומען דער טאָג פון דער ערשטער פאָרשטעלונג אין בערגען־בעלזען. דער לאַגער קאָכט. מען גרייט זיך אין גרויס פיבער. דאָס ערשטע מאָל נאָך דער באַפרייונג — אַ יידיש טעאַטער מיט יידישע לידער.

גראָד איז פאָרגעקומען דער נירענבערגער פּראָצעס. אַ גרויסער טייל זשורנאַליסטן און יידישע פאָרשטייער פון אַלע עקן וועלט, פון אָרגאַניזאַציעס און פון אַליִירטע אַרמייען (אויך פון דער יידישער בריגאַדע) איז געקומען אין פעלד־טעאַטער. דער עולם איז עלעקטריזירט. מען הערט דאָס ערשטע מאָל „עס ברענט". דער זאַל שטורעמט. די אויסלענדישע געסט פאַרלאַנגען אַז אויפהער מען זאָל איבערחזרן דאָס ליד. אַלע זינגען מיט.

בעת דער פויזע קומט צו צו אונדז אַ פאָרשטייער פון אַ יידיש־ענגלישער הילף־אָרגאַניזאַציע און בעט זינגען ביים סוף דעם ענגלישן הימן, ווייל מיר זענען דאָ אין דער ענגלישער זאָנע און עס איז אַנווענדיק אַן ענגלישער גענעראַל. חברה „אַקטיאָרן" איז אויפגעקאָכט: פאַרוואָס עפּעס דעם ענגלישן הימן, פאַרוואָס נישט די „התקוה"? פאַרוואָס נישט די „שבועה", פאַרוואָס נישט דעם „אינטערנאַציאָנאַל"?

און מיר באַשליסן: דאָס פּאַרטיזאַנען־ליד פון הירש גליק:

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
ווען הימלען בלייענע פאַרשטעלן גרויע טעג.
ווייל קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט, מיר זענען דאָ!

דער גאַנצער אַנסאַמבל האָט געזונגען מיט ברען און התלהבות און דער גאַנצער עולם האָט מיטגעזונגען מיט דעם זעלבן ברען און מיט דער זעלבער התלהבות.

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...
(„קאַצעט־טעאַטער", „די טאָטענקלאַנגע")

יאָמע שוסטער

אין דער היים האָט יאָמע שוסטער מפרנס געווען זיין ווייב און קינדער מייסטנס פון לאַטען שיך. ער האָט ליב געהאַט צו זיצן אין דער איינציק יידישער ביבליאָטעק אין שטעטל און לייענען אַ בוך, אָדער זיך צוהערן צו אַ רעפעראַט פון אַ פּרעלעגענט, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט קומען.

אַזוי האָט יאָמע שטיל געלעבט, און די טעג זענען געגאַנגען איין טאָג ווי דער אַנדערער.

אַנדערש איז געווען אין אַן ערב יום־טוב, ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ ביסל מער אַרבעט, אַ מאָל אויך אַ פּאָר נייע שיך אָדער שטיוול. דעמאָלט האָט יאָמע באַוויזן, וואָס ער קען. ער האָט געגעבן זיין ווייב גענוג געלט אויף איינצוקויפן און צוצוגרייטן „אַלדאָס גוטס" און נאָך דער יום־טובדיקער סעודה האָט ער זיך מיט זיין ווייב און קינדערלעך אויסגעפּוצט און אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבערן שטעטל, כדי אַלע יידן זאָלן זען, אַז יאָמע איז נישט אַבי ווער.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז דער גורל פונעם שטעטל געווען דער זעלבער ווי פון אַלע יידישע שטעטלעך — אַ גרויסן טייל יידן האָבן די דייטשן אויסגעהרגעט און אַ טייל פאַרשיקט אין די לאַגערן און צווישן זיי אויך יאָמען.

אין לאַגער איז יאָמע געווען דער לאַגער־שוסטער און ס'איז אים דווקא „נישט שלעכט געווען". געהאַט אַפּצועסן צו דער זעט, ווייל אַחוץ וואָס ער האָט געלאַטעט שיך פאַר די לאַגער־געפאַנגענע, האָט ער אויך געאַרבעט פאַר דער לאַגער־וואַך, געמאַכט פאַר זיי נייע שטיוול, אָדער פאַר זייערע פרויען און קינדער — נייע שיך.

איז אַן עס.עס.־מאַן אָדער עס.אַ.־מאַן געווען צופרידן פון די שטיוול אָדער שיך, וואָס יאָמע האָט געמאַכט, האָט ער פון אים באַקומען אַ פּאָר־ציג ברויט, אַן איבערבלייבעכץ פון אַ מיטאָג, אַ ביסל טאַבאַק אָדער ציגאַרעטן אאַז"וו.

ווי איז אָבער געווען צו יאָמען, ווען אַן עס.אַ.־מאַן איז נישט געווען צופרידן, דעמאָלט האָבן אים קלעפּ און קאָפּעס פאַר „זיינע געמאַכטע

שטיול" נישט געפעלט. די קלעפּ זענען געווײנלעך באַגלייט געווען מיט אַ היסטעריש הייזעריק געשריי: „אַך, דו פערפלוכטער יודע! איך לייג דיך אום!... שוסטער ווילסט דו זיין?... אויף דער באַוישטעללע מיט דיר, דאָס דו פערעקסט!... דו דרעק־יודע!..." דאָס אַלץ האָט געזאָלט הייסן, אַז ער וועט אים אַוועקלייגן אַ טויטן, אָדער אים מאַכן פאַר אויס לאַגער־שוסטער און אים שיקן אויף שווערע אַרבעט, אַז ער זאָל דאָרט אומקומען.

יאַמע האָט בלויז צוויי־דריי טעג אָפּגעקרעכצט פון די שווערע קלעפּ. די ס.א.־לייט האָבן אים נישט אַוועקגעלייגט און אויף דער בוישטעלע צו שווערער אַרבעט אויך נישט געשיקט. ער האָט ווייטער געלאָטעט שיך פאַרן לאַגער און געמאַכט נייע שטיול און שיך פאַר דער ס.אַ.־באַוואַ־כונג, פונקט, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט נישט געשען. און טאַקע די זעלבע ס.אַ.־לייט, וואָס האָבן אים נעכטן צעהרגעט, האָבן אים היינט גערופן „לאַגער־שוסטער, נאַכשלאַג־האָלען!" — דאָס האָט געהייסן קומען נעמען נאָך אַ פּאָרציע עסן אָדער נאָך אַ פּאָרציע ברויט. אַזוי זענען די טעג געגאַנגען און קלאַפּנדיק די שיך, האָט יאַמע פון צייט צו צייט אָפּ־געזיפצט און צוגעמורמלט: מ'האָטזע אין דר'ערד, מ'וועטזע איבערלעבן!".

אחוץ שיך לאַטען, האָט יאַמע געמוזט נאָך אַן אַרבעט אויספירן אין לאַגער — ער איז געווען דער „קאַט". אויב די ס.אַ.־וואַך האָט איינעם באַשטראָפט מיט שמיץ, איז יאַמע געווען דער, וועלכער האָט די שמיץ געמוזט געבן; און ווי איז געווען צו אים, אויב די שמיץ, וועלכע ער האָט געגעבן מיט אַן „אָקסעַנצימער" (אָקסן־ווײדל) זענען געווען, לויט דער מיינונג פון דער ס. אַ.־וואַך — שוואַכע.

שטענדיק, ווען עס איז געווען אַן אַפּעל און דער לאַגער־פירער האָט אויסגעשריגן: „שוסטער מיט דען אָקסענצימער אַנטרעטען!" — האָט מען געוווסט, עס וועט זיין „היימלעך"... מען האָט בלויז געטראַכט: ווער איז דער קרבן?...

דער באַשטראָפטער איז אַרויסגערופן געוואָרן פון דער ריי און מיט אים — צוויי אַנדערע, וועלכע האָבן געמוזט אים פעסטהאַלטן. דער לאַגער־פירער האָט געציילט, און יאַמע האָט געמוזט געבן די שמיץ. אַמאָל זענען עס געווען פינף, אַמאָל צען, אָדער צוואַנציק, אָדער „נישט געציילטע", ביז דער לאַגער־פירער האָט באַפוילן: „אויפהערען!".

יעדעס מאָל, ווען יאַמע איז אַרויסגערופן געוואָרן מיטן „אָקסענצי־מער", האָט ער שטיל ברומענדיק געשאָלטן: „אַ שלאַק זאָל אים טרעפן,

וואָס וויל ער פון מיין ביטער לעבן האָבן ?...", ווען יאָמע האָט גע־מיינט, דעם לאַגער־פירער אָדער דעם קרבן, האָט מען נישט געוווּסט.

נאָכן געבן די שמיץ, איז יאָמע שווייגנדיק אַוועק אין זיין שוסטער־וואַרשטאַט און מיט כעס געקלאַפּט די שיך, געביסן די ליפּן און צו קיינעם קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. בלויז פון צייט צו צייט אַרויס־געקרעכצט ווי פאַר זיך: „אוי, רבונו של עולם, וואָס וויל מען פון מיין ביטער לעבן האָבן ?...".

אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, האָט יאָמע גענומען זיין פּאָרציע ברויט פון טאָג און אַוועק צום קרבן פון „זיינע" שמיץ, וועלכער פלעגט געוויינ־לעך ליגן קרעכצנדיק אויפן געלעגער און חברים האָבן אים געלינדערט די ווייטיקן מיט קאַלטע טיכער.

יאָמע פלעגט בלייבן שטיין שווייגנדיק אַ פּאָר מינוט און פּלוצעם אַרויסרעוועון: „יאַנקל, זיי מיר מוחל!"... און ער האָט אַוועקגעלייגט די פּאָרציע ברויט אויף יאַנקלס בעט און שנעל אַרויס.

אָבער די קרבנות זענען געוואָרן מערער און מערער, האָט יאָמע נישט געקענט דעריאָגן מיט די פּאָרציעס ברויט, מיטן נאָכשלאָג, מיט די ציגאַרעטן און מיטן מחילה בעטן: „זיי מיר מוחל!". האָט ער בלויז גע־קרעכצט און געקרעכצט: „וואָס וויל מען פון מיין ביטער לעבן האָבן ?...".

אין איינעם אַ טאָג זענען געווען אַ סך קרבנות — יאָמע האָט געשלאָגן מיט ווייטיק, מיט אַ וויינענדיקן ברומען: „וואָס ווילט איר פון מיר ?... אַז דער שלאַק זאָל עס טרעפן!"...

אין אָוונט איז ער געבליבן אין באַראַק, געלעגן אויף זיין קויקע און געשוויגן. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו עסן, ווייל אַלץ האָט ער שוין געהאַט אַוועקגעגעבן ביים בעטן „מחילה", און דאָס נישט אַלע, קוים אַ העלפט. די איבעריקע האָט ער שוין נישט געהאַט מיט וואָס מחילה צו בעטן. איז ער געלעגן און טרערן זענען אים גערונען פון די אויגן.

צומאָרגנס ביים אַפּעל האָט מען ווידער דערהערט דאָס באַקאַנטע געשריי: „שוסטער מיט דעם אַקסענצימער אַנטרעטן!" — מען האָט אַרויסגערופן ווי שטענדיק דעם קרבן און צוויי וואָס זאָלן אים פעסט־האַלטן און דער לאַגער־פירער האָט באַפוילן: „שוסטער, צוואַנציק!".

אָבער יאָמע איז געשטאַנען מיטן אַקסענצימער אין דער האַנט און זיך נישט גערירט.

דער לאַגער־פירער האָט זיך צעשריגן: „שוסטער, האָסט דו נישט געהערט?... צוואַנציג שלעגע האָבע איך בעפאָלען".

יאָמע איז געשטאַנען, ווי נישט אים מיינט מען, און זיך נישט גערירט. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט אָט אויף יאָמען אָט אויפן לאַגער־פירער.

דער לאַגער־פירער איז צוגעלאָפן מיט כעס צו יאָמען, קריצנדיק מיט די ציין און געשריגן: „פערדאַמטער יודע, וואָס איז מיט דיר הויטע לאָס?!... הערסט דו נישט אָדער ווילסט דו נישט?...".

יאָמע איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט און געשוויגן. די שפּאַנונג ביי אַלע איז געווען זייער גרויס — וואָס וועט איצט געשען?... און אָט האָט זיך דערהערט די האַלב שיכורע, ווילדע און הייזעריקע שטים פון לאַגער־פירער:

— נעמט דאָס שוויין אוף דער וואַש־באַראַקע!

עס זענען צו צוויי ס.אַ.־מענער און האָבן יאָמען ווי אַ טויטע זאַך אַריינגעשלעפּט מיט רציחה אין דעם וואַש־באַראַק און גלייך האָבן שווערע קלעפּ אַפּגעהילכט איבערן גאַנצן אַפּעל־פּלאַץ. יאָמע האָט געשוויגן, פּונקט ווי ער האָט געשוויגן אויפן אַפּעל־פּלאַץ און דאָס האָט די ס.אַ.־מענער נאָך מער צערייצט און זיי האָבן אים נאָך ווילדער געשלאָגן.

ער האָט אויך געשוויגן נאָך דעם, ווען פיר פון אונדז זענען אַריין אין וואַש־באַראַק, וו ער איז געלעגן בלוי און פאַרשוואָלן, ווי אַ בלוטיקע פליישמאַסע, בכדי אים אַוועקצוטראָגן אויפן קראַנקן־רעוויר.

אויפן וועג צום קראַנקן־רעוויר, ווען מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט, האָט יאָמע לאַנגזאַם געעפנט די אויגן, יעדן איינעם פון אונדז אָנגעקוקט באַזונדער, ווי פאַרוואונדערט און שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט, געשעפּטשעט: „איר וועט נאָך מיר קדיש זאָגן?... אייך האָב איך נישט געשלאָגן". — און ער איז אויף אייביק שטיל געוואָרן.

צומאָרגנס האָבן די זעלבע פיר חברים אין דעם דערבייאיקן וועלדל קובר געווען יאָמען און צוזאַמען געזאָגט קדיש.

דער ס.אַ.־מאַן, וואָס האָט געהיט, איז דערביי געשטאַנען און געשוויגן.

צוריקמאַרשירנדיק צום לאַגער האָט דער ס. אַ.־מאַן זיך אָנגערופן: „איין אַנשטענדיקער יודע געווען דער שוסטער, אַבער איין דומעס שוויין".

דער פּאַפּירלעך־זאַמלער

אַ מאָדנער ייִד איז ער געווען, חיים. אַפילו אין לאַגער האָט מען אים גערופֿן „רעב חיים". טייל האָבן אַפילו געזאָגט, אַז ער איז אַ למד וואָווניק; אַנדערע אָבער האָבן אים אָפּגעפּטרט מיטן „עט, אַ משוגענער!"...

געווען איז ער אַ דאַרינקער, אַ שוואַכער, מיט אַ דין שטימעלע. שטענדיק גערעדט שטיל, געלאַסן, נאָר דערפֿאַר מיט אַ שמייכל. זיינע אויגן האָבן תמיד עפּעס געזוכט, און קוים האָבן זיי ערגעצוו דערזען אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר, האָבן זיי פֿון פֿרייד אָנגעהויבן פֿינקלען. חיים האָט זיך דאַן אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז קיינער זעט נישט, האָט ער דאָס פּאַפּירל גנביש אויפֿגעהויבן, אַ גלעט עס געטאָן אויף ביידע זייטן און — שנעל באַהאַלטן אין קעשענע.

די ערשטע צייטן האָבן חברה נישט געוואָלט אים האָבן אין זייערע אַרבעטס־קאָלאָנעס, ווייל ווען מ'איז געקומען אין לאַגער אויף מיטאָג און ס'איז פֿאַרגעקומען אַ רעוויזיע, האָט מען ביי חיימען געפֿונען פֿולע קעשענעס מיט פּאַפּיר. אַלס שטראָף האָט ער באַקומען 25 שמיץ — דערנאָך האָט מען אים אַ פֿאַרחלשטן געטראָגן אין דער קראַנקן־שטוב. די גאַנצע אַרבעטס־קאָלאָנע איז געבליבן אויפֿן אַפּעל־פּלאַץ אַ גאַנצע שעה אויף „שטיל־שטיין" און דערנאָך צוריק אַרויסמאַרשירט צו דער אַרבעט אָן עסן.

דאָס ערשטע מאָל האָבן די קאַצעטלער נישט אין זינען געהאַט זייער מיטאָג־עסן; מען האָט נאָר געטראַכט און שטאַרק רחמנות געהאַט אויף חיימען.

איינציקע האָבן מיט באַדויערן צווישן זיך גערעדט:

— ער וועט די קלעפּ נישט אויסהאַלטן. אַ רחמנות, אַזאַ שטילינקער...

אַנדערע ווידער האָבן פֿאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

אַז מ'האָט ביי אים געפֿונען פּאַפּירלעך דאָס צווייטע מאָל, זענען אַ סך אַרויס מיט טענות:

— איבער אַזאַ שלימזל מוזן מיר ליידן!

איינמאָל, ווען מען האָט אַריינמאַרשירט אין לאַגער, האָבן חברה זיך גענומען צו חיימען. ער האָט זיך געווערט מיט אַלע כוחות, געשריגן מיט

זיין שוואַכער שטימע: „געוואַלט יידן!... מען דערהרגעט מיך! יידן, וואָס טוט איר?... אַן עבירה!... איר וועט פון גיהנום נישט אַרויס!...

חיים האָט געשריגן, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן זיין שרייען. מ׳האָט אים אַנידערגעלייגט אויף דער ערד, אַראָפּגעשלעפּט פון אים די לאַגער־קליידער און אַרויסגענומען פון די קעשענעס דאָס גאַנצע פּאַפּיר. חיים האָט זיך צעוויינט און שטיל געמורמלט ווי צו זיך אַליין: „גאָט זאָל אייך מוחל זיין״...

אַנדער האָבן געשריען: „משוגענער!... אַזאַ משוגענער...״ דערנאָך האָט דער עולם זיך דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן משוגעים און מאַניאַקעס.

מיט דער צייט האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו חיימען. זיי האָבן אים אַפילו ליב באַקומען, ווייל ער האָט געקענט דערציילן אַזעלכע אינטע־רעסאַנטע און שיינע מעשיות, אַז דער עולם איז געווען פאַרכאַפּט. זיי האָבן אַפילו שטאַרק דרך־ארץ געהאַט פאַר אים, ווייל אויסער דעם, וואָס ער האָט געקענט גוט לערנען, איז ער אויך געווען שטאַרק בקי אין וועלטלעכע למודים. זיי האָבן אים שוין נישט גערופן מער חיים, נאָר רעב חיים. אַ סך האָבן אַפילו געזוכט און געזאַמלט פּאַפּיר פאַר חיימען, אַריינגעשמוגלט אין לאַגער. ער פלעגט עס שטענדיק אָפּנעמען מיט אַ „יישר כוח״. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט צו וואָס באַדאַרף חיים אַזוי פיל פּאַפּיר.

*

איין מאָל, נאָך אַ מאָדנער און שרעקעוודיקער שטילקייט, האָט אָנגע־הויבן קלינגען און פייפן אין דרויסן אויפן אַפּעל־פּלאַץ, ווי אַלץ וואָלט משוגע געוואָרן. מען האָט געהערט אַ רעווען:

— אַפּעל!... אַלעס וואָס לעבט אַנטרעטן, די טאָטע מיטברינגען... לאָס!... ראַוס אַוס דען באַראַקען, איר דרעק־הונדע!...

און שוין פאַלן קלעפּ אויף די רוקנס און קעפּ פון די ערשטע העפּט־לינגע, וואָס זענען נישט גענוג שנעל געלאָפן. דער גאַנצער לאַגער איז אַרויס אויפן פּלאַץ, טראַגנדיק מיט זיך אָדער שלעפּנדיק קראַנקע און מתים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גענעראַל־רעוויזיע ביי די מענטשן און אין די באַראַקן.

פון באַראַק, וווּ חיים איז געווען, האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ פּאַק ווייס פּאַפּיר, וואָס מען האָט געפונען אין זיין שטרוי־זאַק. מען האָט נאָך

פון די אַנדערע שטובן געבראַכט פאַרשידענע געפונענע זאַכן און אַלץ צונויפגעלייגט אויף אַ קופּע אינמיטן הויף. אָבער די זאַכן האָבן קיינעמען נישט אינטערעסירט, בלויז דאָס פּאַפּיר וואָס איז געלעגן באַזונדער.

— צו וועמען געהערט דאָס פּאַפּיר? פּאָרטרעטן! — האָט דער לאַ־גער־קאָמענדאַנט אויסגערופן מיט זיין הייזעריקער און דאָך שטאַרקער שטימע.

אַלעמעס אויגן זענען נישט ווילנדיק געווען געווענדט אויף חיימען. ביי יעדן קלאַפּט דאָס האַרץ. איצט וועט ער שוין נישט אויסהאַלטן, היינט גאַנץ פרי האָט ער שוין איין מאָל געחלשט. מ׳האָט אים קוים אָפּגעמינטערט. נאָר דאָ איז עפּעס געשען, וואָס קיינער האָט זיך נישט געריכט. יאַנקל פויער, וואָס האָט אָממערסטן דערקוטשעט חיימען פאַרוואָס ער זאַמלט דאָס פּאַפּיר, ווייל צוליב אים האָט ער היינט נישט געגעסן, און נישט איינמאָל געשריען, אַז ער וואָלט דערהרגעט דעם משוגענעם — גראָד אָט דער יאַנקל פויער איז איצט אַרויס פון דער ריי און אויסגע־שריען: „עס איז מיינס, הער לאַגער־קאָמענדאַנט!". גלייכצייטיק איז אויך חיים אַרויס פון דער ריי און געבליבן שטיין אַ צעמישטער.ביידע האָבן באַקומען אַ פּופּציק שמיץ און אַלס צולאָג — די שמוציקסטע לאַגער־אַרבעט.

✶

איינמאָל האָט מיך דער לאַגער־מייסטער געשיקט אין הויפּט־ביוראָ מיט אַ בריוו. איך קלאַפּ אָן, קיינער ענטפערט נישט. איך מאַך אויף די טיר פון דעם ביוראָ און זע: ס׳איז קיינער נישטאָ. איך זעץ זיך אַוועק און וואַרט. אָבער וואָס זע איך? אויפן טיש ליגט אַ שטויס ריין, ווייס שרייב־פּאַפּיר.

אַ פּאָר סעקונדן בין איך געזעסן אומבאַוועגלעך — דאַן האָט מיין האַנט אַ ציטער געגעבן. דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן — און ביי מיר אין העמד זענען באַלד געווען באַהאַלטן אַ 200 ווייסע בייגעלעך פּאַפּיר. איך בין אַרויס פון דעם ביוראָ און געוואַרט אין דרויסן, ביז אַ דייטש איז געקומען און ביי מיר אָפּגענומען דעם בריוו. איך בין אַוועק, קוים זיך דערוואַרט ביז 12 אַזייגער — דער אַריינמאַרש אין לאַגער אויף מיטאָג. וועט היינט זיין אַ רעוויזיע? וועט מען ביי מיר געפינען דאָס פּאַפּיר? איך באַהערש זיך מיט אַלע כוחות; פּונקט איז דאַן געווען

זייער אַ הייסער טאָג. די לאַגער־וואַך איז פויל, מיר זענען אַריין אין לאַגער און אַ רעוויזיע. אין אָוונט בין איך אַוועק צו חיימען:

— ר׳ חיים, איך האָב עפּעס פאַר דיר.

— וואָס? — זאָגט ער, — אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר?

— ניין.

— וואָס דען?

— גיב מיר די האַנט — זאָג איך, — אַז וועסט מער נישט זאַמלען קיין פּאַפּיר, וועל איך דיר געבן אַזויפיל, אַז וועסט האָבן איבערגענוג...

איך האָב אַרויסגענומען די צוויי הונדערט קאָאָקעדיקע, ווייסע ביי־געלעך פּאַפּיר. חיים איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער:

— פונוואַנען האָסטו אַזאַ אוצר? — ווי איז צו מיר!... איך וועל דיר געבן מיין היינטיקע פּאַרציע עסן, אַפילו מיט דער מאַרגאַרין...

חיים האָט באַטאַפּט דאָס פּאַפּיר, קאַאַקנדיק מיט זיינע פינגער און צוגעסמאַטשקעט מיט די ליפּן פאַר התפּעלות:

— אוואַ! אוואַ!... אַזוי פיל פּאַפּיר!

חיימען האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן.

— ר׳ חיים — זאָג איך — איך וועל דיר דאָס גאַנצע פּאַפּיר אַוועק־געבן. איך וויל פון דיר גאָרנישט. נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך, צו וואָס באַדאַרפסטו אַזוי פיל פּאַפּיר?

אַ ווייילינקע איז ער שטיל געוואָרן, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן צי קיינער הערט נישט און שטיל אָנגעהויבן:

—הער, זאָמי, — זאָגט ער צו מיר. — דו זעסט דאָך וואָס עס טוט זיך. היטלער, ימח שמו, האָט פאַרברענט אַלע ספרים, אונדז אין די לאַ־גערן פאַרמאַכט. יידן וועלן פאַרגעסן ס׳דאַווענען... איך האָב קיין רו נישט... איך קען קיין נאַכט נישט שלאָפן... האָב איך זיך גענומען צו פאַרשרייבן דעם „סידור״. איך האָלט שוין ביי „קריאת שמע״. און חיים האָט אויסגעשריען: „שמע ישראל ד׳ אלוקינו, ד׳ אחד״! און דאַן האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן מעשה שטיפער: — אַבי איר זאָגט, אַז ער, אויבן... אַט האָט ער מיך געהערט און דיך געשיקט מיטן פּאַפּיר.

חיים האָט שוין מער קיין פּאַפּיר נישט געזאַמלט ווייל ווען חיימען האָט אויסגעפעלט פּאַפּיר, האָב איך געזאָרגט, אַז דער מייסטער זאָל מיך שיקן אין דעם הויפּט־ביוראָ...

חיים האָט שוין געהאַלטן ביי „הלל", ווען די סאָוויעטישע אַרמיי איז אַריין אין דאָרף, ווו דער לאַגער איז געווען. ער איז דער ערשטער צו צום טויער, אים אויפגעעפנט און אויסגעשריִען:

— יידן, מיר זענען פריי!

ער איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטער. אַ דייטשע קויל האָט אים געטראָפן.

דער לעצטער קרבן פון די היטלעריסטן אין דעם לאַגער.

חיימען האָט מען קובר געווען אין אַ מאַסן־קבר מיט אַנדערע קרבנות.

און זאָלן די פּאָר שורות זיין אַ מצבה פאַר אים.

דער ברויט־גנב

חנוכה־צייט איז עס געווען. דער הונגער אין לאַגער איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג גרעסער. דאָס איינציקע עסן איז געווען די פּאָרציע ברויט. די זופּ, וואָס מען האָט באַקומען צו מיטאָג, איז געווען פון געטריקנטער פּאַקזשיווע, נישט צו נעמען אין מויל אַריין. האָט מען טאַקע געהונגערט און ווי געהונגערט... דער מלאך המות, אין געווענט מיט דער ס.ס. און ס.א., האָט געשניטן לעבנס פון יונג און אַלט און מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן. בערג גאַנצע פון מתים זענען געלעגן אין וואַש־באַראַק, ביז מען האָט זיי אַוועקגעפירט. מען האָט זיך צו דעם צוגעוווינט. עס איז געוואָרן אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. מען איז בלויז שטיין געבליבן, ווען מען האָט געטראָפן ליגן אַ נאָענטן חבר, מיט וועלכן מען האָט נאָך נעכטן צוזאַמען געאַרבעט, אָדער אַ ברודער, אַ זון, אַ טאַטן. דאַן האָט מען זיך שטילערהייט צעוויינט און צוגעגעבן: אפשר איז דיר שוין וווילער, ווי מיר... לאַנג טראַכטן האָט מען נישט געקענט, עס איז „אַפּעל", אַנטרעטן צו דער אַרבעט. און לויפנדיק צום אַפּעל, האָט מען שטילערהייט קדיש געזאָגט.

און דאָך האָט זיך חברה געגרייט צום יום־טוב חנוכה. מען האָט קונציק אויסגעאַרבעט אַ מנורה. באַזאָרגט אייל פון דער „בוישטעלע", וואָס איז „אָרגאַניזירט" געוואָרן פון אַ מיליטערישן טאַנק.

מיר האָבן צערוקט די קויקעס און זיך געגרייט צו בויען אַ פּראָוויזאָרישע בינע, כדי צו שפּילן בר־כוכבא. און פּלוצעם — אַ געוואַלט!... משה, פּאַכענדיק מיט די הענט, שטייט אויסער זיך פון איבעראַשונג און שרייט: — חברים, ס'ברויט!... מען האָט מיך באַגנבעט! די פּאָרציע ברויט!...

אַלע בלייבן שטיין ווי געפּלעפּט — קיינער רירט זיך נישט. יעדער באַזונדער כאַפּט אַ קוק אויף זיין אייגענער פּאָרציע ברויט. און איז צופרידן און גליקלעך, ווען ער דערזעט זי — אָבער די שמחה איז געווען צעשטערט.

מען האָט זיך גענומען זוכן דאָס ברויט. זוך היינט, זוך מאָרגן. ס'ברויט איז נישטאָ. האָט מען זיך ווייטער גענומען גרייטן צום צינדן

די חנוכה־מנורה און צום טעאַטער. מען האָט געצונדן דאָס ערשטע ליכטל. צומאַרגנס אין דער פרי ווידער אַ געוואַלט.

יצחק שרייט: — חברים, חברים! איך בעט אייך גיט מיר צוריק ס׳ברויט! מען האָט מיר געגנבעט די פּאַרציע ברויט — ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. ס׳האָט געשניטן דאָס האַרץ.

ווער גנבעט ברויט ?... ווער איז דער ברויט־גנב ?... האָט זיך יעדער געפרעגט: — ווער איז דער דריטער מלאך המות אונדזערער ?

דער שטובן־עלטעסטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געהאַלטן אַ דרשה און גערעדט צום געוויסן: — אַלע באַקומען גלייכע פּאַרציעס ברויט, אַלע הונגערן מיר גלייך. נעמט מען איינעם צו די פּאַרציע ברויט, נעמט מען אים צו דאָס לעבן, און צווישן אונדז געפינט זיך אַזאַ לעבן־צונעמער — אַ מערדער. איך וואָרן!... ווי וועט זיין צו דעם יעניקן, אויב מיר וועלן אים כאַפּן. מיר וועלן אים באַשטראָפן, ווי מען באַשטראָפט אַ מערדער!...

דאָ איז בערל אַריינגעקומען מיט אַ געשריי: — חברים, חיים!... חיים!... איך האָב געזען, ווי ער האָט געגעסן צוויי פּאַרציעס ברויט — און מען פּירט שוין חיימען אַריין אין שטוב אַ צעהרגעטן.

ביי אונדז אין שטוב האָבן מיר געהאַט אַן אייגענעם בית־הדין. דער דיין בין איך געווען. דער אַנקלאַגער האָט זיך געקענט אויסוויילן אַ חבר, און דער אָנגעקלאָגטער אַ חבר, אַזוי, אַז דאָס געריכט איז באַשטאַנען פון דריי חברים.

איך פרעג חיימען: — חיים, איז אמת, אַז דו האָסט געגעסן צוויי פּאַרציעס ברויט ?

— ניין — ענטפערט חיים.

— בערל, דו האָסט געזען, ווי חיים האָט געגעסן צוויי פּאַרציעס ברויט ?

— יאָ, איך האָב געזען. — ענטפערט בערל — איך האָב אים נאָכ־שפּיאָנירט. איין פּאַרציע האָט ער דאָ געגעסן, דאַן איז ער אַרויס פון שטוב, איך נאָך אים, און אין דרויסן אין בית הכסא, קיינער זאָל אים נישט זען, האָט ער געגעסן די צווייטע.

— חיים, איך פרעג דיך נאָכאַמאָל, איז דאָס אמת ?

— ניין, איך האָב נישט געגעסן. — ענטפערט חיים.

—און דו בערל — פרעג איך — האָסט נאָך אַן עדות, וואָס האָט געזען ווי חיים האָט געגעסן צוויי פּאַרציעס ברויט ?

— ניין — ענטפערט בערל — עס איז קיינער נישט געווען. ער האָט זיך אויסגעהיטן, קיינער זאָל נישט זען, איך האָב עס באַמערקט, און איך קען שווערן, ווי איך האָב געזען, אַז ער האָט געגעסן צוויי פּאַרציעס ברויט.

מיר, דריי חברים, זענען אַוועק אין אַ ווינקל זיך באַראַטן און האָבן באַשלאָסן: היות ווי עס איז בלויז דאָ איין עדות, און דער דאָזיקער עדות איז נישט קיין זיכערער, ווייל ער אַליין האָט געקענט זיין דער ברויט־גנב, און בכדי זיך ריינצווואַשן, וואַרפט ער די שולד אויף אַ צווייטן חבר, איז וואָרענען מיר חיימען, אַז אַזוי ווי מיר האָבן נישט גענוג עדות — איז ער פריי, אָבער ווי ווּעט זיין צו אים, אויב מען וועט אים כאַפּן ביי אַזאַ גנבה. און גלייכצייטיק וואָרענען מיר אויך דעם עדות, פאַר באַשולדיקן אַ חבר און נישט האָבן גענוגנדיקע באַווייזן. מיר האָבן אַוועק־מאַרשירט צו דער אַרבעט. אויפן וועג גייענדיק זאָגט צו מיר חיים:

— חבר זאַמי, איך האָב טאַקע געגעסן צוויי פּאַרציעס ברויט.

— וואָס ? — פרעג איך פאַרוווּנדערט.

— יאָ, — ענטפערט חיים — און איך וועל הייַנט און מאָרגן אויך עסן צוויי פּאַרציעס ברויט. הערט, זאַמי — איך האָב פאַרקויפט אויף דער בוישטעל אַ טשעד מיין קידושין־רינגל און באַקומען דערפאַר 4 פּאַרציעס ברויט.

— און פאַרוואָס האָסטו נישט דערציילט די חברים פון געריכט ? — פרעג איך אים.

— ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַר אַ מסירה — ענטפערט מיר חיים.

איך האָב געשוויגן און ער אויך. אָבער ביי מיר האָט עס געעקבערט אין מוח, ווער איז דער ברויט־גנב ?... דורכגעלופטערט אין געדאַנקען די שטוב־חברים — אַלע ווילע יאַטן, אָבער עמעצער איז דאָך דער גנב — און ווער קען וויסן, וואָס הונגער מאַכט..., האָב איך זיך געטראַכט, און האָב באַשלאָסן, וואָך צו זיין ביי נאַכט און היטן, איך מוז געפינען דעם גנב.

ליג איך אויף מיין שטרוי־זאַק, מיד, אויסגעמאַטערט פון דער שווע־רער אַרבעט, די אויגן קלעפּן זיך, אָבער איך באַמי זיך מיט אַלע כוחות האַלטן וואָך — און דאָך בין איך איינגעשלאָפן, און ווי אין חלום הער איך, ווי ס׳גראַבלט עמעצער, ס׳גיט אַ שטילן קלאַפּ און אַ פאַל. איך שפּרינג אַראָפּ פון דער קויקע און כ׳צינד אָן דאָס ליכט — כ׳זע

קיינעם נישט, אָבער אַלע כאַפּן זיך אויף און איך פרעג: וועמען פעלט ברויט? — ענטפערט יעקב מיט אַן אויסגעשריי: — מיר, מיר! מיין פּאַרציע, ווער האָט מיר צוגענומען ס׳ברויט?...

דער שטובן־עלטסטער פרעגט: ווער איז דער ערשטער אַראָפּ פון דער קויקע און אָנגעצונדן ליכט? — אַלע ווייזן אויף מיר. ס׳ווערט שטיל, אַלע שווייגן — דער שטובן־עלטעסטער קוקט מיט פאַרדאַכט און פאַרשעמט אויף מיר. איך רייס איבער די שטילקייט און זאָג: — וואָס שטייט איר אַלע און גאַפּיעט, מען דאַרף זוכן דאָס ברויט, דער גנב האָט עס נאָך נישט געקענט אויפעסן — און מיר נעמען זיך אַלע צום זוכן. מען זוכט אומעטום אין אַלע שטרויזעק און אַלע ווינקעלעך — און פּלוצעם דערזעען מיר:

אין אַ ווינקל ביי אַ קויקע איז פאַראַן אַ גרויסער לאָך און אַ שטשור, די גרויס פון אַ מיטעלער קאַץ, שטייט און גריזשעט אַ פּאַרציע ברויט און שלעפּט זי אין לאָך אַריין, אָבער דער פוס פון דער קויקע שטערט. דער שטשור האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײילע, מיט בלישטשענדיקע אויגן געקוקט אויף אונדז און זיך ווייטער גענומען צו דער אַרבעט פון אַריינשלעפּן דאָס ברויט אין לאָך אַריין, ביז אַ חבר האָט מיט כעס גע־וואָרפן אַ הילצערנעם שוך און דער שטשור איז אַנטלאָפן.

מיר האָבן זיך אַלע שטילערהייט דערפרייט — נישטאָ ביי אונדז קיין ברויט־גנב.

מיר האָבן צוזאַמענגענומען דאָס ברויט פון אַלע חברים און געמאַכט אַ ברויט־זופּ פאַרן גאַנצן באַראַק, געצונדן חנוכה־ליכט און שטיל געזונ־גען „מעוז צור".

נאָך דער באַפרייונג

די באַפרייונג פון בערגען־בעלזען

אַ ווינטער־אָוונט

אַ דין־תורה

די באַפרייונג

פון בערגען־בעלזען

דער זכרון פירט צוריק צו יענע גרויזאַמע טעג פון ערב דער באַפרייונג. געלעגן זענען מיר, די „העפטלינגע" [1] אויף אייזערנע קויקעס, אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט פון לאַנגע יאָרן פּיין און פון זיך שלעפּן חדשים מיטן „טויטן־מאַרש" [2]. צענדליקער טויזנטער האָבן אויפן וועג אויסגעהויכט זייערע נשמות, אָדער זענען דערשאָסן געוואָרן דורך דער אַזוי גערופענער „אויפרוימונגס־קאָמאַנדאָ", וואָס איז אונדז נאָכגעגאַנגען, אָדער נאָכגעפאָרן. מען האָט אונדז געשלעפּט פון לאַגער צו לאַגער, אָבער אומעטום איז געווען איבערפולט און מען האָט אונדז נישט געוואָלט אויפנעמען. אַזוי האָבן מיר מאַרשירט טויזנטער קילאָמעטער אין שניי, רעגן און הונגער. ווען די כוחות האָבן פאַרלאָזט און ער אין געבליבן ליגן — האָט די „אויפרוימונגס־קאָמאַנדאָ" דערשאָסן. אין קאַצעט־לאַגער „דאָראַ", האָט מען אונדז אַריינגעשטופּט אין וואַגאָנען פון בהמות און געפירט קיין האַמבורג, בעת די שטאָט איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די ענגלענדער. דער צוג האָט געמוזט בלייבן שטיין, ווייל די שינעס זענען איבערגעריסן געוואָרן. אַזוי האָט מען אונדז דערפירט קיין בערגען־בעלזען. נאָך אונדזער באַפרייונג זענען מיר געוווירר געוואָרן, אַז מען האָט געוואָלט אונדז אַלע, עטלעכע טויזנטער „העפטלינגע", אַרויפפּאַקן אויף אַ שיף און צוזאַמען מיט דער שיף דערטרינקען אין דער „עלבע".

אויך אין לאַגער בערגען־בעלזען, האָט מען אונדז נישט אַריינגעלאָזט, ווייל דער לאַגער איז געווען איבערפולט מיט לעבעדיקע און

---

1) „העפטלינגע", אַזוי האָבן די דייטשן גערופן די „קאַצעטלער".

2) ווען די רוסן זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון דייטשלאַנד און שלעזיע, האָט מען די לאַגערן אוישוויץ און גראָס־ראָזען מיט אַלע זייערע אונטערלאַגערן עוואַקואירט ביז בערגען־בעלזען. די זאַכן פון די „עס־עס"־לייט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף וועגענער, איינגעשפּאַנט די העפטלינגע און אַזוי האָבן זיי מאַרשירט און געשלעפּט די וועגענער מיט די זאַכן. די מערהייט איז אויפן וועג אומגעקומען. דערפאַר — „טויטן־מאַרש".

טויטע. עס האָט דאָרט געבושעוועט אַ שרעקלעכע טיפוס־עפּידעמיע — די אויוונס האָבן געברענט טאָג און נאַכט און קופּעס מתים האָבן געוואַרט אויף זייער ריי. האָט מען אונדז אַריינגעפּאַקט אין דערנעבנדיקע מיליטערישע קאַזאַרמעס.

מיר ווערן באַפרייט

עס איז זונטיק, מיר קענען קוים שטיין אויף די פיס, ליגן מיר און וואַרטן אפשר וועלן מיר באַקומען אַ ביסל וואַרעם־וואַסערדיקע זופּ. פּלוצעם — דערהערן מיר אַ שטאַרקע שיסעריי. אונדזער בלאָק ציטערט. די שיסעריי ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער און שטאַרקער, מיר קענען זיך קוים האַלטן און נישט אַראָפּפאַלן פון די קויקעס. אַ דונער, טויב צו ווערן — די שויבן פאַלן אַרויס, ס'הערן זיך קרעכצן און אויסרופן: „אוי, מאַמע!"... „שמע ישראל!" אייניקע פון אונדז ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט.

צוערשט האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס האָבן די דייטשן מיט כוונה אונדז אַריינגעפּאַקט אין די מיליטערישע קאַזאַרמעס, בכדי די ענגלענדער, אָדער די אַמעריקאַנער זאָלן אונדז באָמבאַרדירן און אויסהרגענען, גלויבנדיק, אַז דאָס זענען דייטשע סאָלדאַטן. אָבער דאָס זענען געווען דייטשע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן אונדז באָמבאַרדירט און נידעריק פליענדיק צו אונדז אַריינגעשאָסן. איצט ענדיקט זיך אַלץ, זיי וועלן צוריקקומען און אונדז אויסהרגענען. מיר זענען געלעגן צוזאַמען מיט די טויטע, רעזיגנירט און געוואַרט אויף דער שעה...

אַ ווײַלע איז שטיל, אַן אימהדיקע שטילקייט, דערנאָך אַ דונער נאָך אַ דונער פון שווערע קאַנאָנען. און ווידער אַ שווידערלעכע, דערדריקנדיקע שטילקייט. רבונו של עולם, זאָל שוין נעמען אַ סוף!

עס איז 3 אַזייגער. ס'הערט זיך אַ גערויש פון דזשיפּן און טאַנקן. דער גערויש ווערט וואָס אַמאָל נענטער און נענטער און אָט הערט מען דורך הויך־הילכערס:

„העפטלינגע פון אַלע נאַציעס, דאָס ענגלישע מיליטער האָט באַזעצט דעם לאַגער, איר זענט פריי!!!"

אַ צייט זענען מיר געלעגן, ווי געליימט, נישט געקענט זיך רירן, און נאָך אַ מאָל הערן מיר: „העפטלינגע פון אַלע נאַציעס, דאָס ענגלישע

מיליטער האָט באַזעצט דעם לאַגער, איר זענט פריי!" ביז היינט ווייס איך נישט פון וואַנען מיר האָבן גענומען דעם כוח אַרויסצוגיין אין הויף. מיר האָבן דערזען אַן ענגלישן לויטנאַנט אויף אַ דזשיפּ מיט אַ מיקראָפּאָן אין דער האַנט (דאָס איז געווען דער ענגלישער לויטנאַנט דעריק סינגטאָן) און אַרום דעם דזשיפּ — קליינע טאַנקן.

די קעל איז געוואָרן ווי פאַרשפּאַרט, ווען מיר האָבן דערזען אויף איינעם פון די טאַנקן שטיין אַן ענגלישן סאָלדאַט, וועלכער האָט כסדר געפרעגט אויף יידיש: יידן?... יידן?... און ווען אייניקע פון אונדז האָבן קוים אַרויסגעשטאַמלט: יאָ, יידן, האָט דער סאָלדאַט הויך געמאַכט די ברכה: „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה" און צוגעגעבן — מיין גאָט, איך זע דאָ די ערשטע לעבעדיקע יידן — און ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

מיר זענען באַפרייט און נישט פריי

דער גרעסטער טייל פון אונדז איז געווען טויט־קראַנק פון יאָרן קאַצעט־לעבן, און ס׳איז נישט געווען קיין כוח זיך צו פרייען. מיר זענען געווען באַפרייט — און דאָך נישט פריי. לויט אַן אָפּמאַך צווישן די ענגלענדער און די דייטשן, זענען מיר, אויס מורא דער טיפוס זאָל נישט פאַרשפּרייט ווערן, ווייטער געבליבן פאַרשלאָסן, און די זעלבע אונ־גאַרישע „עס־עס"־לייט האָבן אונדז געהיט פונקט ווי פריִער ביי היטלערן. דאָס האָט געדויערט צוויי טעג, ביז די ענגלענדער האָבן איבערגענומען דאָס לאַגער. אין די טעג זענען דערשאָסן געוואָרן 72 יידן און 11 נישט־יידן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז זיי זענען פריי און מעגן אַרויסגיין פון לאַגער, בכדי צו זוכן שפּייז, אָדער פאַר אַרויסנעמען קאַרטאָפל־שאָלעכץ פון קיך־קעלער (לויט פּראָטאָקאָלן פון דער ענגלישער מיליטער־קאָמיסיע). אונדזער פאָדערונג צו שטעלן די מערדער פאַר אַ געריכט — איז נישט אויסגעפירט געוואָרן.

דעמאָלט האָט זיך געשאַפן דער ערשטער צייטווייליקער יידישער קאָמיטעט.

פון „העפטלינגע" ווערן מיר „די־פּיס"

פון „העפטלינגע" זענען מיר געוואָרן „די־פּיס", אַ קיצור פון ענגלישן „דיספּלייסד פּערסאָן" — היימלאָזע.

אַלע אַנדערע פעלקער־גרופּן (אין אַ צאָל פון 14), וואָס האָבן זיך

געפונען אין לאַגער — האָבן באַלד באַקומען שטיצע פון זייערע מלוכות, נאָר מיר, יידן, זענען געבליבן פאַראייניזאָמט און הפקר.

קופּעס מתים זענען אומעטום געלעגן. די ענגלענדער האָבן געצוווּנגען די „עס־עס"־לייט מיטן טרויעריק באַקאַנטן לאַגער־פירער און מערדער, קראַמער (שפּעטער אויפגעהאָנגען), צו באַגראָבן די מתים. אונדזערע אַ דעלעגאַציע איז אַוועק צום ענגלישן קאָמענדאַנט פון בעלזען און גע־טענהט, אַז מיר ווילן נישט דעם בזיון המתים, אַז די זעלבע הענט, וואָס האָבן געקוילעט און געמאָרדעט די קדושים, זאָלן זיך מטפּל זיין מיט זייער קבורה — און מען האָט זיי אַוועקגענומען. דאַן האָט צו דער הייליקער עבודה פון קובר זיין אונדזערע טויזנטער קדושים זיך געשטעלט אַ גרופּע שוואַכע יידן און רבנים אונטער דער אָנפירונג פון הרב ד"ר צבי העלפגאָט.

58 טויזנט העפטלינגע זענען מיר געווען בעת דער באַפרייונג. 28 טויזנט זענען געשטאָרבן שוין נאָך דער באַפרייונג — טראָץ דער גרויסער הילף פון דעם וווּנדערבאַרן בריגאַדיר־גענעראַל גלין־יוס, הויפּט־דאָקטאָר פון דער בריטישער אַרמיי, וואָס האָט באַפרייט בעלזען. קאָלאָנעל ד"ר דזשאָנסאָן מיטן בריטישן רויטן־קרייץ, פרייוויליקע שוועסטער־דאָק־טוירים און אויך אַ גרויסע גרופּע ענגלישע מעדיקער — סטודענטן אונטער דער לייטונג פון ד"ר מייקל דזשאָן האָבן פאַרצווייפלט געקעמפט צו ראַ־טעווען די קראַנקע, וואָס איז זיי אין אַ גרויסער מאָס געלונגען. ווען נישט — וואָלט די צאָל געווען אַ סך, אַ סך גרעסער. דער שוועדישער רויטער קרייץ מיטן גראַף פאָלקע בערנאַדאָט אין דער שפּיץ האָבן גענומען 6000 קראַנקע קיין שוועדן צו היילן. 72 פון זיי זענען געשטאָרבן אויפן וועג. אַ סך קראַנקע האָבן נישט געוואָלט פאָרן. זיי האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אַרייַנגיין אין די אַמבולאַנסן מיטן רויטן קרייץ, ווייל מיט דעם זעלבן סימן פלעגן די „עס־עס" נעמען מענטשן אין די גאַז־קאַמערן.

קאַמף מיט די נעכטיקע באַפרייער

עס ווערט אָרגאַניזירט אַ צייטווייליקער קאָמיטעט אונטער דער אָנפי־רונג פון ענערגישן יוסף ראָזענזאַפט און עס הייבט זיך אָן אַ קאַמף מיט אונדזערע נעכטיקע באַפרייער. די ענגלישע לאַגער־פאַרוואַלטונג וויל אונ־דזער קאָמיטעט נישט אָנערקענען. מיר זענען פּאָליאַקן, טשעכן, אונגאַרן, פראַנצויזן, דייטשן אאַז"וו. מען האָט די באַפרייטע דייטשע יידן נישט

געוואָלט געבן קיין „אונרא״־הילף, ווייל זיי זענען דייטשן — זאָלן זיי גיין צו „זייערע״ דייטשע בירגערמייסטערס נאָך הילף.

2000 פּאָליאַקן, פון זיי אַ גרויסע צאָל אַנטיסעמיטן, האָבן איבערגענומען די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער איבער דער צענפאַכיק גרעסערער צאָל יידן.

דער קאַמף פאַר אַנערקענען אונדזער קאָמיטעט, כדי צו פירן אַן אייגענע יידישע קולטור־טעטיקייט, איז געווען זייער אַ שווערער. ער איז דערגאַנגען ביז צום מיניסטעריום אין לאָנדאָן, אָבער מיר האָבן געזיגט.

על־פּי צופאַל זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אין בעלזען 300 יידישע קינדער פון 3 ביז 10 יאָר, עס איז ביז היינט נישט צו פאַרשטיין, ווי אזוי עס איז געלונגען אָפּצוראַטעווען די דאָזיקע קינדער פון די מערדער.

106 קינדער זענען שפּעטער געפאָרן קיין ארץ־ישראל און די אַנדערע — אין פאַרשידענע לענדער.

אַ ניי יידיש לעבן האָט זיך אָנגעהויבן. מיר האָבן געשאַפן שולן פאַר קינדער און דערוואַקסענע, אַ גימנאַזיע, פאַך־שולן, אַ ראַבינאַט, אַ תלמוד־תורה, אַ ישיבה, אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, יידישע און העברעיִשע ביכער, טעאַטער, ספּאָרט־קלובן, אַ ביבליאָטעק, פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, אַ געריכט, אייגענע פּאָליציי, ווייל מיר האָבן די דייטשע פּאָליציי נישט אַנערקענט, זי האָט נישט געטאָרט אַריינקומען אין לאַגער. שפּעטער האָבן מיר אויסגעשולט אונדזערע יונגע חברים פאַר הגנה. בערגען־בעלזען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קליינער „יידישער מדינה״.

שפּעטער איז געקומען די יידישע בריגאַדע און מיטגעהאָלפן מיט אַלץ, וואָס זי האָט געקענט. באַזאָרגט אונדז מיט לערער און אָרגאַניזאַטאָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די עליה „ב״ — אַ העראָיִש קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. דער קראַנקער און אויסגעהונגערטער לאַגער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער הילף פון „דזשאָינט״, וועלכע איז געקומען מיט דריי אָדער פיר חדשים נאָך דער באַפרייונג. אָבער דער „דזשאָינט״ האָט מיט אַ ברייטער האַנט אומעטום געהאָלפן. מיר האָבן אין בערגען־בעלזען געהאַט ביז דריי טויזנט צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד — די ענגלענדער האָבן זיי נישט געוואָלט אַנערקענען פאַר „די־פּיס״ און זיי נישט געוואָלט געבן קיין עסן. אַדאַנק דעם „דזשאָינט״ און אַלע לאַגער־יידן האָבן אויך די דריי טויזנט געהאַט צום לעבן, ווי אַלע אַנדערע לאַגער־

איינוווינער. איך וויל אויך דערמאָנען די ענגלישע יידישע הילפּס־געזעלשאַפט „רעליף", „האַיאַס" און „אָרט", און באַזונדערס דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אויפצובויען דאָס נייע יידישע לעבן. די „סוכנות" האָט געפירט אַ צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר ארץ־ישראל. אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט אַ ניי יידיש נאַציאָנאַל לעבן און מיר זענען געוואָרן אַ טייל פון הינטערלאַנד פאַרן נייעם ישראל. ווער געדענקט נישט דאָס קאַפּיטל „עקזאָדוס 1947" ? פון בעלזען און דורך בעלזען זענען געגאַנגען אַלע יונגע יידן, ווען די „הגנה" האָט גערופן צו באַפרייען דאָס לאַנד.

בעלזען איז אַ קאַפּיטל פאַר יידישע געשיכטע־שרייבער, יידישע פאַרשער. דעם 26סטן אָקטאָבער 1945 האָט דוד בן־גוריון אַריינגעשריבן אין אונדזער טאָגבוך פון „קאַצעט־טעאַטער" די ווערטער :



„עם ישראל חי —
ולנו תהיה האַרץ".

דווקא אין בערגען־בעלזען האָט ער געזען דעם שטאַרקן גלויבן אין „עם ישראל חי". דער גרעסטער טייל לעבן־געבליבענע בערגען־בעלזענער האָבן געפונען אין ישראל זייער אויסגעטרוימטע היים, פאַר וועלכער זיי האָבן מיטגעקעמפט און געהאָלפן באַפרייען.

אין ישראל האָבן די בערגען־בעלזענער געפלאַנצט אַ „יער בעלזען" צום אָנדענק פאַר די, וועלכע האָבן נישט זוכה געווען באַפרייט צו ווערן.

אַ ווינטער־אָוונט
אין בערגען־בעלזען

געווען איז עס אין בערגען־בעלזען, אָוונט־צייט, אין ערשטן ווינטער נאָך דער באַפרייונג. דאָס מאָל האָט זיך דער ווינטער געשטעלט אַ שאַר־פער. אַ ווינט האָט געבלאָזן, געפייפט אין די קוימענס. די פענצטער האָבן זיך אָנגעטאָן אין אַ בלישטשענדיקן פאַנצער, מיט אייז האָבן זיך באַדעקט די ביימער. איז ליב געווען צו זיצן אין שטוב. דער אויוון האָט רויט געגליט. ס׳האָט געקנאַקט דאָס פרישע האָלץ. ס׳איז היימלעך געווען אין קליינעם שטיבל, ווו איך האָב געוווינט.

כ׳בין געזעסן ביים אויוון, זיך געוואַרעמט, געלייענט אַ בוך, געהאַט יענע הנאה פון מנוחה, וואָס נאָר אַ קאַצעטלער קען זי פילן נאָך פינף קאַצעט־יאָרן.

אַ לייכט קלאַפּן אין דער טיר האָט איבערגעריסן מיין לייענען. די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אַ פרוי. איר עלטער איז שווער געווען צו באַשטימען. אַט האָט זי אויסגעזען יונג און אַט האָט זיך דאָס פּנים אירס געענדערט — אַ מידקייט און אַ טרויער איז געלעגן אין אירע אויגן. זי איז שטיין געבליבן ביי דער טיר אַ ביסל פאַרלעגן, געקוקט אויף מיר און געזאָגט:

— זייט מוחל... כ׳שטער אייך אפשר...

מער האָט זי נישט געקענט רעדן. אירע ליפּן האָבן געציטערט. טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן.

— זיצט! — האָב איך איבערגעריסן איר שווייגן. — וואַרעמט אייך אָן. באַרויקט זיך. אפשר קען איך אייך מיט עפּעס העלפן?

זי האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגעזעצט און באַלד האַסטיק צוריק אויפ־געשפּרונגען. זי האָט פאַרדעקט איר צעפלאַמט פּנים מיט די הענט און האָט ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— ניין! מיר קען קיינער נישט העלפן.

זי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויפן שטול און דערציילט:

— איך שטאַם פון אונגאַרן. מיינע עלטערן זענען געווען חסידישע מענט־שן, רייכע סוחרים. איך, די איינציקע טאָכטער, האָב שטודירט מעדיצין,

געאַרבעט. דאַן זענען געקומען די דייטשן. לאַגער... — און נאָך אַ קורצער פּויזע — ווי אַ פּרויען־דאָקטער, האָט מען מיך צוגעטיילט אויפן קראַנקן־רעוויר פאַר פרויען. מיין גאָט! צו וואָס בין איך געוואָרן אַ פרויען־דאָקטער ?...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אומגעקוקט זיך, געזוכט די טיר און געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין.

— אפשר וועט איר עפּעס טרינקען ? — האָב איך זי געפּרוּווט פאַרהאַלטן.

זי האָט אויף מיר אַ בליק געטאָן, געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און צוגעגעבן :

— איך ווייס נישט צי אייך איז באַקאַנט, אַז שוואַנגערע פרויען האָט מען באַלד געשיקט אין גאַז־קאַמער. אַ סך איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן זייער צושטאַנד. זיי זענען געפאַלן אין חלשות אויפן אַרבעטס־פּלאַץ. ווען די ס.ס.־לייט האָבן זיך געכאַפּט, האָט מען זיי באַלד געשיקט אין גאַז־קאַמער. אייניקע האָבן חברטעס געבראַכט צו מיר אויפן קראַנקן־רעוויר. זיי האָבן זיך געבעטן, געקושט מיר די הענט, כ׳זאָל זיי ראַטעווען... אָבער ווי אַזוי ?... אַז קיין קינדער טאָרן דאָ נישט געבוירן ווערן! יעדע פון זיי האָט מיך געבעטן : ראַטעוועט מיך, כ׳בין דאָך נאָך אַזוי יונג. העלפט מיר ! ס׳האָט געשניטן ביים האַרץ. מיין גאָט !...

צי איז דען איבערהויפּט פאַראַן אַ גאָט ? ווו איז ער ? ווו זענען מיינע ייִדעס, די רבנים ? ווו זענען אונדזערע נביאים ? ווו איז משיח ? אויב קיין יידישער משיח איז נישטאָ, ווו איז דער גויישער משיח ? ער האָט דאָך געפּרעדיקט ליבע פון מענטש צו מענטש... ווו איז דער מענטש ? צי עקזיסטירט מענטשלעכקייט ?...

— ווי אַזוי זאָל איך אייך העלפן ? — האָב איך געזאָגט — אויב איר ווילט לעבן, טאָר אייער קינד נישט לעבן...

איין פרוי האָט אויף מיר מוראדיק אַ קוק געטאָן. קרעכצן אפילו האָט מען נישט געטאָרט, האָט זי שטיל, ווי אַ פאַרווּנדעטע חיה, געוואַיעט, געהעשעט, פון ווייטיק זיך געביסן די ליפּן ביז בלוט. און אַז דאָס געקרעכץ און די העשערייען זענען געוואָרן העכער, האָב איך איר מיט כוח דאָס מויל פאַרבונדן, אַז די ס.ס.־לייט הינטערן פענצטער זאָלן נישט דערהערן.

— אָט די צוויי הענט — האָט זי מיר געוויזן, קוקנדיק מיט עקל

אויף אירע דאַרע צוויי אויסגעשטרעקטע ציטערדיקע הענט — מיט די הענט האָב איך דאָס קינד אָפּגענומען און עס דערשטיקט!... אָבער פּלוצעם האָט די מוטער מיט די לעצטע כוחות אַראָפּגעריסן דאָס טוך פון איר מויל און געשריען: מערדערין! גיט מיר צוריק מיין קינד! אַ שווייס האָט מיך באַגאָסן. מיט די לעצטע כוחות האָב איך איר צוגעהאַלטן דאָס מויל זי האָט זיך איינגעביסן ביז בלוט אין מיינע הענט, איז צוריק־געפאַלן און זיך צעוויינט. איך האָב איר געמאַכט אַן איינשפּריצונג און זי איז איינגעשלאָפן. דאָס עופהלע האָב איך פאַרפּאַקט אין פּאַפּיר און עס פאַרשאַרט הינטערן באַראַק.

די מוטער איז געווען גערואַטעוועט. אָבער אויף ווי לאַנג?

אַזוי האָב איך צענדליקער יידישע קינדער דערשטיקט! איך, נישט קיין נאַצי! מיט מיינע יידישע הענט. גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך גראַד אויסגעקליבן, כ׳זאָל זיין דער מערדער פון יידישע עופהלעך! איצט זענען זיי אַלע טויט. פאַרוואָס האָסטו מיך געלאָזן לעבן? אָבער ניין, זיי זענען נישט טויט. איך זע זיי אומעטום. ווו איך גיי און ווו איך שטיי, זע איך זיי, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. נישט איך קען שלאָפן און נישט איך קען וואַך זיין. איך האָב זיי דעם ערשט־געבוירענעם געשריי נישט געלאָזן געבן. איך... איך... — האָט זי געיאָמערט.

און איצט הער איך זיי אַלע שרייען, אַלע די, וואָס איך האָב דערשטיקט. עס טרייבט מיך און עס יאָגט מיך. איך קען מער נישט זיין קיין דאָקטאָרין. מיין חלום איז דאָך געווען צו העלפן מענטשן, דעם ערשטן שריי פון ניי־געבוירענעם צו הערן, דעם גליקלעכן שמייכל פון דער מוטער צו זען. און איצט האָב איך מורא. איך האָב מורא, אַז מיינע הענט, וואָס וועלן באַרירן אַ ניי־געבוירן עופהלע, זאָלן עס נישט דער־שטיקן... כדי צו ראַטעווען, האָב איך געמוזט טויטן...

די פרוי האָט טיף אָפּגעהעשעט:

— זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב עס אייך אַלץ דערציילט. אפשר וועט מיר אַ ביסעלע לייכטער ווערן. — און זי האָט זיך שטיל צעוויינט.

איך האָב געשוויגן. איך האָב געפילט, ווי מיינע אויגן ווערן פייכט. גראַד האָט זיך פון הינטער דער וואַנט צעוויינט אַ ניי־געבוירן קינד. די פרוי איז אויפגעשפּרונגען, אָנגעכאַפּט זיך ביים קאָפּ, פאַרשטאָפּט די אויערן און איז אַרויסגעלאָפן, אָפן לאָזנדיק די טיר.

אַ שניידנדיקער ווינט האָט זיך אַריינגעריסן אין מיין שטוב. איך בין אַרויס. די פרוי איז מער נישט געווען.

אַ דין־תּורה

פיר זענען זיי געווען, ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דער בית־דין־שטוב: אַ פרוי און דריי מענער.

עס האָט זיך דערהערט אַ שטיל וויינען, וואָס איז פּלוצעם אַנטשוויגן געוואָרן. איבער דער בית־דין־שטוב, האָט זיך אַ טרויעריקע שטילקייט געשפּרייט.

דער רב האָט זיך געוואָנדן צו דער פרוי און צו די דריי מענער און זיי געהייסן דערציילן, וויאַזוי דאָס אַלץ איז געשען.

די ערשטע האָט די פרוי, זיך ווישנדיק די טרערן, אָנגעהויבן צו דערציילן:

— סוף זומער 1939, האָבן מיר, אברהם און איך, חתונה געהאַט. אַלס קינדער האָבן מיר זיך נאָך געקענט — געווען שכנים. מיר האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט, געווען יונג און גליקלעך, אָבער נישט לאַנג — האָט זי טרויעריק צוגעגעבן.

די מלחמה איז אויסגעבראָכן, מיין מאַן איז אַוועק צום מיליטער און איך בין געבליבן אַליין. זינט דעמאָלט, האָב איך אים מער נישט געזען.

די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל. זיי האָבן מיך מיט אַנדערע יידישע פרויען פאַרשיקט אין אַ לאַגער אין דייטשלאַנד. כ'האָב דורכגעמאַכט דעם גאַנצן היטלעריסטישן גיהינום, ביז איך בין, אַ טויט־קראַנקע, באַפרייט געוואָרן אין בערגען־בעלזען.

נאָך זייענדיק קראַנק און שוואַך פון טיפוס, האָב איך זיך גענומען זוכן מיין מאַן און מיין משפּחה. געוואַנדערט איבער לאַגערן, ווו יידן האָבן זיך געפונען, נאָכגעפרעגט זיך און געזוכט — אפשר וועט עמעץ וויסן וועגן מיין מאַן.

איך האָב אים געזוכט וואָכן, געזוכט חדשים, מיט דער צייט האָב איך פאַרלוירן די האָפענונג... איך בין געווען איינזאַם און צעבראָכן.

אין איינעם אַ טאָג האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. די יידישע בריגאַדע האָט מיך מיט מי און לייד געבראַכט קיין ארץ־ישראל.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל בין איך אַריין אין אַ קיבוץ און געוואָלט אָנהויבן אַ נײַ לעבן — אפשר, האָב איך געטראַכט, וועט דאָס לעבן אין קיבוץ מיר היילן מײַנע ווונדן.

זײַענדיק אין קיבוץ, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ פֿײַנעם בחור, מיר האָבן זיך ליב באַקומען. אין אַ שיינעם טאָג, זאָגט ער צו מיר: — חנהלע, איך האָב דיך זייער ליב, איך וויל מיט דיר חתונה האָבן. — איך האָב זיך צעוויינט.

— חיים — זאָג איך — אויך איך האָב דיך ליב, נאָר חתונה האָבן קענען מיר נישט — מײַן חבר איז געבליבן אַ דערשטויננטער:

— פֿאַרוואָס חנהלע, פֿאַרוואָס ?!...

— ווײַל איך האָב אַ מאַן, איך בין פֿאַרהייראַט. — און איך האָב אים אַלץ דערציילט. מיר האָבן באַשלאָסן צו געבן אַ „מודעה" אין דער צײַטונג:

„מ׳זוכט עדות, וואָס האָבן געקענט אברהם שטיינגרין פֿון בענדין (פּוילן), ווער עס ווייסט עפּעס וועגן אים, אָדער קען באַשטעטיקן זײַן טויט, בעט מען זיך צו ווענדן צו זײַן פֿרוי, חנה שטיינגרין, „קיבוץ המאוחד"..."

עס האָבן זיך געמאָלדן צוויי עדות, חברים זײַנע, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים אַוועק אין מיליטער און זיי האָבן געזען, ווי אין אַ שטעטל האָט מען אַ גרויסע צאָל יידן דערשאָסן, צווישן זיי אויך מײַן מאַן, זיי האָבן אים געזען אַ טויטן.

מיר זענען אַוועק מיט די עדות אין ראַבינאַט און אין אַ צײַט אַרום האָבן מיר חתונה געהאַט. איך בין נישט געווען איינזאַם, כ׳האָב געפֿונען אַ טײַערן חבר — פֿאַרגעסן כאָטש אַ טייל פֿון מײַנע פּײַן.

אַ יאָר נאָך דער חתונה האָב איך געבוירן אַ קינד, אַ ייִנגעלע, מיר זענען געווען גליקלעך. ביז... אין אַ שיינעם טאָג, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין מײַן טיר און ס׳איז אַרײַנגעקומען אַ מאַן... כ׳האָב אים נישט באַלד דערקענט, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך, ווי נישט מיט מײַן קול, אויסגעשריגן: אב־ר־הם!!!... איך בין געפֿאַלן אין חלשות.

איך האָב אברהמען זייער ליב געהאַט, אים נישט געקענט פֿאַרגעסן. אָבער הײַנט, מײַן גאַט, האָב איך דאָך אויך ליב יצחקן, און מײַן קינד... וואָס טוט מען איצט, וואָס טוט מען ?... איך בין ווידער אַ צעבראָכענע. — די פֿרוי האָט זיך צעוויינט.

אַ דערדריקנדיקע שטילקייט האָט געהערשט אין בית־דין־שטוב.

דער רב האָט די שטילקייט איבערגעריסן:
— דער עדות משה שטיינמאַן איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן. זאָל דער צווייטער עדות, שייבדל לחיים ארוכים, חיים קליינער, דערציילן, וויאַזוי דאָס איז געווען. —

חיים האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעהוסט און אָנגעהויבן צו דערציילן:
— ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן מיר, אברהם און איך, באַדאַרפן זיך צושטעלן צום מיליטער. ביידע זענען מיר געווען אין דער זעלבער קאָמפּאַניע. די באַן, מיט וועלכער מיר זענען געפאָרן, האָט זיך אין מלחמה־טומל אונטערוועגס אָפּגעשטעלט. זענען מיר געגאַנגען צו פוס און מיט פורן געפאָרן. אַז מיר זענען צוגעקומען צום אָרט, איז אונדזער קאָמפּאַניע שוין געהאַט אַוועק. מיר האָבן זי נאָכגעיאָגט, אָבער די דייטשן האָבן אונדז אין אַ שטעטל דעריאָגט.

זיי זענען אַריין מיט שטורעם אין שטעטל, פאַרברענט דאָס בית־המדרש און די שול, געמאַכט אַ שחיטה צווישן די יידן. אין זעלבן טאָג, אין דער סומאַטאָכע, האָב איך פאַרלוירן מיין חבר. איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ פעלד צווישן הויכע גראָזן. ווען עס האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, בין איך אַרויס. קוים אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועגס, האָט מיך אַ דייטש געכאַפּט און כ׳האָב געמוזט מיט אַנדערע געכאַפּטע יידן אויסקאָפּען גריבער, קברים פאַר דערהרגעטע יידן, וואָס מען האָט געבראַכט אויף וועגענער יעדע פאַר שעה.
שפּעט אין אָוונט האָט מען נאָך געבראַכט אַ וואָגן מיט דערהרגעטע. ווען מיר האָבן אַראָפּגענומען די מתים און זיי אויסגעלייגט אויף דער ערד אין אַ ריי, האָב איך דערזען צווישן זיי מיין חבר אברהם.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָבן די דייטשן אונדז געהייסן לאָזן ליגן די מתים ביז מאָרגן, מיט אַ באַפעל אַז זיבן אַ זייגער אין דער פרי, מוזן מיר אַלע זיך צושטעלן צו דער אַרבעט, ווער עס וועט זיך נישט צושטעלן, וועט ווערן דערשאָסן.
ביינאַכט איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן פון שטעטל. כ׳האָב זיך געוואָלגערט אין פאַרשידענע באַהעלטענישן, און וועלדער און שטעטלעך, ביז די דייטשן האָבן מיך ווידער געכאַפּט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער קיין דייטשלאַנד.
נאָך דער מלחמה, ווען איך בין באַפרייט געוואָרן, בין איך פון מינכען עולה געווען קיין ישראל.

ווען איך האָב איבערגעלייענט אין דער צייטונג די „מודעה", בין איך זעלבסטפאַרשטענדלעך געגאַנגען און עדות־געזאָגט, וואָס איך האָב געזען און איבערגעלעבט.

דער עדות איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ.

נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט דער רב זיך געוואָנדן צו אברהמען:

— איצט דערציילט איר, אברהם, וויאַזוי איז דאָס געווען.

אברהם האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן שטיל אָנגעהויבן צו דער־ציילן:

— זוכנדיק, אין יענעם טאָג, מיין חבר און איך, אַ פּלאַץ ווו זיך צו באַהאַלטן, האָבן די דייטשן מיך מיט נאָך אַנדערע יידן געכאַפּט. ס׳איז מיר געלונגען זיך אַרויסצודרייען און צו אַנטלויפן. די דייטשן האָבן מיך באַמערקט און נאָכגעשאָסן, מיך געטראָפן אין פוס, בין איך געבליבן שטיין. איז צו מיר צו אַ דייטש, ער האָט מיר דערלאַנגט מיט זיין ביקס, כ׳האָב געפילט אַ קלאַפּ אין קאָפּ, מיר איז געוואָרן שוואַרץ פאַר די אויגן. ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך געפילט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. איך האָב געציטערט פון קעלט און געפיבערט. די צונג איז געווען טרוקן, איך בין געווען דורשטיק. אין מיין קערפּער האָט געברענט אַ פייער. איך האָב געקרעכצט פון ווייטיק און זיך נישט געקענט דער־מאָנען, ווו איך בין און ווי אַזוי איך קום אַהער.

די לבנה האָט אויפגעשיינט, און אינעם שוואַכן ליכט פון דער לבנה, האָב איך געזען, אַז עס ליגן נאָך מענטשן, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי שלאָפן...

לאַנגזאַם בין איך געקומען צו זיך און האָב זיך אָנגעהויבן צו דער־מאָנען... און פּלוצעם האָב איך דערזען מצבות — איך האָב דאַן אַלץ פאַרשטאַנען...

איך בין אויפגעשטאַנען און לאַמענדיק זיך געשלעפּט אין אַ דאָרף אַריין, דאָרט זיך באַהאַלטן צוויי טעג און צוויי נעכט אין אַ שייער. אַז דער ווייטיק אין מיין פוס איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן, בין איך אין דער דריטער נאַכט אַוועק פונעם דאָרף און אַריין אין וואַלד, דאָרט געווען אַ צייט געלעבט פון וואַלד־יאַגדעס, שפּעטער — ווייטער געוואַנדערט, אָנגעקו־מען אין אַ שטעטל צו אַ ייד. ביים יידן האָב איך פאַרבונדן מיין פוס, זיך אויסגערוט, פאַרשאַפט זיך עסן און ביינאַכט ווידער — לך לך. זיך געלאָזט אין וועג אַריין, צו דער רוסישער גרענעץ, צום טייך בוג. עס

איז מיר געלונגען אַריבערצוקומען דעם בוג, האָבן מיך דאָן די רוסן געכאַפּט, און צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן, פאַרשיקט אין די ווייטע רוסישע מקומות. דאָרט האָב איך געאַרבעט שווער אין וועלדער, אין קוילן־גרובנס. אַפגעליטן אַזוי די גאַנצע מלחמה, און געבענקט אַהיים...

נאָך דער מלחמה, ווען מ׳האָט די געוועזענע פוילישע בירגער דערלויבט צוריקפאָרן קיין פוילן, האָב איך זיך אויך געמאָלדן, מיט דער האָפענונג צו געפינען מיין ווייב און פאַמיליע. אָבער פון מיין פאַמיליע, האָב איך קיינעם נישט געטראָפן. אַפילו נישט געהאָט ביי וועמען זיך נאָכצופרעגן. מיט שווערער מי איז מיר געלונגען אַרויסצופאָרן פון פוילן קיין דייטש־לאַנד. אויך דאָרט האָב איך געזוכט מיין ווייב און מיין פאַמיליע, און קיינעם נישט געפונען. מיין איינציקער וועג איז געווען נאָר קיין ישראל, און איך בין עולה געווען. אויך דאָ האָב איך קיינעם נישט געפונען.

דער דערציילער האָט געמאַכט אַ קורצע פויזע, שווער אָפּגעעטעמט און ווייטער דערציילט:

— איינמאָל האָט מען אין אַ געשעפט מיר פאַרפּאַקט אין אַן אַלטער צייטונג אייניקע זאַכן, וואָס איך האָב דאָרט געקויפט. איך קום אַהיים, און ביים אויספּאַקן דאָס פּאַקעטל גיט מיר אַ שווינדל פאַר די אויגן: מיין נאָמען... מיין נאָמען... מיין ווייב... מיין טייערע חנהלע זוכט מיך — מיין חנהלע. איך בין געבליבן ווי פאַרשטיינערט, זיך נישט געקענט רירן, טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן...

איך בין אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעריסן די „מודעה״, און מיט האַרצ־קלאַפּעניש געגאַנגען אויפזוכן מיין טייערע חנה. נאָך אַזויפיל יאָרן פון בענקשאַפט, לייד און האָפענונג — ענדלעך זי געפונען.

דער דערציילער האָט אָפּגעווישט אַ טרער, פאַרביסן די ליפּן און אַנטשוויגן געוואָרן.

דער רב און די דיינים זענען אַריין אין אַ צווייטן צימער אויף אַ באַראַטונג. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ קרעכץ. די טרויעריקע שטיל־קייט וואָס האָט געהערשט אין דער בית־דין־שטוב, איז פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן פונעם שטילן געוויין פון חנהן.

די פאָן פון קאַצעט־טעאַטער

דער קאצעט־טעאטער

אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג אין לאַגער בונצלאַו

דער „קאַצעט־טעאַטער" אין בערגען־בעלזען

ווידער פאַרשפילט

מאַריאַ קוריצקאַ

דער פאַרכישופטער שניידער

אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג
אין לאַגער בונצלאַו

ס׳איז חנוכה־צייט. עטלעכע טעג איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי און פאַרשאָטן אַלץ. דערנאָך איז געקומען אַ פראָסט, וואָס האָט ביי אונדז, „לאַגערניקעס״, אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל חיות. אויסגעפּרוּירענע און טויט־מידע פון דער אַרבעט זענען מיר געקומען אין לאַגער אַריין. נאָכן „אַפּעל״, דאָס הייסט, נאָכן אָפּשטיין אַ שעה צייט אויף דעם פראָסט ביז אַלע קאָלאָנעס האָבן אַריינמאַרשירט און מען האָט אונדז איבערגעציילט, זענען מיר אַריין אין די באַראַקן, זיך געוואַשן און געשטעלט אין דער ריי צו נעמען די פּאָרציע ברויט און די זופּ.

אָפּגעגעסן דאָס ביסל זופּ (די פּאָרציע ברויט האָט מען באַהאַלטן אויף מאָרגן צו דער אַרבעט), זיצן מיר אַזוי אַ גרופּע חברים צוזאַמען און דערמאָנען זיך חנוכה־צייט אין דער היים.

— אָך — זיפצט איינער און זאָגט — כ׳דערמאָן זיך ביי אונדז אין שטעטל חנוכה... די חנוכה־ליכטלעך, דאָס עסן לאַטקעס, פאַנטשקעס, גריוון פון אויסגעלאָזענעם שמאַלץ אויף פסח, און דאַן דאָס שפּילן אין קוויטלעך — געווען אַ לעבן.

— דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער — דו האָסט פאַרגעסן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן: די פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמענפאָרן, רעפעראַטן, קונסט־אויסשטעלונגען, טעאַטער און אויך אונדזערע אייגענע דראַם־קרייזן. געווען צייטן...

און יעדער איינער, פאַרטיפט אין זכרונות פון אַמאָל, בלייבט זיצן טרויעריק שטיל.

רייס איך איבער די שטילקייט:

— חברה — זאָג איך — פאַרוואָס זאָלן מיר דעם איצטיקן חנוכה נישט שפּילן טעאַטער ?... טאַקע דאָ אין לאַגער.

די חברים האָבן אויף מיר געקוקט און נישט באַנומען, וואָס איך האָב געזאָגט, זאָג איך נאָכאַמאָל:

— חברה, ווער פון אייך וויל מיר צוהעלפן דאָ אין לאַגער צו אָרגאַניזירן אויף חנוכה אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג ?...

— וואָס, וואָס זאָגסטו ? — רופט זיך אָפּ איינער — דאָ אין לאַגער ?... אַ יידיש טעאַטער ?...

— פאַרוואָס נישט ? — ענטפער איך צוריק.

אַלע האָבן אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט דערשטוינונג, צי איך מאַך אַ וויץ אַזאַ אָדער גאָר איך בין נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען.

— ערשטנס — רופט זיך אָפּ עמעץ — ווער וועט אייך דערלויבן שפּילן טעאַטער ? און, צווייטנס, אויב יאָ, פון וואַנען וועט איר נעמען אַזאַ טעאַטערשטיק, איך מיין אַ פּיעסע צו שפּילן ?

— מען וועט שוין מאַכן, — זאָג איך און פרעג נאָכאַמאָל: — ווער מעלדעט זיך פרייוויליק מיר מיטצוהעלפן אָרגאַניזירן און ווער וויל מיטשפּילן ?

כמעט אַלע האָבן זיך געמאָלדן מיר מיטצוהעלפן אָרגאַניזירן און אויך שפּילן. איך בין אויפגעשטאַנען און אַוועק צום יודענעלטסטן.

— יודענעלטסטער — זאָג איך — איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ טעאַ־טער־רעזשיסער, וויל איך אָרגאַניזירן לכבוד חנוכה אַ טעאַטער־פאָר־שטעלונג.

— וואָס ווילט איר מאַכן ? — האָט דער יודענעלטסטער פאַרוואונדערט געפרעגט.

— אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג לכבוד חנוכה.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן ווי אויף אַ משוגענעם — וואָס ? !... איר מיינט עס ערנסט, אָדער איר מאַכט זיך אַ געלעכטער מיט מיר ? טראָגט זיך אָפּ און פאַרדרייט מיר נישט קיין קאָפּ, איך האָב אַנדערע דאגות.

— ניין — זאָג איך — איך וויל באמת מאַכן אַ פאָרשטעלונג אויף חנוכה.

— וואָס מיינט איר — זאָגט דער יודענעלטסטער — איר זייט אין דער בענדינער „מוזע", אָדער אין דער סאָסנאָוויצער „לירע", וואָס איר ווילט טעאַטער מאַכן ?... איר פאַרגעסט, אַז איר געפינט זיך אין אַ „יודען־צוואַנגס־אַרבעטס־לאַגער"; דער לאַגער־קאָמענדאַנט קען אייך געבן אַ טעאַטער, אַז איר וועט האָבן צו געדענקען... ער קען נאָך שיקן אַ מעלדונג קיין בערלין — בין איך מאַרגן אויס יודענעלטסטער און גיי צו שטראָף־

אַרבעט און אייך פֿאַרשיקט מען וואָר וויסט ווו... לאָזט אָפּ מיט אייערע נאַרישקייטן, אויב איר ווילט נישט אָנטאָן דעם לאַגער קיין צרות.

— איך פֿאַרזיכער, יודענעלטסטער, ס׳וועט אייך גאָרנישט נישט געשען. איך האָב אַן אידעע: גייט צום לאַגער־קאָמענדאַנט און זאָגט אים, אַזוי ווי ס׳גייט איצט צו „ווייַנאַכטן", בעט איר אים, אַז ער זאָל דערלויבן צוגרייטן אַ קליינע ווייַנאַכטס־פייערונג מיט אַ ביסל געזאַנג און אונטערהאַלטונג און זאָגט אים, אַז די „אָפּוועקסלונג", וועט לויט אייער מיינונג, זייער גוט אויף די לויטע ווירקן. פּראָבירט — זאָג איך — וואָס אַרט עס אייך?

דער יודענעלטסטער האָט זיך פֿאַרטראַכט און איז אַוועק צום לאַגער־קאָמענדאַנט, זיך געזוימט אַ צייט. איך האָב מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט. נאָר אָט האָב איך דערזען דורכן פענצטער פון באַראַק, ווי דער יודענעלטסטער גייט אַ שמייכלדיקער צוריק און אַריינקומענדיק זאָגט ער צו מיר: ער האָט דערלויבט, אָבער נישט מער ווי צוויי שעה — און צוגעגעבן: ווייַ וועט זיין צו אונדז, אויב עס וועט קומען פון דער „בוי־שטעלע" אַ „בעשווערדע", „דאָס די יודען אַרבייטען נישט געהעריג".

זאָג איך: — יודענעלטסטער, פאַר דעם שרעקן מיר זיך נישט, ס׳וועט סיי־ווי־סיי זיין דאָס זעלבע, צי מיר וועלן יאָ שפּילן טעאַטער צי מיר וועלן נישט שפּילן טעאַטער — איז שוין בעסער, אַז מיר וועלן יאָ שפּילן טעאַטער — און איך האָב זיך גענומען צו אָרגאַניזירן די טעאַטער־פֿאָרשטעלונג און אָנגעהויבן מאַכן פּראָבן.

איך האָב גוט געדענקט פון זכרון דעם ערשטן אַקט פון „גואל" (גאָטס געיעג) אַ משיחיש שטיק פון עמיל בערנהאַרד, נאָך פון די פּראָבן אינעם יידישן טעאַטער־סטודיע אין בערלין 1927—1933 אונטער דער רעזשי פון צבי פרידלאַנד פון „הבימה". צבי פרידלאַנד האָט דעמאָלט באַאַרבעט מיט דער סטודיע נאָר איין אַקט, ווייל ער איז אָפּגעפאָרן מיט דער „הבימה" קיין ארץ־ישראל. קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך מיט דעם סאָסנאָוויצער דראַם־קרייז „לירע" אויפגעפירט אין שטאָט־טעאַטער אַלע דריי אַקטן פון „גואל", אַזוי, אַז איך האָב נאָך פריש געדענקט דעם גאַנצן ערשטן אַקט פון אויסנווייניק. איך האָב אויך רעזשיסירט אין דער בענדינער „מוזע" אַחוץ גרויסע פאַרשטעלונגען אויך „קליינקונסט", און האָב דעריבער געדענקט פון אויסנווייניק איינינקע סצענקעס, ווי למשל: „דער שבת־גוי" פון פּרץ, „20 דאָלאַר" פון משה נאַדיר

און אייניקע סצענקעס האָב איך פאַר דער דאָזיקער פאָרשטעלונג אַליין געשריבן און אינסצעניזירט צוזאַמען מיט יידישע פאָלקס־לידער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון צוגרייטן זיך צום יום־טוב חנוכה. אַ חבר האָט אין געהיים געבויט אויף דער „בוישטעלע" אַ מנורה, אין איינצלנע טיילן אַריינגעשמוגלט אין לאַגער און דאָרט זי צוזאַמענ־געשטעלט. אַ צווייטער האָט „אָרגאַניזירט" אייל אויף צו ברענען די אייל־קנייטלעך, אַ דריטער — פאַרביקן קרייד, ווי רויט, בלוי, געל אאַז"וו. אויף צו מאַכן בערד, האָט מען „אָרגאַניזירט" גלאַז־וואַל, פון דער „קראַנקען־שטובע" האָבן מיר באַקומען וואַטע; און יעדן אָוונט, טויט־מידע נאָך דער שווערער אַרבעט און אַפּעלן, האָבן מיר שטילערהייט געמאַכט פּראָבן.

איך דערמאָן זיך אייניקע חברים, וועלכע האָבן מיטגעשפּילט אין דער דאָזיקער פאָרשטעלונג: יצחק קאַץ, שלמה גוטמאַן, יוסף שוואַרץ, דאַטנער, אָפּאַטאָווסקי, קורט נעבל, מענדל בוטניק און נאָך אַנדערע, וועלכע איך געדענק ליידער נישט זייערע נעמען. אַגב, האָבן יצחק קאַץ, יוסף שוואַרץ, שלמה גוטמאַן, מענדל בוטניק א. אַ. אויך נאָך דער באַפרייונג אין בערגען־בעלזען מיטגעשפּילט אין בערגען־בעלזענער „קאַצעט־טע־אַטער.

אין לאַגער איז די שפּאַנונג געווען גרויס אין דערוואַרטונג פון חנוכה־יום־טוב און פון דער טעאַטער־פאָרשטעלונג.

אין אַ זונטיק אָוונט האָבן מיר אין גרעסטן באַראַק צערוקט די קויקעס און געמאַכט אַ בינע און פון צוויי קאַצן — אַ פאָרהאַנג.

איך האָב די שוישפּילער געשמינקט מיט סאַדזעס פון אויוון און מיט קרייד פון פאַרשידענע פאַרבן. די בערד אָנגעקלעפּט פון גלאַז־וואַל און וואַטע.

דער „גואל" איז אַ משיחישע פּיעסע. אין שטעטל איז אַ פּאָגראָם. די יידן באַהאַלטן זיך אין שול, בעטן צו גאָט און זאָגן תהילים. קומט איינער אַ פרעמדער און גיט זיך אויס פאַר משיחן און דאָס שטעטל אין דער צרה זעט אין אים דער אויסלייזער. צום שלוס ווערן די יידן פונעם פאַלשן משיח ביטער אַנטוישט.

נאָך דער באַפרייונג, ווען איך האָב אויפגעפירט דעם זעלבן אַקט מיט אַ גרויסן טייל די זעלבע חברים, וואָס האָבן אין בונצלאַו געשפּילט, האָב איך צום שלוס פון אַקט אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע קעמפנדיקע פאַר־

טיזאַנער מיט געווער אין די הענט, וועלכע זאָגן: „אויסלייזן מוזט איר זיך אליין!"... און זינגען דאָס ליד „ס'ברענט" פון געבירטיג און צום סוף פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג — „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" פון הירש גליק.

אַלע אסירים זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין גרויסן באַראַק און עס איז אונדז אויך געלונגען אַריינצוברענגען אויף דער פאָרשטעלונג די מיידלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט אין קיך.

אָבער אין מאָמענט, ווען איך וויל געבן אַ צייכן צום אָנהייבן, הער איך אַ גערודער אין „זאַל" און אַ פּלוצעמדיקע שטילקייט. איך גיב אַ קוק דורכן שפּאַלט פון פאָרהאַנג: אוי, אַ בראָך!... דער לאַגער־קאָמענדאַנט איז דאָ. לכתחילה איז מיר שלעכט געוואָרן, אָבער איך האָב זיך באַלד געכאַפּט און בין אַרויס פאַרן פאָרהאַנג און אָנגעהויבן אַ פאָררעדע:

— קאַמעראַדען, אונדזער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט אונדז הויטע ער־לאַובט צוויי שטונדען צו פייערן דאָס „ווייַנאַכטספעסט", און דער יודענ־עלסטער האָט דען לאַגער־קאָמענדאַנטען פערשפּראָכען, דאָס קיינע בע־שווערדען זיין ווערדען. — אין דעם זין האָב איך גערעדט און גערעדט... און אָט, האָב איך דערזען ווי דער לאַגער־קאָמענדאַנט איז אַרויס פון באַראַק — און מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער חנוכה־יום־טוב.

צוערשט איז אַרויס אַ חבר און האָט געצונדן חנוכה־ליכט און מיר האָבן אַלע געזונגען צוזאַמען „מעוז צור" און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג.

ביי מיין גאַנצער טעאַטער־קאַריערע, נישט ביי מיר און נישט ביי קיין שום אַנדער טעאַטער, האָב איך נישט געזען אַזאַ איבערגעגעבן און באַגייסטערט פּובליקום.

די מענטשן זענען געזעסן אין גרויס שפּאַנונג און זיך געפרייט, ווי קליינע קינדער, געפּאַטשט מיט די הענט און געטופּעט מיט די פיס, אַז איך האָב מורא געהאַט, די וואַך־פּאָסטנס זאָלן נישט דערהערן דעם גרויסן גערודער און צעשטערן אונדזער גאַנצע טעאַטער־אויפפירונג.

פאַרן געבן זיי אין דער דאָזיקער ביטערער צייט אין לאַגער אַזאַ חנוכה־יום־טוב און אַזאַ פאָרשטעלונג האָבן די קאַצעטלער אָוועקגעגעבן פאַר די אַקטיאָרן דאָס בעסטע און טייערסטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — ציגאַרעטן, פּאַרציעס ברויט, פּעל־קאַרטאָפל אאַז"וו.

צום סוף האָט דאָס דאַנקבאַרע פּאַטשן מיט די הענט נישט געוואָלט

אויפהערן, ווי מיט דעם וואָלטן זיי געוואָלט פאַרלענגערן דעם 2־שעהדיקן יום־טוב חנוכה אויף נאָך אַ ווייַלינקע.

✶

נאָך דער באַפרייַונג, האָב איך ספּעציעל געגעבן דעם ערשטן אַקט פון „גואל" אין בערגען־בעלזענער „קאַצעט־טעאַטער" צום אָנדענק פון דער פאַרשטעלונג אין היטלערס צ. אַ. ל.־לאַגער און ווען דאָס „קאַצעט־טעאַטער" האָט געשפּילט אין פּאַריז אין „סאַראַ־בערנהאַרד טעאַטער", איז מאָריס שוואַרץ פון אַמעריקאַנער יידישן קונסט־טעאַטער געווען אויף דער פאַרשטעלונג. אין דער פּויזע, איז ער געקומען צו מיר אין גאַרדעראָב און האָט געזאָגט: אַ פייַנע אויפפירונג, אָבער וואָס פאַרא כאַראַקטעריזאַציע איז דאָס, וואָס פאַראַ בערד ?... דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזאַ כאַראַקטעריזאַציע און אַזעלכע בערד.

איך האָב אים געענטפערט איין וואָרט: „קאַצעטישע".

אַ פּלאַקאַט פון די אויפפירונגען אין סאַראַ־בערנהאַרדט־טעאַטער אין פּאַריז

...מאַמע,, כ׳האָב אַזוי מורא, אַזוי מורא, אַזוי מורא!...
— שווייג מיין קינד, באַלד וועט זיך די טיר עפענען,
די זון וועט ווידער אויפשיינען און מיר וועלן זיין פריי.
„דער גואל״ לויט עמיל בערנהאַרדט



...יידן, לאָמיר תפילה טאָן, גאָט בעטן !...

„חננו ד׳ חננו, כי אמללים אנחנו !״

— שוין דריי טעג, ווי זיי ווילדעווען איך אונדזער דאָרף, מיר האָבן נישט וואָס צו עסן, מיר האָבן נישט וואָס צו טרינקען ; אוי, רבונו של עולם, ווען וועט שוין נעמען אַ סוף ? !...

„דער גואל״ לויט עמיל בערנהאַרדט

...ער זעט גאָרנישט אויס צו זיין אַ ייד...
דאַכט זיך אַ פרעמדער...
— רבי, אַ גוי, אַ קאָזאַק אין דאָ!!!!
— און... אפשר איז דאָס משיח?...
— משיח?!...
— רבי, אָט דאָ, אָ!!!!...
— פרעמדער, ווער ביסטו?...

„דער גואל" לויט עמיל בערנהאַרדט

...און ווער וועט אונדז באַפרייען ?...
— באַפרייען מוזט איר זיך אַליין !

(„דער גואל” לויט עמיל בערנהאַרדט)

דער „קאַצעט־טעאַטער"
אין בערגען־בעלזען

א פראַגמענט פונעם אַרטיקל וואָס איז געווען געדרוקט אין נומער 9 „אונדזער שטימע", בערגען־בעלזען, 15.4.1946 צום יאָרטאָג פון אונדזער באַפרייונג.

אין דעם טאָג פון באַפרייונג, ווען דער טיפוס האָט געבושעוועט און פאַרענדיקט די אַרבעט, וועלכע ס'האָבן נישט באַוויזן צו טאָן די ס.ס. זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרופּע חברים, כדי צו שאַפן אַ יידישן קאָמיטעט. שווער איז געווען דער אָנהייב. מיר האָבן פאַרלאַנגט יידישע בלאָקן מיט אַ יידישן פאַרשטייער ביי דער ענגלישער קאָמענדאַנטור. טיילווייז האָבן מיר דעמאָלט דעם קאַמף געוווּנען און יוסף ראָזנזאַפט איז געוואָרן אונדזער פאַרטרעטער ביי דער מאַכט.

אין אַ יאָר נאָך דער באַפרייונג האָבן מיר זיך נאָך אַלץ געפונען אויפן זעלביקן פּלאַץ, וווּ עס זענען אומגעקומען אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער און קינדער, אויפן זעלביקן פּלאַץ, וווּ מיר אַליין האָבן געהאַט אויסצושטיין די געפערלעכסטע ליידן. מיר האָבן געוווּסט, אַז דער נייער וועג וועט זיין אַ שווערער. נאָר אין דער צייט, ווען ס'זענען געקומען אין לאַגער פאַרטרעטער פון פאַרשידענע פעלקער צו העלפן זייערע פאָלקס־אָנגעהעריקע, האָבן מיר פון יידישע פאַרטרעטער קיינעם נישט געזען אַחוץ איינצלנע מיליטערישע ראַבייס, וועלכע האָבן דורך אַ צופאַל אונדז באַזוכט. זיי האָבן אַלץ געטאָן, וואָס עס איז געווען אין זייערע מעגלעכקייטן. אָבער די מעגלעכקייטן זענען געווען קליינע, מינימאַלע. די קראַנקע, פאַרהונגערטע האָבן געגאַרט נאָך אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל הייסע, זיסע קאַווע און טאָקע נאָך אַ שטיקל שאָקאָלאַד... דאָך פּאַוואָליע האָט זיך דער קאָמיטעט אַנטוויקלט. ס'זענען געשאַפן געוואָרן פאַרשידענע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אַנטשפּראָכן די נייע אויפגאַבן. אָנהייב יולי 1945 איז פאַרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע לאַגער־פאַרשטייער אין דער ענגלישער זאָנע. דאָס איז געווען די ערשטע

מיטגליד־קאַרטע פון „קאַצעט־טעאַטער"

קאָנפֿערענץ, אויף וועלכער ס'איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פֿאַר דעם בנין פֿון צענטראַל־קאָמיטעט. בעת מיינעם אַ פּריוואַטן געשפּרעך מיט סאָניע באַטשקאָווסקאַ יוסף ראָזענזאַפֿט און ד״ר צבי העלפֿגאָט איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפֿן אַ קולטור־אָפּטיילונג און אַ דראַמאַטישע סטודיע אונטער מיין לייטונג. אויף אַ זיצונג פֿון קאָמיטעט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פֿון דריי: חוה קילמאַן, סאָניע באַטשקאָווסקאַ און זאַמי פֿעדער, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע אַדורכצופֿירן די ערשטע אַרבעטן. באַקאַנטמאַכונגען אין לאַגער האָבן אָנגעזאָגט די גרינדונג פֿון שולן, אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל און אַ דראַמאַטישע סטודיע. יעדער שריט איז באַגלייט געווען מיט אומגעהויערע שוועריקייטן. מיר האָבן גאָרנישט געהאַט: נישט קיין ליטעראַטור, נישט קיין נאָטן, נישט קיין מוזיק־אינסטרומענטן, און נישט קיין פֿאַרב אָדער דעקאָראַציעס, ווער שמועסט נאָך פֿון קאָסטיומען. נאָר דער גוטער ווילן צו שאַפֿן עפּעס יידישס, צו הייבן דעם קולטור־ניווא פֿון די געוועזענע יידישע „העפטלינגע״, האָט גובר געווען אַלע שטערונגען. דער יידישער „העפטלינג״, אויסגעהונגערט דורך יאָרן פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג, האָט געגאַרט נאָך אַ יידיש וואָרט, נאָך אַ יידיש ליד. פֿון אויסלאַנד האָבן מיר דעמאָלט נאָך נישט געהאַט באַקומען אויפֿן דאָזיקן געביט קיין שום הילף. די רבנים האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך בלויז קליינע מזוזהלעך און דאָס איז געווען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור. מיט דעם, פֿאַרשטענדלעך, האָבן מיר ווייט נישט געקענט פֿאַראינטערעסירן די יוגנט און זי צוציִען צו קולטור־אַרבעט.

פּאַראַלעל מיטן עפֿענען די שולן און קורסן פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע האָבן זיך אויך אָנגעהויבן דעם 14טן יולי 1945 די ערשטע לעקציעס און פּראָבן פֿון דער דראַמאַטישער סטודיע. די פּראָבן זענען פֿאָרגעקומען אין דער ענגלישער שול. ס'האָבן אָנטייל גענומען 10 חברים. איך האָב אויסגעפּרוּווט זייערע פֿעיִקייטן. שוין ביים אָנהייב פֿון אונדזער אַרבעט האָט געעקבערט אין מוח די פֿראַגע: פֿון וואַנען וועלן מיר נעמען נאָטן, לידער און טעקסטן? און צו דעם אַלעם האָט אונדז דער ענגלישער שול־לייטער אָפּגעזאָגט די דירה.

אָבער מיר האָבן געפֿונען אַן אויסוועג: ווער עס קען אַ ביסל יידישע פֿאָלקס־לידער, זאָל ער פֿאַרזינגען און מיר וועלן הערן. האָט די ח׳ סאָניע געזונגען אַ פּאָר האַרציקע יידישע לידער און מיר האָבן זיי באַלד פֿאַרשריבן. דערנאָך זענען צו אונדז געקומען די שוועסטער ווידוטשינסקי און

די סטודיאַנטן מיטן רעזשיסער זאַמי פעדער

די ערשטע רייע זיצנדיק פון רעכטס : **פיענקני בעריש, גוטמאַן שלמה, רעזניק טאַניאַ, האָפמאַן פייגאַ, וואָלקאָוויטש אליעזר, שוואַרץ יוסף, פרידמאַן ישראל.**

די צווייטע רייע : **בוטניק מענדל, קאַץ עדזשיאַ, ווידוטשינסקי דאָראַ, באַנק צילאַ, באָטשקאָווסקאַ סאַניאַ, פעדער זאַמי, קאַץ דאָלי, פרידמאַן מאַלאַ, פרידמאַן חיה,**

די דריטע רייע : **פליך ישראל, גאַרפינקעל יעקב, ווידוטשינסקי בעבאַ, פרידלער בערל, שטייער פנחס, זילבערניק יצחק.**

אַנדערע און מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט איבער די בלאָקן און שטובן, בכדי צו זוכן יידישע ליטעראַטור און פאָלקס־מוזיק. ווער ס׳האָט געדענקט עפּעס אַ ליד אָדער אַ רעציטאַציע, אַ סקעטש אָדער אפשר גאָר אַ גאַנצע פּיעסע, האָט עס איבערגעזונגען, אָדער רעציטירט, און מיר האָבן עס פאַרשריבן. און אַזוי האָבן מיר געזאַמלט יידישע לידער פון געטאָ און קאַצעט און אַלץ פאַרשריבן. אַ טייל פון די דאָזיקע לידער האָבן מיר אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרם.

פריִער האָבן יידישע מיידלעך און יונגעלייט געשפּילט אין פּוילישע, אונגאַרישע אָדער אַנדערע נישט־יידישע דראַם־קרייזן. ווען מיר האָבן געשאַפן אַ יידישע דראַמאַטישע סטודיע אויף אַ געוויסער הויך, מיט וועלכער מיר האָבן זיך נישט באַדאַרפט שעמען פאַר אַנדערע פעלקער־גרופּן אין לאַגער, איז די גרעסטע צאָל יידישע יוגנטלעכע צו אונדז געקומען. אַזוי האָט זיך צו אונדז געמאָלדן די כאָרעאָגראַפיסטין דאָלי קאַץ פון פּוילישן טעאַטער. פון אַנדערע לאַגערן זענען צו אונדז געקומען די חח׳ בערל פרידלער און בער פּיענקני, וועלכע האָבן נאָך אונטער מיין רעזשי פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, געשפּילט טעאַטער אין דער בענדינער „מוזע״ אין פּוילן. אַ גרויסער טייל חברים, ווי שלמה גוטמאַן, וואָלקאָוויטש, יצחק קאַץ, יוסף שוואַרץ, י. זילבערניק, מענדל בוטניק און אַנדערע האָבן נאָך אין ״קאַצעט בונצלאַו״ אונטער מיין לייטונג געשפּילט.

מיר האָבן באַשלאָסן צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, אויסצופירן אויך היינט א גרויסן טייל פון קאַצעט־בילדער, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין היטלער־לאַגער. אונדזער סטודיע האָט באַקומען דעם נאָמען „קאַצעט־טעאַטער״. מיט דעם קאַצעט־טעאַטער האָבן מיר געוואָלט שטעלן אַ לעבעדיקע מצבה אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים.

מיר האָבן מיט שווערער מי אָרגאַניזירט אונדזער ערשטע פאָר־שטעלונג, שפּעטער איז אונדז צו הילף געקומען דער „דזשאָינט״ און „רעליף״ מיט פאַרשידענע קלייניקייטן, אָבער פאַר אונדז איז עס געווען זייער אַ סך. דעם 6טן סעפּטעמבער 1945 איז פאָרגעקומען די ערשטע פאָר־שטעלונג, וועלכע איז באַזוכט געוואָרן פון אייניקע טויזנט מענטשן און האָט געמאַכט אַ רושם אויף יידן און נישט־יידן. שפּעטער האָבן מיר געוואָלט אונדזער אַרבעט פאַרברייטערן, שפּילן נישט בלויז אַליין־געשריבענע איינאַקטערס, סצענקעס, נאָר מיר האָבן נישט באַקומען גענוגנדיקע מאַטעריאַלן פון אויסלאַנד, בכדי צו רעאַליזירן אונדזער פּלאַן. אויב

שער־בלאַט אין פאַרבן געצייכנט פון י. נאַפּאַרסטעק

מיר האָבן שוין יאָ באַקומען פון אויסלאַנד פּיעסן, זענען דאָס געווען מייסטנס אַלטע, ביליקע אָפּערעטקעס.

מיר האָבן אין דער צייט ביזן אָוועקפאָרן אויף אַ טורניי, יוני 1947, קיין אויסלאַנד, געגעבן זיבן פּראָגראַמען, צען מוזיקאַלישע קליינקונסט־אָוונטן, 47 טעאַטער־פאָרשטעלונגען און אין בערגען־בעלזענער שפּיטאָל — 22 אודיציעס פון קליינקונסט און לידער, ווי אויך איין פאָרשטעלונג מיט מוזיק.

די פּראָווינץ האָט נישט געקאָנט געניסן פון טעאַטער אין אַ געהעריקער מאָס צוליב טראַנספּאָרט־שוועריקייטן. אין אַ סך ערטער האָט מען נישט געקאָנט באַקומען קיין זאַל, ווייל מען האָט געמאַכט שוועריקייטן צוליב פּאָליטישע טעמים. טראָצדעם זענען פאָרגעקומען טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין האַנאָווער, בראַונשווייג און האַרצבורג.

די פאָרשטעלונגען האָבן באַזוכט עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן.

די מיטגלידער פון „קאַצעט־טעאַטער אין בערגען־בעלזען" (לויטן א״ב) זענען געווען:

אייזעקאָוויטש פּעסי, באַטשקאָווסקאַ סאַניאַ, באַנק צילאַ, האָפּמאַן פייגאַ, ווידוטשינסקי בעבאַ, ווידוטשינסקי דאָראַ, ווייסבלאַט צילי, לאַנטאָש עליזאַבעט, לאַסקיער אַניטאַ, מאַטעי לילי, מעללער צעשאַ, פּראַנק נעטי, פרידמאַן חיה, פרידמאַן מאַלאַ, קאַץ דאַלי, קאַץ עדזשיאַ, קערשענבלום לאַלאַ, קופּפערמינץ אילזע, ראַטשטיין פעלאַ, רעזניק טאַניאַ.

בוטניק מענדל, בלום שלמה, גוטמאַן שלמה, גאַרפינקל יעקב, גיטלער בעניעק, גינזבורג העניעק, וואַזשניצער אברהם, וואָלקאָוויטש אליעזר, וואַקס העניעק, זילבערניק יצחק, פּיענקני בעריש, פליך ישראל, פעדער זאַמי, פרידלער בערל, פּרוכטער רודי, פּערענס ציקלאַי, פרידמאַן ישראל, ציוויש יעקב, קאַץ יצחק, ראַפּאַלאָוויטש שלום, רעזניק יידל, שוואַרץ יוסף, שטייער פּנחס, שלעזינגער שאַמשע.

פייערלעכע פאָרשטעלונג
אין צעלט־טעאַטער

פונעם
„קאַצעט־טעאַטער"
ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט
אין בערגן־בעלזן

לכבוד די קולטור־דעלעגאַציע
פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס

ה. לייוויק, עמא שייווער, ישראל אפרת

קינסטלערישע לייטונג און רעזשי:
זאַמי פעדער

כאָרעאָגראַפיע:
דאַללי קאַץ

מוזיק – באַגלייטונג:
פידל: **לילי מאַטעי**
קלאַוויר: **בעבי ווידוטשינסקי, עליזאַבעט לאַנטאַש**

דעקאָראַציעס:
בערל פרידלער, יעקב גאַרפינקל

ליכט – עפעקטן:
בעריש פיענקני

טעכנישע אַרבעטן:
מענדל בוטניק, ישראל פליק, יוסף שוואַרץ

קליידער:
טעאַטער – סטודיע

אנהייב 8 אוונט.

די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז אויסגעפירט געוואָרן לכבוד דער קולטור־דעלעגאַציע, וועלכע די ענגלענדער האָבן נישט דערלויבט דעם אַריינפאָרן קיין בערגן־בעלזען.

— יאַנקעלע, האָסט געגעסן ?
— ניין, דער טאַטע האָט ניט געבראַכט !
— מיינער קראַנק, די מאַמע וויינט.
— גייען מיר !
— ניין, בעסער לויפן, עס איז קאַלט.
(„וואָס די לבנה דערציילט" לויט י. ל. פרץ)

אַרומגעצאַמט מיט מויערן, מיט דראָטן,
ראַנגלט זיך דאָס געטאָ קעגן טויט.
מ׳זעט נישט מער פון מענטשן ווי דעם שאָטן, —
אויסגעדרייטע ביינער, טרוקן הויט.
...האָט׳ס רחמנות, יידישע הערצער,
וואַרפט אַראָפּ אַ שטיקל ברויט!
האָט׳ס רחמנות, יידישע הערצער,
העלפט אַרויס אַ יידיש האַרץ פון נויט.

פּאָולינאַ בראַון.

(„געטאָ־הויף־מוזיקאַנטן“, אין „קאַצעט־טעאַטער“)

אַ פּלאַקאַט וועגן גאַלאַ־אָוונט אין אַנטווערפּן (בעלגיע)

צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דייטשלאַנד, בריטישע זאָנע,
בערגן־בעלזן

„דער יידישער וועלט־קאָנגרעס"

און דער „ראַט פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין בעלגיע"

האָבן דעם כבוד צו פּרעזענטירן

FÉDÉRATION DES SOCIÉTÉS JUIVES DE FRANCE * SECRÉTARIAT



די יידישע דראַמאַטישע סטודיע „קאַצעט־טעאַטער"

טורנע־פּראָגראַם
1947

„זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"

קינסטלערישע לייטונג און רעזשי:	זאַמי פעדער
כאָרעאָגראַפיע:	דאָללי קאַץ
דעקאָראַציעס:	בערל פרידלער, יעקב גאָרפינקל
מוזיק־באַגלייטונג:	בעבי ווידוטשינסקי, בעניעק גיטלער, העניעק גינסבערג
ליכט־עפעקטן:	בעריש פיענקני
קאָסטיומען:	ייד. פאַך־שולע, בעלזן — טעאַטער־סטודיע

SWS, 47, RUE DE FIENNES, BRUXELLES. — TEL. 21.16.04

...יידן, מען הענגט שוין ווידער !...

...דאָס הענגען געפעלט אייך, וואָס ?...

מאָרגען קאָמט איר דראַן.

(„אזוי האט עס זיך אנגעהויבן” פון זאַמי פעדער)

...אַז אַלץ איז טויט געהרגעט און פֿאַרברענט
און אַפילו די טויטע האָבן זיי געשענדט,
מיך אַליין פֿאַר אַ שאָטן געמאַכט...
—אָבער דער שאָטן פון די מיליאָנען פֿאַרפייניקטע,
דערהרגעטע וועט זיי באַגלייטן בייטאָג און ביינאַכט.
(„דער שאָטן” פון זאַמי פעדער)



„גיט מיר צוריק מיין קינד..."
„די מוטער פון דאַלי קאַץ

...און הערט, און הערט, ווער ס׳פלעגט אַמאָל נישט ווערן
דערהערן אונדזער גיין דורך טויטן־שוועלן,
איצט הערט, שטאָט־אויס, שטאָט־איין,
מיר גייען — טויטער אָפּהילך פון אַ לעבן —
מיר וועלן קיינמאָל אייך קיין רו נישט געבן
און גיין, און גיין, און גיין.

„כ׳האָב געזען אַ באַרג״ פון משה שולשטיין

איר זענט דאַכט זיך משוגע געוואָרן, איר האָט זיך צעלאָזט מיטן זינגען, אַז אין גאַנצן וואַלד הילכט עס אָפּ. ווו איז די שוואַרצע סאָניע? מיר באַדאַרפן שפּייערס. ...סאָניע, דאָ האָסטו פּאַפּירן און געלט. זע קויף וואָס דו קענסט.

„פּאַרטיזאַנער" פון זאַמי פעדער

— וואָלען וויר אַוף אירער געזונטהייט טרינקען פרויליין גרעטע.

— ניין, אַוף דער געזונטהייט דעס פירערס. (שטיל) איך בראַוכע געווערע, פּיסטאָלעטן, איך צאַהלע גוט. (זינגט ווייטער) עס גייט אַלעס פאָריבער, עס גייט אַלעס פאָרביי אַוף יעדעם דעצעמבער קאָמט ווידער איין מאַי !...

„פּאַרטיזאַנער" פון זאַמי פעדער

ווידער פאַרשפּילט *)

„ד׳ הוא אלהים״ האָט דער חזן צום זיבעטן מאָל אויסגערופן.

און דאָס קול שטייגט פון שטאָפל צו שטאָפל. מלאכים זינגען שירה. אַ ים פון ליכט און הימלישער מוזיק.

„אב הרחמים זוכר יצוריו ברחמים...״ קלינגט פון אַלע הימלישע עקן.

„קדוש, קדוש, קדוש ד׳ צבאות...״

און דאָס קול שטייגט ווייטער פון שטאָפּל צו שטאָפּל.

— זענען אַלע צום גרויסן פסק פאַרזאַמלט? — הערט זיך אַ שטים.

— ניין נישט אַלע. דער שטן פעלט — ענטפערט ווער אַפּ.

אַהאַ, דער שטן!

אַ שוואַרצע כמאַרע יאָגט פאַרביי. — דאָ בין איך האַר, זאָל דער האַר מיר באַפעלן.

— שטן!

— כ׳פאַרנעם, האַר.

— ווו ביסטו געווען?

— אויף דיין גרויסער וועלט, האַר, בין איך געווען.

— אַהאַ, היינט איז נישטאָ קיין אַרבעט וואָס? יום־כיפור... יידן ביים דאַווענען... מ׳פאַסט. מיין פאָלק איז מיר געווען טריי, און וועט מיר טריי בלייבן, שטן, דו האָסט דיין געוועט פאַרלוירן. אַזוי פיל מאָל געפּרוווט זיי מאַכן אַפּטריניק פון מיר. אַזוי פיל מאָל געפיניקט. איוב האָט געליטן די גרעסטע פיין, וואָס אַ מענטש קען נאָר אויסהאַלטן, אָבער ער איז מיר געבליבן טריי. דערנאָך ביסטו צו מיר געקומען, האָסט געזאָגט: „נישט מיט פיין קען מען אַ ייד פּרווון, נאָר מיט קלינגערס, מיט געלט, מיט רייכקייט״. ביסטו געגאַנגען, האָסט גענומען אַ הערשעלע דובראָוונער,

---

*) אויפגעפירט געוואָרן אין בערגען־בעלזענער „קאַצעט־טעאַטער״ אייניקע חדשים נאָך דער באַפרייונג.

אַ פרומען ערלעכן ייד, אַ סופר. ער האָט געלעבט בלויז, כדי מיר צו דינען און האָסט אים געמאַכט געווינען אויף דער לאָטעריע. ער איז רייך געוואָרן, טייוולאָנישע געשעפטן געפירט, זיין פרום, גוט ווייב אָפּ־געגט און זיך גענומען אַ ייִנגערע. דו האָסט אים אָנגערעדט צום ערגסטן, אָבער אין דער לעצטער מינוט איז ער אַנטלאָפן פון לעבן — ער האָט זיך געהאָנגען. דער שרייבער יעקב גאָרדין איז אַן עדות, ער האָט אַלץ פאַרשריבן. שטן, דו האָסט דיין געוועט פאַרלוירן!

— גרויסער האַר, איינעם פון זיי איז מיט אָרעמקייט אָדער רייכטום שווער צו פּרוּוון. האָב איך גענומען דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע: גרויס און קליין, יונג און אַלט — אַלץ.

קודם־כל האָב איך געלאָזט זייערע בתי־מדרשים פאַרברענען — זאָלן זיי נישט האָבן ווו דיך רופן צו הילף. כאַ־כאַ־כאַ!

דערנאָך האָב איך געלאָזט זייערע געשעפטן, זייערע פרנסות, זייער גאָלד און זילבער צונעמען. מען קען גאָר נישט וויסן, וואָס אַ ייִדעלע קען מיט געלט אויפטאָן.

געשיקט אַ צעמישעניש אויף זיי, אויסזידלונג, איבער־זידלונג. איינעם געשיקט דאָ, איינעם דאָרט... אין טאַטע־מאַמעס אויגן געלאָזט זין אויפ־הענגען.

געשיקט זיי אויף שווערע און ביטערע קאַטאָרגע, הונגער און פּיין און מגיפות.

גרויסע באַק־אויוונס אָנגעקגעשטעלט, ווי אין גיהנום, לעבעדיק גע־ברענט און געבראָטן. גרויס און קליין, טויזנט, צען טויזנט, הונדערט טויזנט, מיליאָנען! קינדער, אַלטע לייט, זקנים. געלאָזט איין ברודער זאָל שעכטן דעם צווייטן. אינגאַנצן פאַרמעקט זייער מענטשלעכע צורה. און זאָלן זיי דיך פאַרשעלטן, וואָס האָסט געלאָזט זיי גענבוירן ווערן.

אַז אָפּגעמעקט וועט ווערן פון דער וועלט דיין אַזוי הייס געליבט פאָלק, דעמאָלט, וועל איך ערשט רו האָבן און קענען מיין טייוולאָניש לעבן במנוחה ווייטער פירן.

— האָסטו נישט צו ווייט געטריבן מיט דיינע פלענער און מעשים? דיין שטראָף וועט זיין גרויס, שטן!

— גרויסער האַר! — ציטערט די שטים פון טייוול — איך... איך... איך קען נישט מער... פאַרגיב מיר האַר! אַ האַר! איך האָב זייערע בתי־מדרשים פאַרברענט, זייער פאַרמעגן צוגענומען, זייער לעבן הפקר

געמאַכט... אַנגעשיקט אויף זיי מכות־פורעניות, געצוווּנגען די שווערסטע אַרבעט אויספירן... און זיי האָבן געאַרבעט און געדאַוונט... געאַרבעט און געפאַסט!... גרויסער האַר! איך קען נישט מער — פאַלט דער שטן כורעים, ציטערט און קען נישט רעדן.

— קדוש, קדוש, קדוש — צעקלינגט זיך די הערלעכע הימלישע מוזיק און שטייגט פון שטאַפּל צו שטאַפּל...

— — — — — — — — — — —

— אַ שיינע לבנה־נאַכט היינט, מען דאַרף מחדש זיין די לבנה.

— ניין, צוערשט מעריב דאַווענען.

— האָט איר געזען, ווי דער טייוול, דער שטורמבאַנפירער מאַיאַר לינדנער, ימח שמו זאָל ער ווערן, איז היינט געווען אויף דער בוי־שטעלע? דורך אַ שפּאַקטיוו האָט ער געקוקט, מיט אַ בייטש אין האַנט און גע־שריגן! „העי! פאַרברעכער, באַנדיטן, איר ווילט נישט אַרבעטן! אין גיהנום נאָך אוישוויץ וועל איך אייך אַלע פאַרשיקן, אין באַק־אויוון מיט אייך, איר שוויינע־יודען".

און פון אַ ווינקל אין באַראַק גייט אויף אַ שטילע שטים: אל חי וקים תמיד ימלוך עלינו לעולם ועד, ברוך אתה ד׳ המעריב ערבים.



ידישע דראַמאַטישע סטודיע „קאַצעט־טעאַטער"

ביים צ. ק. פון די באַפרייטע יידן אין דער בריטישער זאָנע (בערגן־בעלזן)

פּראָגראַם

„200.000"

(דאָס גרויסע געווינס)

קאָמעדיע אין 4 אַקטן (5 בילדער)

פון שלום־עליכם

באַאַרבעט דורך זאַמי פעדער

פעברואַר 1947

קינסטלערישע לייטונג און רעזשי:	זאַמי פעדער
כאָרעאָגראַפיע:	דאָללי קאַץ
דעקאָראַציעס:	בערל פרידלער יעקב גאַרפינקעל
ליכט עפעקטן:	בעריש פיענקני
ביים קלאַוויר:	עליזאַבעט לאַנטאַש

די דאָזיקע פאַרשטעלונג איז געווידמעט די היטלער־קרבנות, אומגעקומענע מיטגלידער פון דער יידישער דראַמאַטישער געזעלשאַפט „מוזע״ אין בענדין:

מענדל קאַנער	אין טערעזיענשטאַט
לייביש קאַנער	״ קאַרווין
הירש מאַנשיין	״ אוישוויץ
משה מעלניק	״ בערגן־בעלזן
וואָלף שיינבערג	״ בענדינער געטאָ
מאיר כאַלעוואַ	״ אוישוויץ
לייבל קאַסיער	״ בענדינער געטאָ
יוסף וויגאָדסקי	״ אוישוויץ
האַנס דאַנציגער	״ ״
יחזקאל ראַטענבערג	״ ״
יצחק אַבראַמטשיק	״ בוכנוואַלד
משה נוסבוים	״ אוישוויץ
יעקב בזשעסקי	״ ״
יעקב ווינער	״ ״
יחיאל וואַלבראַם	״ ״
וואָלף רעכניץ	״ ״
יצחק בלום	״ ״
מאַקס וויינשטאַק	״ ״
הערש וועקסלמאַן	״ ״
טוביה בוים	״ ״
משה דימאַנט	״ ״
זאַלעק וויינבערג	״ בענדינער געטאָ
הענאָך אַרנער	״ אומבאַקאַנטע לאַגערן
פנחס גליקשטיין	״ ״
יוסף וועלנער	״ ״
מאַשאַ גליקשטיין	״ ״
רוזשע מאַשקאָוויטש	״ ״
מאַשאַ מאַרמור	״ ״
צעשיאַ מאַנשיין	״ אוישוויץ

און נאָך פיל אַנדערע מיטגלידער, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער פאָר־שטעלונג „200.000״ אין בענדין, 1939, אונטער דער רעזשי פון זאַמי פעדער.

—טשטאָ זאַ וואָפּראָס! נאָר אַלץ הייסט ביי אייך אַ שידוך! דאָס איז טשטאָ ניבוד זאַמעטשאַלנאָ, לאָם איך לעבן מיט אייך און מיט אייער ווייב, ווי איך זאָג אייך קיין דבר שקר!

„דאָס גרויסע געווינס" פון שלום־עליכם

...טאָמער וואָלסטו אים טאַקע געדברט, אַז ער זאָל דברן זיין אָבי, אַז דער אָבי זאָלן דברן דעם פריקאַזטשיק, ער זאָל אַזוי גוט זיין נישט דאָקוטשען מיטן דירה־געלט.

„דאָס גרויסע געווינס" פון שלום־עליכם

...עס חלומט זיך מיר, אַז איך שטיי מיר אַזוי ביי מיין טיש, פאַרטראַכט מיט דער
שער אין האַנט, הויב איך אויף די אויגן און טו אַקוק, דערזע איך אַ בוים אין מיטן
שטוב... און אויפן בוים וואַקסן גאָלדענע רענדלעך...

„דאָס גרויסע געווינס“ פון שלום־עליכם

"Kazet Theater" Players Reenact
Suffered By Jews
The New York Times.
ON A CONCENTRATION CAMP STAGE
Bergen-Belsen Players Depict Horrors of Their Internment
Un Théâtre DP ressuscite la Tragédie des Camps nazis
Les Messagers de la détresse Juive
DISPLACED JEWS IN GERMAN CAMPS IN YIDDISH PLAYS
פאול טרעפמאַן
די דראַמ-סטודיע פון בערגען-בעלזען

מאריא קוריצקא

א דראַמע אין דריי אַקטן

פון זאַמי פעדער

אויפפירן די דאָזיקע פיעסע אין טעאַטער אָדער פאַרפילמען, אָן דער הסכמה
פון מחבר, איז ניט דערלויבט.

פערזאָנען פון ערשטן אַקט:

1. מאַריאַ קוריצקאַ (אַ מיידל פון 22 יאָר)
2. אַ דייטשער פויער
3. דייטשע פויערטע
4. קאַרל (זייער זון, 25 יאָר אַלט)
5. יאַנעק (אַ פוילישער פאָלקס־דייטש, יונגער פויער)
6. הויפּט־וואַכמייסטער
7. וואַכמייסטער

דייטשע פּאָליציי

דאָס ערשטע בילד פון ערשטן אַקט שפּילט זיך אָפּ אין פוילן — דאָס צווייטע בילד — אין אַ דייטשיש דאָרף, אין די יאָרן 1939—1945

ערשטער אַקט — בילד איינס

פּאָליציי־קאָמענדע: אַ ביוראָ־טיש מיט שרייב־געצייג. אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד פון היטלערן, לינקס פון היטלערס בילד הענגט אַ קליין בילד פון הימלערן און רעכטס אַ בילד פון געריגג. איבער די דריי בילדער איז אָן אויפשריפט אויף דייטש:
„ווּיר זינד ניכטס, דויטשלאַנד איסט אַלעס!"
אין דער מיט אַ האקנקרייץ.
ביים ביוראָ־טיש זיצט דער הויפּט־וואַכמייסטער, אין דער זייט שטייט דער פּאָליציסט און מאַריאַ.

פּאָליציסט:
הער הויפּט־וואַכמייסטער, איך האָב זי געפונען אַ שלאָפנדיקע ביי דער בריק.

הויפּט־וואַכמייסטער:
פיו!!... אַזוי?!... (צו דער אַרעסטירטער) ווי הייסטו?

אַרעסטירטע:
מאַריאַ

הויפּט־וואַכמייסטער:
מאַריאַ און ווי נאָך?...

אַרעסטירטע:
קוריצקאַ.

הויפּט־וואַכמייסטער:
קוריצקאַ... און פּאַפּירן האָסטו?

אַרעסטירטע:
איך האָב (נעמט אַרויס פון בוזעם אַ פּאַפּיר און דערלאַנגט דעם הויפּט־וואַכמייסטער)

הויפּט־וואַכמייסטער:
(נעמט דאָס פּאַפּיר און לייענט) מאַריאַ קוריצקאַ, יאַ, שטימט, ווי אַלט ביסטו?

אַרעסטירטע:

22 יאָר

הויפּט־וואַכמייסטער:

שטימט... אָבער... וואָס וואַלגערסטו דיך אַרום, פאַרוואָס אַרבעטסטו נישט?

אַרעסטירטע:

מיין מוטער איז געשטאָרבן די וואָך... איך האָב קיינעם נישט, בין איך געקומען זוכן אַרבעט...

הויפּט־וואַכמייסטער:

אַזוי... און דיין פאָטער ווו איז?

אַרעסטירטע:

אין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

הויפּט־וואַכמייסטער:

ווו?...

אַרעסטירטע:

איך ווייס נישט, ער האָט שוין אַ האַלב יאָר נישט געשריבן.

הויפּט־וואַכמייסטער:

און ווו איז ער פריער געווען?

אַרעסטירטע:

פריער?... פריער?... איך... איך האָב שוין פאַרגעסן...

הויפּט־וואַכמייסטער:

אַזוי, פאַרגעסן און דו ווילסט נישט פאָרן קיין דייטשלאַנד, הם?!...

דאָרט וועסט זיך קענען טרעפן מיט דיין פאָטער, בעסער ווי דאָ זיך אַרומוואַלגערן (צום וואַכמייסטער) וואַכמייסטער!

וואַכמייסטער:

(שפרינגט אויף, בלייבט שטיין גראַד, אויסציענדיק די האַנט) צו באַפעל, הער הויפּט־וואַכמייסטער.

הויפּט־וואַכמייסטער:

פירן זי דאָס ווייב אויפן אַרבעטס־אַמט און זאָל מען זי אַוועקשיקן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט — (צו דער אַרעסטירטער) פריילין, מיר וועלן פון אייך מאַכן אַ נוצלעך גליד אין דער געזעלשאַפט, וואַכמייסטער, אַוועק מיט איר!

וואַכמייסטער:

יאַוואָל, צום באַפעל, הער הויפּט־וואַכמייסטער! (צו דער אַרעסטיר־

טער, ער גיט איר אַ שטויס) לאָס! געגאַנגען, ווייבס־צויג... דאַ אַרומפּוילענצן וואָס? נו... שנעלער!... דאַלי־דאַלי... אַרויס...
(ביידע אָפּ — פינצטער — סוף פון ערשטן בילד)

ערשטער אַקט — בילד צוויי

(אַ דייטשע פּויערישע כאַטע, זייער זויבער, אויף דער וואַנט הענגט היטלערס אַ בילד. אונטערן בילד אַן אויפשריפט אויף דייטש:
„איין פירער, איין פאָלק, איין פאַטערלאַנד".
מאַריאַ זיצט אויף אַ פעסל און שיילט קאַרטאָפל.

פּויער:
(שיט אַריין אין פעסל פרישע קאַרטאָפל צום שיילן) אַ שווערע צייט מאַריאַ, אַ זייער שווערע צייט, (קוקט אויף איר) דו ביסט אַ שיינע, מאַריאַ, און אַ טיכטיקע אויך. (שיט ווייטער קאַרטאָפל) איך האָב צוויי זין אין מיליטער, פראַנץ, דער עלטערער, אַן אונטער־אָפיציר, איז אין אָסטן, און דער ייִנגערער קאַרל איז אין אונגאַרן... אַך, וואָלטן זיי דאָ געווען, איך וואָלט דיך פאַר אַ שנור גענומען... דו וואָלסט ביי מיר פאַרבליבן... דו ביסט אַזאַ קלוגע, דו מוזסט זיין פון אַ גרויסער שטאָט. (די פּויערטע קומט אַריין).

מאַריאַ:
ניקס פאַרשטיין, הער, איך שלעכט רעדן דייטש, ניקס פאַרשטיין.

פּויערטע:
יאָהאַן, לאָז דאָס מיידל אָפּ, וואָס ווילסטו פון איר? זי פאַרשטייט דאָך נישט וואָס דו רעדסט צו איר.

פּויער:
אַך, פּויערטע וואָס איז דען, וואָס איז דען? שריי נישט אַזוי מוטערל!...

פּויערטע:
גיי צו דיין אַרבעט אין שטאַל און גיב די בהמות צו פרעסן.

פּויער:
איך גיי שוין... איך גיי... אַ יאָ, איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס אַרבעטס־אַמט האָט געשריבן, אַז זיי וועלן מיר שיקן אַ קנעכט צו דער אַרבעט, אַ פּאָליאַק, אָ, דאַן וועל איך קענען זיך אַ ביסל אָפּרוען. זייט פראַנץ און קאַרל זענען אַוועק, האָב איך קיין מינוט קיין רו נישט — איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן. אוי, דער

קריג!... דער קריג... זעסט, מוטער, דער אַפּטייקער האָט אויפן לעצטן ביר־אָוונט געזאָגט אַז אין דער קריג זענען שולדיק די יידן — זיי ווילן מאַכן גוטע געשעפטן — עה, דו ווייסט דאָך, דער בהמות־הענדלער לעווי, נו, דער וואָס האָט אונדז די „רויטע בערטאַ״ פאַרקויפט, אַ גוטע קו, וואָס?... יענע וואָך האָט מען אים דערשאָסן. איך בין אים נאָך אפילו שולדיק געווען 200 מאַרק, אָבער בעסער אַזוי... פון וואַנען היינט בעמען געלט?... ער איז אַפּילו נישט געווען קיין שלעכטער, דער יודע, אָבער קריג איז קריג — יודע בלייבט יודע.

פּויערטע:

גיי שוין צו דיין אַרבעט און רעד נישט אַזויפיל — די „געשטאַפּאָ״ וועט זיך דערוויסן, אַז מיר זענען דעם יודע לעווי שולדיק 200 מאַרק און זיי וועלן דאָס אויפמאָנען.

פּויער:

לאַנג לעבן זאָלסטו, לואיזע, סאַראַ קלוגע דו ביסט, אָבער (ווייזט אויף מאַריאַ) זי פאַרשטייט דאָך גאַרנישט וואָס מיר רעדן...

(מ׳הערט קלאַפּן, ס׳מאַכט זיך אויף די טיר, ס׳קומט אַריין יאַנעק).

יאַנעק:

כייל כיטלער!

אַלע ענטפערן:

הייל היטלער.

יאַנעק:

מיך געשיקט אַרבייטסאַמט דאָ אַרבעטן.

פּויער:

דו ביסט דאָס דער קנעכט?

יאַנעק:

יאַוואָל! איך קנעכט, דאָ אַרבעטן.

פּויער:

גוט, טאָ קום וועל איך דיר ווייזן, ווו דו וועסט שלאָפן.

(ביידע גייען אַפּ).

פּויערטע:

מאַריאַ!

מאַריאַ:

וואָס פּויערטע?

פויערטע:

פאַרוואָס לערנסטו נישט קיין דייטש? עס איז זייער וויכטיק דייטש צו קענען. דו זעסט דאָך, אַז אונדזערע נעמען איין די גאַנצע וועלט און אומעטום וועט מען רעדן דייטש — דו באַדאַרפסט קענען דייטש.

מאַריאַ:

איך זיך לערנען דייטש — איך שוין עפּעס רעדן.

פויערטע:

גוט, גוט, איך זע, אַז דו ביסט אַ קלוגע, מאַריאַ, דו ביסט אַ שטאָטישע, אין דיינע איידעלע הענט זע איך דאָס, פון וואַנען ביסטו מאַריאַ?... דערצייל עפּעס וועגן דיר...

מאַריאַ:

איך בין פון אַ קליין שטעטל אין פּוילן. מיין פאָטער איז געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ פאַבריק.

פויערטע:

אַ בוכהאַלטער?!... אוי, אַ געלערנטער מענטש אַוודאי, אָבער וואָס הייסט: ער איז געווען?...

מאַריאַ:

היינט איז ער אין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

פויערטע:

נו, יאָ, אונדזערע מענער זענען אַלע אין קריג, נו, באַדאַרפן מיר אויך בוכהאַלטערן — עס וועט אים נישט שלעכט זיין.

מאַריאַ:

מיין מוטער איז פאַר זעקס וואָכן געשטאָרבן (וויינט).

פויערטע:

נו, מאַריאַ, וויין נישט מיידל, עס איז דאָך קריג! עס שטאַרבן היינט אַ סך, אַ סך מענטשן — עס טוט מיר לייד, מאַריאַ... נו, זיי רויק...) דו ביסט דאָך ביי גוטע מענטשן.

מאַריאַ:

איצט בין איך געבליבן אַליין, ווער ווייסט, אויב מיין פאָטער לעבט? (וויינט)

פויערטע:

ער לעבט, ער לעבט!...

מאַריאַ:

ער האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געשריבן.

פויערטע:

מיין קאַרל האָט אויך לאַנג נישט געהאַט געשריבן, און יענע וואָך, האָב איך באַקומען אַ בריוו, אַז ער איז אין אונגאַרן. עס איז קריג, מיידל, קריג... זעסט, איך בין אַ מאַמע (ווישט די אויגן) אָבער מען טאָר נישט וויינען... דער פירער זאָגט: „מען מוז זיין האַרט, האַרט ווי אייזן, ווי שטאָל".

מאַריאַ:

אַזוי בין איך געבליבן אַליין — האָט מען מיך אויף אַרבעט געשיקט צו אייך...

פויערטע:

גוט אַזוי, ביי אונדז וועט דיר גאַרנישט פעלן, מאַריאַ, און ווען דער קריג וועט זיין צו ענד, וועסטו אויך ביי אונדז בלייבן. און ווען מיינע יינגלעך וועלן אַהיים קומען, מאַריאַ, נאַ דאַן... אָך, מאַריאַ. (גיט איר אַ קוש — קורצע פויזע) נאַ, גיי איצט ליבער צו דיין אַרבעט (מאַריאַ זעצט זיך ביים פעסל און שיילט ווייטער קאַר־טאָפל — די פויערטע וויל אַרויסגיין, בלייבט שטיין ביי דער טיר) מאַריאַ!

מאַריאַ:

יאָ, מוטערל.

פויערטע:

מיט די מענער, מאַריאַ (ווייזט מיטן קאָפּ) זאָלסטו זיך נישט אָפּגעבן גלויב זיי נישט... און... היט דיך פאַר זיי... הערסט, וואָס איך זאָג דיר, מאַריאַ?!...

(פויערטע גייט אָפּ)

(יאַנעק קומט אַריין, בלייבט שטיין ביי דער טיר, קוקט ווי מאַריאַ שניידט קאַרטאָפל)

יאַנעק:

אַ גוטן אָוונט, כייל כיטלער! איך הייס יאַנעק, יאַנעק קופּטשינ־סקי — איך בין דער נייער קנעכט, איך בין אַ פּאָליאַק, איך זע, אַז דו ביסט אויך נישט קיין דייטשקע, אויך ז׳פּאָלסקי, הם?!...

מאַריאַ:

(מאַריאַ שטייט אויף, וויל אוועקשטעלן אין אַ זייט דאָס פּעסל געשניטענע קאַרטאָפל — יאַנעק גייט צו און העלפט איר)

יאַנעק:

אַ גוטן אָוונט, הע, ווי רופט מען דיך?

מאַריאַ:

אַ גוטן אָוונט, מיך רופט מען מאַריאַ.

יאַנעק:

מאַריאַ, און ווי נאָך?

מאַריאַ:

קוריצקאַ.

יאַנעק:

מאַריאַ קוריצקאַ, אַ שיינער נאָמען, אַפילו עפּעס קענטלעך, איך האָב באַלד געוווּסט, אַז דו ביסט אַן אונדזעריקע, ביסט שוין לאַנג דאָ?

מאַריאַ:

נישט לאַנג.

יאַנעק:

און די בעלי־בתּים געבן כאָטש צו אַכלען?...

מאַריאַ:

זענען נישט קיין שלעכטע מענטשן.

יאַנעק:

מאַריאַ, דו געפעלסט מיר, מיר וועלן זיין חברים (וויל זי אַרומנעמען, מאַריאַ ווערט זיך)

מאַריאַ:

גיי, יאַנעק, לאָז מיך אָפּ (שטופּט אים מיט כּוח אַוועק)

יאַנעק:

זע נאָר זע, די באַבע (ער וויל זי נאָך אַמאָל אַרומנעמען, ער הערט אָבער דעם פויער אַנקומען, גייט ער אָפּ, פייפנדיק אַ פּויליש ליד)

פויער:

(קומט אַריין) נאַ, מאַריאַ, פאַרטיק? פיין, זייער פיין, מאַריאַ, איך האָב דיר האַלד (קוקט אַריין אין פּאַס) אַהאַ!... אַ סך געשניטן... אַ סך, אַ סך... נו, מאַריאַ, עס איז שוין שפּעט, דו באַדאַרפסט שוין גיין שלאָפן — מאָרגן, מוז מען פרי אויפשטיין, נאָר דו, מאַריאַ,

וועסט מאָרגן קענען אַ ביסל לענגער שלאָפן — הם... דער קנעכט,
יאַנעק, ער וועט שוין מאָרגן פרי גיין אין שטאַל.

מאַריאַ:

אַ דאַנק, פויער, אַ גוטע נאַכט (וויל אַפּגיין — דער פויער פאַר־
שטעלט איר דעם וועג)

פויער:

מאַריאַ!

מאַריאַ:

(אַ ביסל דערשראָקן) וואָס, פויער?

פויער:

מאַריאַ, פאַרוואָס ווילסטו נישט גוט זיין צו מיר, מאַריאַ, האַ?!...
(נעמט זי אַרום) איך האָב דיך ליב מאַריאַ (גיט איר אַ קוש —
מאַריאַ רייסט זיך מיט כּוח אַרויס פון זיינע הענט און אַנטלויפט)
דאָס צווייטע מאָל וועסטו מיר שוין נישט אַנטלויפן, פייגעלע מיינס.

פויערטע:

(אַריינשרייענדיק דורך דער טיר) וואָס איז דרינען, פאַרוואָס גייט
מען נישט שלאָפן?!...

פויער:

איך גיי שוין, איך גיי.
(מ׳קלאַפּט אין טיר, ס׳קומט אַריין קאַרל, זעלנעריש אָנגעטאָן, מיט
רוקזאַק און ביקס).

קאַרל:

פאָטער!...

פויער:

קאַרל מיין זון (ביידע קושן זיך)

פויערטע:

(קומט אַריין אָנגעטאָן אין נאַכט־קליידער) קאַרל, דו בייז יינגעלע,
פאַרוואָס האָסטו נישט געשריבן, אַז דו קומסט?

קאַרל:

מוטערל!... (זיי קושן זיך) איך האָב נאָך מיט צוויי טעג צוריק
נישט געוווּסט, אַז איך וועל באַקומען אורלויב. אין מלחמה־צייט
קומט מען פריער ווי די פּאָסט כאַ־כאַ־כאַ... (ס׳קומט אַריין יאַנעק).

פויער:

דאָס איז אונדזער נייער קנעכט יאַנעק.

קאַרל:

הייל היטלער, יאַנעק.

יאַנעק:

כייל כיטלער! (ער גיט אים די האַנט. מאַריאַ קומט אַריין און בלייבט שטיין ביי דער טיר)

פויערטע:

און דאָס איז מאַריאַ אונדזערע...

קאַרל:

(שטיל) מאַריאַ!... (גייט צו צו איר נאָענט,ביידע קוקן זיך אָן, קאַרל דאַן העכער) מאַריאַ!...

מאַריאַ:

יאָ, מאַריאַ קוריצקאַ.

קאַרל:

הייל היטלער, מאַריאַ קוריצקאַ.

פויערטע:

אַנו, אַנו, טו זיך אויס. ביסט דאָך אַזוי פאַרחזירט און פאַרשמוצט ווי די פאַליאַקן — אַה, מאַריאַ, אַנטשולדיק, איך האָב עס אַזוי נישט געמיינט. נו, קאַרל, טו זיך אויס — מאַריאַ, ברענג אַריין אַ שיסל מיט וואַסער און זייף! זאָל ער זיך אָרומוואַשן (מאַריאַ גייט אַרויס)

קאַרל:

(אַראָפּלייגנדיק פון זיך די זאַכן) אַ שווערער וועג, מוטערל, אַ שווערער וועג געווען. מיט באַן, מיט אויטאָס, מיט וואַגנס און צו פוס, ביז איך בין דאָ אַהערגעקומען (קוקט זיך אַרום) אַלץ ווי געווען, ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט...

מאַריאַ:

(ברענגט אַריין וואַסער און זייף)

קאַרל:

(נעמט דאָס שטיק זייף — לייענט) „ריף" ער־אַי־עף... ריינסטעס יידישעס פעטס.

פויערטע:

וואָס רעדסטו, די יידן זענען שוין לאַנג ביי אונדז נישטאָ. דער לעצטער יודע איז געווען דער לעווי, דו האָסט דאָך אים געקענט, דער בהמות־הענדלער; ווייסט דאָך, מיר האָבן געקויפט ביי

אים די „רויטע בערטאַ" פאַר צווי וואָכן, האָט מען אים דערשאָסן. קיין איינציק יידיש געשעפט איז נישטאָ, האָב איך דאָך נישט גע־קענט קויפן ביי יידן זייף... און וואָס מיין זון איז מיך אַלץ חושד — אַז איך קויף גאָר ביי יידן...

פויער:

נאַ, מוטערל, רעג דיך נישט אַזוי אויף (צו קאַרלען) מיין ליבער קאַרל, ער־אי־עף הייסט רייכס־אינדוסטרי־פאַרם. אין דער פאָרם אַ (ווייזט דאָס שטיקל זייף) מעג מען אין קריגס־צייט אויסאַרבעטן זייף אין דייטשלאַנד, און נישט אַנדערש.

קאַרל:

יאָ, פאָטער, ביסט גערעכט, אָבער דאָס ווערט דאָך געמאַכט פון יידן־פעטס — יידן־פעטס איז דאָך ביליקער פון אָקסנפעטס! (וואַשט זיך, מאַריאַ דערלאַנגט אים אַ האַנטעך) נישט אמת, מאַריאַ?...

פויערטע:

אַזוי, יעצט זעסטו אויס ווי ניקסטענס ווי אַ מענטש, אַ זויבער ייִנגל (באַקוקט אים) מיין זון, וואָס האָסטו דאָ אויף דער באַק?

קאַרל:

אַך, דאָס... ס'איז גאָרנישט, מאַמאַ. עס איז געווען אַן אויסזידלונג פון יידן אין אַ שטעטל, פאַרשטייסט, מען האָט דאָס שטעטל גע־מאַכט יודען־ריין אַזוי בין איך געווען אָפּקאָמאַנדירט מיטצו־העלפן... באַקומען דאָרט אַ גוט מיטאָג און צו טרינקען, וויפל איך האָב נאָר געוואָלט און געלט. נאַ, דאָס האָט מען זיך אַליין גענומען ביי די יידן, נו, בין איך אַריין אין אַ שטוב, ליגט אַן אַלטע פרוי אין בעט און אַ יודען־מיידל זיצט ביי איר און וויינט — ווינען דאָ יידן? פרעג איך זי. אויב יאָ, אַזוי קומט מיט מיר, נאָר שנעל, מיר האָבן קיין צייט נישט. ביז נאַכט טאָר זיך דאָ קיין ייד נישט געפינען — די פרוי האָט אָנגעהויבן וויינען, בעטן, אַז זי איז קראַנק... דעם מאַן אירן האָט מען שוין גענומען — איך זאָג, עס טוט מיר זייער לייד, נאָר באַפעל איז באַפעל.

פויער:

יאָוואָל, באַפעל איז באַפעל.

קאַרל:

מיין קאַמעראַד האַנס, וועלכער איז מיט מיר געווען, האָט מיר איינגערוימט, אַז איך זאָל די אַלטע אַרויסשלעפן און די יונגע

זאָל איך איבערלאָזן מיט אים... ער וועט זי שוין מיטברענגען... — דאָס יונגע מיידל, מוזט איר וויסן, איז געוועזן שיין, אַז זי האָט פאַרכישופט — איך זאָג, האַנס, דאָס איז דאָך ראַסנשאַנדע!... אָבער אַז אַ קאַמעראַד בעט... נו, בין איך צו צו דער אַלטער, זי אַרויסשלעפּן פון בעט, ווי איך בין אַזוי צוגעגאַנגען, איז אויף מיר אַרויף דאָס מיידל מיט אַ געשריי — ביי מיין לעבן, וועט איר מיין מאַמען נישט נעמען, מיין טאַטן האָט איר שוין גענומען — און... האָט מיר צעדראַפּעט די באַק — וואָס מען זעט נאָך אַן?... (קוקט אין שפּיגל)

מאַריאַ:

און... און... וואָס איז געוואָרן פון דעם מיידל?...

קאַרל:

איך האָב זי באַלד דערליידיקט — דערשאָסן... נאַ, זעסט מאַ־ריאַ, דאָס האָב איך מיטגענומען צום אָנדענק... דאָס שענק איך דיר — עס איז גאָלד (ער גיט איר אַ מגן־דודל — מאַריאַ ווערט נישט גוט)

פויערטע:

מאַריאַ!... מאַריאַ!... וואָס איז דיר?... שנעל, אַ ביסל וואַסער!

קאַרל:

(באַשפּריצט זי מיט וואַסער, מאַריאַ קומט צו זיך) ווייבער בלייבן ווייבער, באַלד ווערט זיי נישט גוט.

פויערטע:

אַוודאי, אַז דו דערציילסט, אַז עפּעס אַ יודען־ווייב האָט דיר די באַק צעריסן! קום מאַריאַ, וועסט זיך אַ ביסל צולעגן.

מאַריאַ:

אַ דאַנק, עס איז מיר שוין בעסער.

קאַרל:

(לאַכט) די באַק איז דאָך שוין גאַנץ — בלויז אַ צייכן, נו, איז וואָס, האַ, יאַנעק?...

יאַנעק:

יאַוואָל!... איך איין יודען... איך אויך שוין קאַפּוט מאַכען... כיק... (ווייזט ער מיט דער האַנט איבערן האַלדז) פּערטיק... ניקס יודע...

פויערטע:

נו, הערט שוין אויף מיט אייערע מעשיות.

פויער:

יאָ, מוטער, קריג איז קריג!... דער אַפּטייקער זאָגט — די יודען האָבן געוואָלט דעם קריג, האָבן זיי אים — באַסטאַ!...

פויערטע:

הערט שוין אויף מיטן קריג, איצט איז קאַרל אויף אורלויב, נישט אמת, קאַרל?

קאַרל:

אורלויב מוטער, גאַנצע דריי טעג נאָך, אורלויב איז אורלויב!...

פויער:

יאָוואָל, אורלויב איז אורלויב!...

פויערטע:

מען דאַרף שוין גיין שלאָפן, שוין צייט, עס טאָגט דאָך שוין באַלד.

פויער:

ביז צום טאָגן קאָנסטו זיך נאָך דריי מאָל איבערדרייען. נאָר שלאָפן גיין מוז מען, עס איז טאַקע שפּעט, אַ גוטע נאַכט, קאַרל!

קאַרל:

אַ גוטע נאַכט, פּאַטי.

פויערטע:

אַ גוטע נאַכט קאַרל, שלאָף גוט, חלום זיס, ווייסט ביז היינט איז מאַריאַ געשלאָפן אין דיין בעט. היינט וועט מאַריאַ שלאָפן אין פראַנצס בעט, און דו האָסט צוריק דיין בעט.

קאַרל:

ניין, מוטער, מאַריאַ קאָן רויק ווייטער שלאָפן אין מיין בעט.

פויערטע:

מיינעטוועגן — אַ גוטע נאַכט, מאַריאַ!...

יאַנעק:

אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט!...

(אַלע דריי גייען אָפּ, יאַנעק בלייבט שטיין אַ וויילע, קוקט צו מאַריאַ און זאָגט שטיל) — דאָבראַנאָץ, מאַריאַ!...

מאַריאַ:

(וויל אויך גיין)

קאַרל:

מאַריאַ!

מאַריאַ:

(בלייבט פאַרלעגן שטיין און שווייגט)

קאַרל:

(נעמט זי פאַר דער האַנט און פירט זי צוריק) זעץ זיך מאַריאַ, (זי זעצט זיך) ווייסט, מיין מוטער, האָט מיר וועגן דיר זייער אַ סך געשריבן. אין יעדן בריוו דיך דערמאָנט און איך האָב געחלומט דיך צו זען. דו געפעלסט מיר, מאַריאַ. פאַרוואָס שווייגסטו און ביסט אַזוי טרויעריק?...

מאַריאַ:

(וויל אויפשטיין און גיין) לאָז מיך קאַרל.

קאַרל:

מאַריאַ, בלייב נאָך, מיר איז מאָדנע גוט מיט דיר... דו האָסט אַ ווונדערלעכן נאָמען, אַ הייליקן נאָמען (וויל זי אַרומנעמען).

מאַריאַ:

לאָז אָפּ קאַרל, עס איז שפּעט, זייער שפּעט, מען דאַרף גיין שלאָפן, מען מוז פרי אויפשטיין, אַרבעטן.

קאַרל:

ניין, מאַריאַ, דו וועסט נישט אַרבעטן. איך וועל פאַר דיר אַר־בעטן — (קושט זי, מאַריאַ ווערט זיך, קאַרל כאַפּט אַרויס פון דער טאַש אַ גאָלדן רינגל) נאַ, נעם מאַריאַ!

פויערטע:

(שרייט אַריין) מאַריאַ, שלאָפן! שלאָפן!... עס איז שוין שפּעט.

קאַרל:

(בלייבט אַ רגע פאַרלעגן, וויל איר אַ קוש געבן, מאַריאַ קערט זיך אָפּ)

מאַריאַ:

אַ גוטע נאַכט, קאַרל, איך בין מיד.

קאַרל:

(נעמט זי אַרום) אַ גוטע נאַכט (קאַרל גייט אָפּ)

מאַריאַ:

(נעמט אַראָפּ דאָס מגן־דודל, קוקט דערויף און צעוויינט זיך)

יאַנעק:

(קומט שטיל אַריין, זעט, זי האַלט דאָס מגן־דודל און וויינט, דאַן רופט ער שטיל) מאַריאַ!...

מאַריאַ:

(שפּרינגט דערשראָקן אויף, באַהאַלטנדיק דאָס מגן־דודל) וואָס איז, יאַנעק ?...

יאַנעק:

גאָרנישט, גלאַט אַזוי... עס האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָך דיר — אַ ביסל שמועסן פון דער היים, מאַריאַ.

מאַריאַ:

אַזוי שפּעט ?!... איך וויל שוין גיין שלאָפן. גיי יאַנעק! מאָרגן מוז מען אויפשטיין צו דער אַרבעט.

יאַנעק:

ניין!... היינט מאַריאַ... היינט וועסטו זיין מיינע... צו מיר גע־הערסטו, מאַריאַ, צו מיר. דו ביסט דאָך אַ פּאָלקע, אַזוי געהערסטו צו מיר און נישט צו קאַרלען. (וויל זי אַרומנעמען, מאַריאַ לאָזט זיך נישט).

מאַריאַ:

לאָז אָפּ! יאַנעק, לאָז אָפּ!...

יאַנעק:

אַז נישט ?!

מאַריאַ:

וועל איך שרייען.

יאַנעק:

מאַריאַ קוריצקאַ, דו וועסט שוין נ י ש ט שרייען. איך קען דיך דאָך, מאַריאַ קוריצקאַ... (הויבט אָן אַראָפּצורייסן פון איר די בלוזע, מאַריאַ ווערט זיך שטאַרק, שטויסט אים אָפּ. ער בלייבט אַ רגע שטיין, דאַן מיט כעס) מאַריאַ קוריצקאַ איז שוין טויט, דריי יאָר שוין טויט, דערטרונקען ביים באָדן זיך אין טייך, מאַריאַ קוריצ־קאַ... דו ביסט דאָך די טאָכטער פון איצעק שפּיגעלמאַן, מאַריאַ קוריצקאַ... שרהלע הייסטו, יאָ, שרהלע! ביסט אַ זשידוווקע! (קורצע פּויזע — איבערגאַנג) מאַריאַ, זיי נישט אַזוי נאַריש, איך וועל עס קיינעם נישט דערציילן, קיינער וועט נישט וויסן. (מאַריאַ שטייט צעמישט און אַ ביסל דערשראָקן — יאַנעק באַמערקט די פאַרלעגנהייט, ער רייסט פון איר די בלוזע).

מאַריאַ:

(שרייט געדעמפּט) יאַנעק, וואָס טוסטו ?!...

פויערטע:

(שרייט אַריין) וואָס איז דאָס אין דרינען, פאַרוואָס גייט מען נישט שלאָפן ?!...

(ס׳הערן זיך טריט).

יאַנעק:

(לאָזט אָפּ מאַריאַ און גייט שנעל אָפּ, דראָענדיק) היט זיך מאַריאַ קוריצקאָ — שרהלע שפּיגעלמאַן! (אָפּ).

מאַריאַ:

(בלייבט אַ פּאָר סעקונדעס שטיין ווי פאַרגליווערט. קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן — הערט זיך גוט איין, דערנאָך גייט זי צו צו דער שאַנק, נעמט אַרויס אַן אָנצוג, אַ היטל, גייט צו צום שפּיגל נעמט אַ שער און הייבט אָן שערן די האָר... גייט אין אַ ווינקל, טוט זיך איבער, קוקט זיך נאָכאַמאָל אַרום און הערט זיך גוט איין צי קיינער הערט נישט, גייט צו צום הענגער נעמט אַראָפּ דעם רעוואָלווער פון קאַרלס מיליטערישן פּאַסעק — און גייט שלייכנ־דיק צו צום פענצטער, דרייט זיך און זאָגט — יאָ, יאַנעק, איך בין שרהלע שפּיגעלמאַן, די טאָכטער פון דעם דורך דיר דערהרגעטן איציק שפּיגעלמאַן!... (גייט אָפּ דורכן פענצטער, די בינע בלייבט אָפן אַ פּאָר סעקונדן. ס׳דערהערט זיך אַ רעוואָלווער־שאָס און באַלד אויסגעשריי פון יאַנעקן; אָה, ראַ־נע־באַסקיע!!! ער קומט אַריין פאַרבלוטיקט און פאַלט שטיל).

פ אַ ר ה אַ נ ג

ס ו ף פ ו ן ע ר ש ט ן אַ ק ט

פערזאָנען פון צווייטן אַקט

1 מאַריאַ (שרהלע שפּיגעלמאַן)

וואַלדזשאַנדאַרמען:

2 אָבערשאַרפירער

3 פראַנץ

4 קאַרל

5 מילער

6 קונצע

7 לאַגערפירער

8 דירעקטאָר

9 וואַכמייסטער בערוך

העפטלינגע גרופּע 1:

10 משה

11 יצחק

12 בערל

13 חיים

14 שמעון

15 שלום

16 מענדל

17 מרדכי

18 שטובנעלטסטער

19 יודנעלטסטער

העפטלינגע גרופּע 2:

20 1־טער

21 2־טער

22 3־טער

23 4־טער

24 פּרולעק

25 אברהם

צווייטער אקט — בילד איינס

א וואַלד, אַ פּאָליציי־הייזל פאַר וואַלד־עס־עס־זשאַנדאַרמעריע, זשאַנדאַרן אין מיליטערישער עס־עס־קליידונג מיט העלם. די ביקסן צוזאַמענגעשטעלט — זיי זיצן און אונטערהאַלטן זיך, איינער שפּילט אויף אַ ציי־האַרמאָשקע. אַנדערע זינגען:

עס גייט אַלעס פאַריבער,
עס גייט אַלעס פאַרביי.
אויף יעדען דעצעמבער
פאָלגט ווידער אין מאַי...

(טעלעפאָן צעקלינגט זיך. דאָס זינגען ווערט איבערגעריסן. ס׳ווערט שטיל).

אָבערשאַרפירער:

(נעמט ס׳טרייבל) פּאָליציי־פּאָסטן זעקס! יאָ... איך הער... יאַ־וואָל!... וואָס, אַ מאָרד?... היינט ביינאַכט... יאָ, יאַוואָל... ווי מאַריאַ?... מאַריאַ קוריצקאַ... פּוילישע נאַציאָנאַליטעט... אַנטלאָפן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג... יאַוואָל... לעבעדיק אָדער טויט... יאַוואָל, צו באַפעל!... זי פאַרהאַלטן... וועגן אַנטלויפן פון דער אַרבעט... יאַוואָל!... לעבעדיק אָדער טויט... יאַוואָל, צו באַפעל! הייל היטלער! (לייגט אַוועק ס׳טרייבל) פראַנץ, קאַרל, מילער און קונצע, לאָס!

זשאַנדאַרמען:

(די פיר זשאַנדאַרמען שפּרינגען אויף, נעמען די ביקסן, קלאַפּן צוזאַמען מיליטעריש די פיס, אויסרופנדיק) צו באַפעל, הער אָבער־שאַרפירער!

אָבערשאַרפירער:

(לייענט אַ פּאַפּיר וואָס ער האָט אָנגעשריבן) מאַריאַ קוריצקאַ, 22 יאָר אַלט, שוואַרצע האָר, טונקל־ברוינע אויגן, מיטלווּוּק־סיק, שלאַנק, שיינעס אויסזען. פּוילישע נאַציאָנאַליטעט. רעדט דייטש, אַנטלאָפן פון דער אַרבעט און האָט דערשאָסן איר געליבטן, דעם פּאָליאַק יאַנעק קופּטשינסקי — באַפעל איז: פאַרהאַלטן לע־בעדיק אָדער טויט!...

זשאַנדאַר:

יאַוואָל, צו באַפעל!

(פינצטער. סוף פון 1טן בילד).

(צוויי זשאַנדאַרמען, פראַנץ און קאַרל, אַנקומענדיק).

פראַנץ:

אַ שיינער טאָג היינט (זעצן זיך אַוועק) קאַרל, דו קענסט דאָך מיין טעכטערל, די פרידל ?... היינט האָט זי געבורטס־טאָג, אַ ווייל קינד זאָג איך דיר, אַ פיין מיידעלע. איך וואָלט איר וועלן עפּעס שענקען. אָבער ווי אַזוי, אַז מיר זענען שטענדיק אין הינטערלאַנד, אין וואַלד. אונדזערע קאַמעראַדן אין אַסטען האָבן אַ סך בעסער ווי מיר. איך זאָג דיר, מיין שכן היינצע איז אין אַסטען, מוזסטו זען, וואָס ער שיקט אַלץ אַהיים, אַט האָט זיין ווייב באַקומען אַן אמתן פּערזיאַנער־מאַנטל, און אַפילו ברילִיאַנטן, און יעדע וואָך שיקט ער פאַר יעדן קינד עפּעס אַנדערש — דאָס באַקומט ער, ווי ער שרייבט, פון די יידן, און ווען זיי גיבן נישט, נו, נעמט ער זיך אַליין. און ביי די יידן איז דאָ גענוג און גענוג צו נעמען. און מיר, האַ ?!... מיר מוזן דאָ זיצן אין וואַלד און ווען מיין מיידעלע האָט געבורטסטאָג — איז נישטאָ וואָס צו שענקען. אַ פאַסקודנע וועלט.

קאַרל:

שווייג פראַנץ, זיי אין אַסטן האָבן נישט שטענדיק גוט. אַט איז פריץ בידערמאַן געפאַלן, און דער רויטער אָטאָ, און נאָך און נאָך... און מיר דאָ האָבן געהאַט פון די יידן, ווען מען האָט זיי פאַריאָגט פונדאַנען. געדענקסט ביי די זאַנדהיימערס פאַראַיאָרן, דערמאָנסטו זיך, האַ ?!... אַ גרויס געשעפט געווען וואָס ?... און דאָס אַלץ האָבן מיר צוגענומען — זעסט דאָס העמד ? ס'איז נאָך פון די זאַנדהיימערס.

פראַנץ:

דעם זאַנדהיימער האָט דעמאָלט האַנס שמידעקע דערשאָסן.

קאַרל:

ריכטיק, זיין הויז אונטערגעצונדן, זיין ווייב און זיין מיידל האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען שפּרינגענדיק פון פענצטער — האָט שמידעקע צו זיי געשאָסן, זיי זענען פאַרברענט געוואָרן.

פראַנץ:

זי, די זאַנדהיימער, איז צוזאַמען מיט מיין ווייב אין איין צייט

געלעגן געוואָרן אין האָספּיטאַל — די קליינע וואָלט היינט אויך געהאַט געבורטס־טאָג...

קאַרל:

נו, מיר וועלן שוין פייערן געבורטס־טאָג, אַז מיר וועלן געפינען די מאַריאַ...

פראַניץ:

וויסטו, קאַרל, איך האָב זי געקענט, די מאַריאַ קוריצ... קוריצקאַ... אַ, איך וואָלט זי באַלד דערקענט, אַ שיינע שוואַרצע... איך האָב שוין פון לאַנג באַמערקט, אַז זי האָט נישט קיין ריין געוויסן — שטענדיק ווען איך בין אַריינגעקומען צום פויער האָזע און זי האָט מיך דערזען, איז זי געוואָרן בלאַס און אויסגעמיטן מיין בליק... אָבער אַ שיינע מויד זאָג איך דיר... נישט צו גלויבן, אַז דאָס קאָן הרגענען אַ מענטש... נאָר ווייבער זענען אַזוי... ווען זיי ליבן, קענען זיי דערהרגענען...

קאַרל:

ששש!!!... דאַכט זיך, עמעץ רירט זיך דאָרט. האַלט!!! (שפּרינגט אויף) האַלט!... ווער איז דאָרט?! ווער איז דאָרט?!... איך שיס!... (ער שיסט אַ פּאָר מאָל, מען הערט אַנטלויפן — די זשאַנדאַרמען לויפן נאָך, אַראָפּ פון דער בינע).

מאַריאַ:

(קומט אַריין קריכנדיק אויף דער ערד און בלייבט ליגן אָן כוחות, קוקט זיך אַרום) נישטאָ קיין כוח, ווו לויפט מען איצט, אַז אומע־טום זענען זיי, די הינט, זיי וועלן מיך סיי ווי כאַפּן (שטייט אויף) יאָ, כאַפּן, אָבער נישט לעבעדיק (נעמט אַרויס דעם רע־וואָלווער) מאַמעניו, גאָטעניו, וואָס האָב איך געזינדיקט?... פאַר־וואָס קומט דאָס מיר?... זאָג, פאַרוואָס?!... פאַרוואָס קומט דאָס אונדז?... מאַמעניו! אוי, מאַמעניו!... איך... קען נישט מער!... (זי צעוויינט זיך — מען הערט בילן הינט) זיי קומען (זי באַהאַלט זיך אַנשטעלנדיק דעם רעוואָלווער קעגן האַרצן) ניין, צום ערשט דערשיסן כאָטש איינעם פון זיי, דערנאָך מיך. פאַר מיין מאַמען, פאַר מיין טאַטן, פאַר מיינע ברידער, פאַר אַלע, אַלע!... (זי וואַרט געשפּאַנט אין דער פּאָזיציע — מען הערט זשאַנדאַרמען מיט די הינט דערווייטערן זיך. ס'ווערט שטיל — מיד און נאָכלעסיק, לייגט זי אַוועק דעם רעוואָלווער אין אַ זייט, פאַרדעקט מיט בלע־

טער, און לייגט זיך אויף דער ערד) נישטאָ מער קיין כוח... (זי שלאָפט איין).

(די זשאַנדאַרמען פראַנץ און קאַרל קומען אַן).

פראַנץ:

העי, קאַרל! דאָ ליגט איינער און שלאָפט. אויפשטיין! אויפשטיין!...

מאַריאַ כאַפּט זיך אויף, וויל כאַפּן דעם רעוואָלווער, בלייבט שטיין דערשראָקן און רעזיגנירט).

פראַנץ:

ווי הייסטו?

מאַריאַ:

(שווייגט).

פראַנץ:

פאַפּירן?!

מאַריאַ:

כ׳האָב נישט.

פראַנץ:

וואָס הייסט, דו האָסט נישט? פונוואַנען ביסטו?...

קאַרל:

אַ ייד, אוודאי אַנטלאָפן פון יידן־לאַגער...

מאַריאַ:

יאָ, הער זשאַנדאַרם — אַ ייד, אַ ייד אַנטלאָפן פון לאַגער, דער־שיסט מיך, דערשיסט מיך, הער זשאַנדאַרם, זאָל עס נעמען אַ סוף.

פראַנץ:

אָ, אַזוי שנעל שיסן מיר נישט, מיר מוזן ערשט וויסן, ווי דו הייסט און פונוואַנען דו קומסט, דאַן וועלן מיר זען, אפשר וועלן מיר שיסן... — וואָס זאָגסטו קאַרל?

קאַרל:

אַזוי איז עס.

פראַנץ:

ווי אַזוי הייסטו?

מאַריאַ:

איך... איך הייס... יאַנקל, יאַנקל שפּיגעלמאַן.

פראַנץ:

יאַנקעל שפיגעלמאַן, ווו געבוירן?

מאַריאַ:

אין פוילן.

פראַנץ:

פון וועלכן לאַגער אַנטלאָפן?

מאַריאַ:

כ'ווייס נישט.

פראַנץ:

וואָס הייסט, דו ווייסט נישט?...

מאַריאַ:

(שווייגט).

קאַרל:

מאַך אים פערטיק, צו וואָס זיך שפּילן און מאַכן זיך אַרבעט פון שרייבן ראַפּאָרטן.

פראַנץ:

(אויפגערעגט גיט איר אַ פּאַטש — הויך שרייענדיק) פאַרפלוכט

נאָך איין מאָל, דרעקיגער יודען־יונג... פון וועלכן לאַגער אַנטלאָפן?

מאַריאַ:

(שווייגט).

פראַנץ:

(גיט איר נאָך אַ פּאַטש — זי פאַלט אום, דאָס בלוט לויפט איר פון דער נאָז — פראַנץ שרייט ווי משוגע) אויפשטיין!!! (קאַפּעט איר) אויפשטיין!!!... איר פאַרדאַמטעס פאַלק!!!...

מאַריאַ:

(הייבט זיך, קרעכצנדיק און ווישנדיק דאָס בלוט, לאַנגזאַם אויף).

פראַנץ:

(נעמט די ביקס, מאַניפּולירט צו מאַריאַ) לאָס צום בוים!...

מאַריאַ:

(גייט מיט שווערע שלעפּנדיקע רעזיגנירטע טריט צו צום בוים).

פראַנץ:

דריי זיך אום!...

מאַריאַ:

(דרייט זיך אום).

פראַנץ:

(נעמט די ביקס און צילט — עס קומען אַן די זשאַנדאַרמען מילער און קונצע).

מילער:

האַלט!... וואָס טוסטו, פראַנץ?...

פראַנץ:

(נעמט אַראָפּ די ביקס) מיר האָבן געפונען אַ יודען־יונג, וויל ער נישט זאָגן פון וועלכן לאַגער ער איז אַנטלאָפן — האָב איך אים געוואָלט פּאַרטיק מאַכן — צו וואָס די גאַנצע אַרבעט פון שרייבן ראַפּאָרטן? איין קויל און פאַרטיק — וואָס זאָגסטו קאַרל?...

קאַרל:

אַזוי איז עס.

מילער:

און איך האָב געמיינט, אַז איר האָט געפונען — ווי הייסט זי דאָס, די מאַריאַ?...

פראַנץ:

(נעמט די ביקס צום צילן).

מילער:

לאָז אָפּ, פראַנץ, אַ שאָד די קויל — צו וואָס פאַרשווענדן פאָלקס־גוט, פאָלקס־פאַרמעגן, דאָס איז דאָך סאַבאָטאַזש, פראַנץ, אומצו־ברענגען נוצלעכע אַרבעטס־קראַפט. מיר וועלן אים פירן צוריק אין אַן אַרבעטס־לאַגער, זאָל ער דאָרט אַרבעטן, אויב נישט זאָל ער דאָרט פּגרן, זאָלן זיי מיט אים טאָן וואָס זיי ווילן — נישט ווייט פון אונדז איז דאָך דאָס יודענאַרבעטס־לאַגער.

פראַנץ:

אויב דו מיינסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי — (גיט אַ שטויס מאַריאַ) לאָס געגאַנגען!... שנעלער!... שנעלער!...

מאַריאַ:

(גייט קוים, די הינט הויבן אָן בילן — עס ווערט פינצטער).

ס ו ף   פ ו ן   צ ו ו י י ט ן   ב י ל ד

יודען־לאַגער

(אין דער ביוראָ פון לאַגער־פירער. אַ ביוראָ־טיש. אויף דער וואַנט הענגט אַ האַקנקרייץ־פאָן. אויף דער פאָן היטלערס בילד. איבער דער פאָן אַן אויפשריפט: „אַרבייט מאַכט פריי!"

מען הערט פון דרויסן מאַרשירן און קאָמאַנדעווען: איינס, צוויי, דריי, פיר. איינס, צוויי, דריי, פיר — לינקס, לינקס, לינקס אונד לינקס — דאַס גאַנצע האַלט!!! (ס'ווערט שטיל).

לאַגער־פירער:

(מיט אַ ציגאַר אין מויל, אָנגעטאָן אין עס־עס־אוניפאָרם, בלאָזט דעם רויך) מיין ליבער פאַרטיי־גענאָסע — איך וועל פאַר אייך טאָן, וואָס איך קען. מיר זענען דאָך אַלטע קאַמעראַדן — איר דערמאָנט זיך אין פעלד — 1914—18 ביי פעטערקאָו?... ווו איך בין געוועזן פאַרוווּנדעט? און איר האָט מיר כמעט דאָס לעבן גע־ראַטעוועט. — בין איך אייך שוין עפּעס שולדיק, מיין ליבער דירעקטאָר פאָן־דער־וואַלדע. און היינט דאַכט זיך האָב איך די מעגלעכקייט, און איך וויל אייך אָפּדינען — וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?... איך בין שטענדיק גרייט אונדזער פירער, דעם פאָטער־לאַנד און אייך צו דינען.

דירעקטאָר:

(אָנגעטאָן אין ס־אַ־אוניפאָרם, נעמט אַ ציגאַר, שניידט אָפּ דעם שפּיץ און פאַררויכערט) מיין ליבער לאַגער־פירער. לויט ווי איר האָט פריער געזאָגט, אַז דער לעצטער טראַנספּאָרט יידן איז געווען 1000 מאַן — אַלזאָ האָט דער לאַגער היינט 2000 יידן.

לאַגער־פירער:

יאַוואָל, 2000 יידן — פאַרפלעגונג האָב איך נאָר פאַר 1.500 און די 2000 חזירים ווילן פרעסן.

דירעקטאָר:

זעט איר, מיין ליבער לאַגער־פירער, דאָס איז שוין אַ שווערע מעשה — איך באַדאַרף בלויז 1.200 ביז 1.500 פיגורן — קרעפּ־טיקע אַרבעטער און זיי מוזן לייסטן, איך צאָל פאַר דעם, די פאַרטיי שענקט נישט. פאַר יעדן ייד מוז איך באַצאָלן, כמעט ווי פאַר אַ

נאָרמאַלן אַרבעטער — דערפאַר קען איך נאָר געברויכן אַזעלכע וואָס אַרבעטן.

לאַגער־פירער:

אַרבעטן מיין ליבער דירעקטאָר, מוזן אַלע, אויך מיר דייטשן מוזן אַרבעטן, יאַוואָל!...

דירעקטאָר:

ווי איך האָב געזען, זענען פאַראַן יוגנטלעכע אונטער פערצן יאָר, אויב נישט נאָך יינגער און אויך אַלטע פון 55 יאָר און אפשר עלטער; און דאַן די שוואַכע און קראַנקע, און פאַר דעם גאַנצן מיסט מוז איך באַצאָלן — און צו דעם נאָך פּלאַנמעסיק צושטעלן די פּראָדוקציע מיט דעם דאָזיקן מיסטהויפן. עס איז צו טייער און צו שווער. און פאַרפלעגונג האָט איר, ווי איר זאָגט אַליין, בלויז פאַר 1.500. — גיט אַכטונג, לאַגער־פירער, מיר זאָלן נישט ביידע נאָכאַמאָל מוזן גיין אויפן פראָנט, דאָן איז מיט פעטערקאָו פאַר־ביי — איך האָב מורא, אַז דאַן וועל איך אייך נישט מער קענען ראַטעווען.

לאַגער־פירער:

מיין ליבער דירעקטאָר, ווער נישט אַרבעט, טאָר נישט פרעסן, ווער נישט פרעסט, מוז פאַרהונגערן, האָבן מיר שוין ווייניקער. ווער עס מאַכט סאַבאָטאַזש, גייט קיין אוישוויץ. האָבן מיר שוין ווידער ווייניקער... ווער נישט הערט, גייט אין בונקער — און... מוז שטאַרבן. ווער קראַנק איז, גייט אין קראַנקן־רעוויר, איין שפּריץ, פּיוט!... נישטאָ — טויט. שוין ווידער ווייניקער. ווער עס אַנט־לויפט, ווערט דערשאָסן — און מיר האָבן 1.200 קרעפטיקע אַרבעטס־שווייגען!

דירעקטאָר:

איר זייט אַ קלוגער מענטש, איך באַדאַרף בלויז 1.200 אָבער קרעפטיקע פערד, וועלכע זאָלן שלעפּן דעם וואָגן צום זיג. דאָס אַנדערע קען פאַרשווינדן צום ליבן מאָזעס אין הימל!... (ער זינגט שיכורלעך) דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס אין דער וועלט. זאָל לעבן דער פירער! הייל היטלער! (קלאַפּט. עס קומען אַריין זשאַנדאַרמען און מאַריאַ).

זשאַנדאַרמען:

הייל היטלער! (לאַגערפירער און דירעקטאָר ענטפערן).

פראַנץ:

הער לאַגער־פירער, מיר האָבן דעם יודען־יונג געפונען אין וואַלד — ער איז אַנטלאָפן פון אַ לאַגער, אַוודאי פון אייערן.

לאַגער־פירער:

ביי מיר אַנטלויפט מען נישט, ביי מיר הערשט אָרדענונג. דיס־ציפּלין, דיסציפּלין, פאַרשטאַנדען?!... — דערשיסן!...

פראַנץ:

יאַוואָל, הער לאַגער־פירער, צו באַפעל!... (צו מאַריאַ, גיט איר אַ שטויס) אַרויס, לאָס!!!

דירעקטאָר:

לאָזט אים איבער, מיר וועלן שוין דאָס דערליידיקן — איר קענט גיין.

לאַגער־פירער:

יאַוואָל, ריכטיק! מיר וועלן דאָס שוין דערליידיקן, איר קענט גיין.

זשאַנדאַרמען:

צו באַפעל, הער לאַגער־פירער! (גייען אַרויס).

דירעקטאָר:

אַ שאָד אַן אַרבעטס־קראַפט — און ער ווערט נישט געציילט... אויף דעם אָרט, קען אַן אַנדערער פאַרשווינדן.

לאַגער־פירער:

ריכטיק, איר זייט אַ קלוגער מענטש.

דירעקטאָר:

ערשט וועלן מיר זען צי ער איז קרעפטיק גענוג (צו מאַריאַן) אויסטאָן זיך!

לאַגער־פירער:

(אויך באַפעלעריש) אויסטאָן זיך!!!...

מאַריאַ:

(שטייט אָן באַוועגונג).

לאַגער־פירער:

וואָס, פאַרשטייסט נישט קיין דייטש?... אויסטאָן, האָב איך געזאָגט, ווערט עס באַלד (ווייזט אויפגערעגט מיט די הענט) אויס־טאָן!!!... אויסטאָן!!!...

מאַריאַ:

(הויבט אָן זיך אויפקנעפּלען).

(מ'קלאַפּט, ס'קומט אַריין אַ וואַכמייסטער).

וואַכמייסטער:

הער לאַגער־פירער, אָבערשטורמבאַנפירער לינדנער איז אין לאַגער (דער לאַגער־פירער און דירעקטאָר זענען אַ ביסל פאַרלעגן — כאַפּן זיך שנעל, און קומען צו זיך).

לאַגער־פירער:

וואַכמייסטער, ברענגט דעם יודעניונג אין באַראַק 10!

וואַכמייסטער:

צו באַפעל, הער לאַגער־פירער! (צו מאַריאַן) לאָס, געגאַנגען, שנעלער!... (מאַריאַ און וואַכמייסטער גייען אַרויס. דער לאַגער־פירער און דער דירעקטאָר באַהאַלטן די פלעשער, מאַכן זיך צו־רעכט די מונדירן, שטעלן זיך שטייף אויסגעצויגן, די רעכטע האַנט אין דער הויך אויסרופנדיק) הייל היטלער, הער אָבערשטורמבאַנפירער מאַיאָר לינדנער!...

פ י נ צ ט ע ר — ס ו ף פ ו ן ד ר י ט ן ב י ל ד

צווייטער אַקט — בילד פיר

(אַ שטוב אין באַראַק. אַ טיר רעכטס. לינקס אַ פענצטער. פון ביידע זייטן בעטן, צו צוויי, אייגס אויפן אַנדערן. חברה זיצן, איי־ניקע ליגן אויף דער ערד. עס איז נאָך דער אַרבעט און נאָכן עסן. איינער פאַרריכט זיינע צעריסענע בגדים. אין אַ ווינקל זיצן אַ פּאָר און דיסקוטירן שטיל).

משה:

...פאַרפאַלן... אַזוי איז עס, בכדי די שטאַרקע זאָלן זיך ראַטעווען, מוזן די שוואַכע אומקומען.

יצחק:

בכדי די שטאַרקע זאָלן זיך ראַטעווען, מוזן די שוואַכע אומקו־מען? דאָס זענען היטלעריסטישע מעטאָדן. די שוואַכע זאָלן אומ־קומען. האָבן מיר אַ רעכט דערויף, ווייל זיי זענען שוואַכער פון אונדז צו באַשטימען זייער גורל — זייער טויט?

משה:

מיר באַשטימען נישט זייער טויט — מיר ראַטעווען בלויז אונדזער לעבן.

יצחק:

אָבער דורכן ראַטעווען אונדזער לעבן — פאַראורטיילן מיר זיי צום טויט, אַלס שטראָף פאַר אונדזער ראַטעווען זיך...

משה:

סיי־ווי וועלן אַלע אומקומען. סיי־ווי וועלן זיי אונדז אַלעמען פאַרניכטן. אונדזער חוב איז זיך נישט צו לאָזן. און אויב די שוואַכע קענען נישט, דערפאַר זאָלן עס די שטאַרקע אויך נישט מאַכן? הייסט עס, מיר גיבן זיך אונטער דעם גורל, וועלכן היטלער האָט פאַר אונדז באַשטימט — די אַלגעמיינע פאַרניכטונג. ניין!... קיינמאָל נישט!... אונדזער לאָזונג מוז זיין: ראַטעווען זיך, ווער עס קען! מיר מוזן זיין האַרט, אָן סענטימענטן, עס וועט קומען דער טאָג, ווען מיר, די איבערגעבליבענע, וועלן נקמה נעמען פאַר די, וועלכע האָבן ראַטעווען זיך נישט געקענט. (ער קוקט זיך אַרום — און זאָגט אויפגערעגט און דאָך שטיל) איך האַלט, חברים, מיר דאַרפן צוגרייטן דעם פּלאַן פון אַנטלויפן.

יצחק:

חברים, זייט פאַרנונפטיק, זאָלן מיר נישט דורך אונדזער פּחדניש־קייט פון וועלן ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, ווערן די מערדער פון אונדזערע ברידער. איך האַלט, אויב שטאַרבן, דאַרפן מיר שטאַרבן צוזאַמען — און אויב קעמפן, דאַרפן מיר אויך אַלע צוזאַמען. חברים, די צייט אַרבעט פאַר אונדז. די רוסן מאַרשירן פאַרויס, יעדן טאָג קומען זיי נאָענטער צו אונדז. אויך דער צווייטער פראָנט אין מערב האָט זיך פאַרשטאַרקט. עס איז נישט ווייט היטלערס מפּלה — בכדי זיי זאָלן אונדז נישט אינגאַנצן פאַרניכטן, דאַרפן מיר צוגרייטן אַן אויפשטאַנד! אָדער אַלעמען ראַטעווען אָדער קיינעם נישט...

משה:

אַן אויפשטאַנד!... אַן אויפשטאַנד... מיט וואָס?!... מיט ליידיקע הענט קעגן מאַשין־געווער, מען זאָל אונדז צעשיסן ווי די הינט, אַפילו איינער זאָל נישט אַרויס קיין לעבעדיקער? חברה, פאַרגעסט נישט, מיר געפינען זיך אין דייטשלאַנד, מיר האָבן

נישט קיין שום פאַרבינדונג מיטן דרויסן — ניין, מיר האָבן נישט קיין שום מעגלעכקייט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד. אויב עס וועט געלינגען אַ גרופּע פון צען מענטשן צו אַנטלויפן, וועלן מיר דערפאַר באַצאָלן מיט צען מאָל צען, און וויפיל פון די צען וועלן זיך אַדורכרייסן, זיך ראַטעווען, ווייסן מיר נישט. מיר געפינען זיך דאָך אין מיטן דייטשלאַנד, חברים, אַרומגערינגלט פון בלויז שונאים. יעדער איינציקער וועט אונדז איבערגעבן די עס־עס, אויב ער וועט אונדז אַליין נישט דערהרגענען... (עס קומט אַריין דער וואַכמייסטער מיט מאַריאַן).

שטובנעלטסטער:

(מיליטעריש) אַכטונג!... (אַלע שפּרינגען אויף און בלייבן גראַד שטיין).

וואַכמייסטער:

שטובנעלטסטער, דאָס איז אַ נייער — ער בלייבט דערווייל ביי אייך ביז ער וועט צוגעטיילט ווערן צו אַן אַרבעטס־קאָמאַנדאָ (ער גייט אַרויס).

שטובנעלטסטער:

אַכטונג!... (אַלע שטעלן זיך גראַד נאָכקוקנדיק דעם וואַכמייסטער שטיל זאָגנדיק) ברעך דעם קאַרק, מיטן קאָפּ אין דער ערד, אמן!...

שטובנעלטסטער:

(צו מאַריאַ) ווי הייסטו?

מאַריאַ:

יאַנקל.

שטובנעלטסטער:

פונוואַנען קומסטו?... נו, וועגן דעם וועלן מיר זיך שפּעטער דורכשמועסן, איצט קום, וועל איך דיר ווייזן ווו דו וועסט שלאָפן, אָט דאָ אויפן בעטל און דאָ האָסטו אַ קאָץ.

חיים:

קומסט ערשט פון דער היים?...

מענדל:

וואָס הערט זיך אינדערהיים?... דערצייל!

מאַריאַ:

איך קום פון אַ לאַגער,

מרדכי:

פון אַ לאַגער?

חיים:

פון וועלכן לאַגער?

מאַריאַ:

איך... איך בין אַנ...

שלום:

(לויפט אַריין) חברה, לינדנער איז דאָ אין לאַגער!

אַלע:

(אַלע שטייען אויף מיט אַ דערשיטערטן אויסגעשריי) לינדנער?!...
(איינער נעמט שנעל אויסקערן, אַ צווייטער ווישן דעם טיש, אַ דריטער שטעלט גלייך די בענקלעך, אייניקע גלייכן אויס די בעטן — און אַלע זעצן זיך אַוועק, נערוועז געשפּאַנט וואַרטן — מען הערט פּייפן).

מעגאַפאָן:

אַפּעל אויף די שטובן!... (עס קומט אַריין דער לאַגער־פירער און דער יודענעלטעסטער).

שטובנעלטסטער:

(שרייט) אַכטונג!... (חברה, שטעלן זיך גראַד). שטובע צען באַלייגט מיט 20 יודען, 10 ביי דער אַרבעט, 10 אַנוועזנד, איין נייער. —

יודענעלטעסטער:

(ציילט) הער לאַגער־פירער, איך מעלדע אייך עלף יודען אַנוועזנד און צען ביי דער אַרבעט — שטימט. (יודענעלטעסטער און לאַגער־פירער גייען אַרויס).

שטובנעלטסטער:

אַכטונג! (אַלע שטעלן זיך גראַד — מען הערט דריי מאָל קורץ פּייפן) שנעל אַלץ שלאָפן גיין! שנעל אין די בעטן! (אַלע טוען זיך אויס די שיך און לייגן זיך שלאָפן) נאַכט־וואַך! ווער האָט היינט נאַכט־דינסט?...

שמעון:

(קומט צו, ביסל צעמישט און גוטמוטיק) איך, איך האָב היינט נאַכט־דינסט (שטיל צו זיך) איי, איי, קוים זיך דערוואַרט (נעמט אַ בענקל, זעצט זיך אַוועק. עס ווערט שטיל. שמעון שטייט לאַנג־זאַם אויף און לעשט אויס דאָס ליכט. איין לעמפּל בלייבט ברענען,

וואַרפט אַ טונקעלע שיין, אָבער מען זעט גוט. שמעון זעצט זיך צוריק אַוועק) אַך, מיר איז גוט, אַז איך האָב היינט נאַכט־דינסט, און טאַקע היינט מוז עס געשען, די נאַכט... יאָ, די נאַכט... (ער קוקט זיך אַרום צי קיינער זעט נישט. ער נעמט אַרויס אַן אָפּגעריבענע פאָטאָגראַפיע און קוקט) היינט, מיינע קינדערלעך, גיי איך צו אייך, און איר וועט צוריק זען אייער טאַטן (קושט די פאָטאָגראַפיע) מער וועלן זיי מיך נישט האָבן, קיינמאָל נישט מער. יאָ, מיינע טייערע קינדערלעך... איך... איך וועל שוין שטענדיק בלייבן ביי אייך, שטענדיק. — בעסער שטאַרבן, ווי צוריקגיין אין לאַגער — מיין טייער חנהלע, מיין טייער ווייב, זיך אַנגעליטן, האַ ?!... ... וועסט זען, עס וועט מיט גאָטס־הילף זיין גוט. מיר וועלן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער — דאָרט וועלן מיר דעם קריג און היטלערס מפלה איבערלעבן — עס וועט זיין גוט, איך שווער דיר... נו, וויין נישט, דו דאַרפסט נישט וויינען (ער צעוויינט זיך) שאַ, מען וועט נאָך הערן, ש־ש־שאַ !!... דאַן וועל איך נישט מער קענען קומען צו אייך, ש־ש־ש!... (ער נעמט די טאַרבע און דאָס קליינע טרינק־טעפּל. הענגט אויף זיך די טאַרבע און דאָס טעפּל ביי דער זייט ווי צו דער אַרבעט און גייט אַרויס. מען הערט אַ שאָס. דאַן אַ פייפן).

שטובנעלטסטער

(שפּרינגט אויף מיט אַ געשריי) אַלע אויפשטיין!!!... שנעלער, אַפּעל! אַפּעל!... (אַלע שפּרינגען אַרויס פון די בעטן, זיך שנעל אָנטועענדיק, לויפן זיי אַרויס).

מאַריאַ:

(איז אַ ביסל מבולבל, ווייסט נישט וואָס צו טאָן. זי איז די לעצטע צום אַרויסלויפן).

שלום:

(קומט צוריק אַריין) העי, דו, יאָט איינער, ווילסט כאַפּן שניט ?... איל זיך אַ ביסל שנעלער, ס׳איז אַן אַפּעל. דאָ טאָר מען נישט קומען צו שפּעט (ביידע לויפן אַרויס).

מוגאַפּאַן:

אַלע הערן זיך גוט צו. ווער עס אַנטלויפט, ווערט דערשאָסן! פּונקט ווי דער־אַ, ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, ליגט ער אַ טויטער פּאַר

אייך. און די שטוב ווו ער איז געווען, וועט איצט מאַכן שטראָף־ספּאָרט און גיין צו שטראָף־אַרבעט. האָט איר אַלע פאַרשטאַנען ?...

אַלע:

יאָוואָל !...

מעגאַפאָן:

אויף די באַראַקן מאַרש־מאַרש !... (אַלע קומען אַריין געלאָפן. מען הערט פייפן).

שטובנעלטסטער:

אַפּעל, אַלע אַרויס !... (אַלע לויפן אַרויס).

מעגאַפאָן:

אַנידערלייגן זיך !... אויפשטיין !... אַנידערלייגן !... אויפשטיין !... אויף די קניען מאַרש־מאַרש !... אויפן בויך קריכנדיק אויף די באַראַקן מאַרש־מאַרש !... שנעלער !... שנעלער !... פאַרפלוכטע באַנדע !... (אַלע קומען אַריין קריכנדיק און ריטשנדיק אויפן בויך).

חיים:

וואַסער, וואַסער ! ! ! איך קען נישט מער — חברים. יידן, העלפט ! (מען הערט פייפן).

שטובנעלטסטער:

אַפּעל, אַלע אַרויס !...

אַלע:

(לויפן אַרויס. דער קראַנקער בלייבט ליגן).

מאַריאַ:

(וויל צוגיין העלפן. ס׳קומט אַריין שלום).

שלום:

שנעלער, חברה, שנעלער קומט ! (זעט דעם קראַנקן, וויל אויך העלפן. ס׳קומט אַריין אַ וואַכמייסטער צעהיצט, אויפגערעגט).

וואַכמייסטער:

(מיט כעס שרייענדיק) איר פאַרפלוכטע יודענקערלע, זייט איר נאָך נישט אין דרויסן ? !... (הויבט אָן שלאָגן מיט אַ בייטש. שלום און מאַריאַ לויפן אַרויס. דער וואַכמייסטער שלעפּט דעם קראַנקן ביי אַ פוס שלאָגנדיק אים. מ׳הערט דאָס קרעכצן און וויינען פונעם קראַנקן).

מעגאַפאָן:

אַלע שטילשטיין ! ! ! (עס ווערט שטיל).

(ס׳קומט אַריין די צווייטע גרופּע פון דער אַרבעט, מיט בלעכענע שיסלען זופּ און אַ שטיק ברויט אין דער האַנט. זעצן זיך אוועק עסן).

ערשטער:

ס׳איז היימלעך אין לאַגער. די חברה שטייען אין דרויסן.

צווייטער:

זיי מוזן שוין לאַנג שטיין, וואָס האָט געקענט פּאַסירן?

ערשטער:

ניין שטייען בלויז, איינער פעלט... איינער אַ נייער... יאָ איינער פעלט.

צווייטער:

ווער ווייסט צי ער לעבט?...

ערשטער:

(קוקט אַרויס דורכן פענצטער) דאַכט זיך שמעון פעלט.

דריטער:

שמעון?... פון מיין שטאָט איז ער געווען. אַ גוטער מענטש, אַ שטילינקער געווען — אַך, אפשר בעסער אַזוי, צו וואָס זיך מאַ־טערן...

ערשטער:

שוויַיג, רעד נישט אַזוי.

אברהם:

(וויל איבעררייסן די קאַלעמוטנע שטימונג) געוואַלד, יידן! האָט סרולעק היינט באַקומען אַן אפּותיקא צו פרעסן... מנאַ!!!... מנאַ!... (באַלעקט זיך) ברויט כמעט אַ גאַנץ לעבל — שוואַרצע ראַזעווע ברויט, אמת מיליטעריש ברויט — אויף מיר אַזאַ יאָר. אַז יאָך בין געווען אין מיליטער, האָב יאָך אויך געגעסן אַזאַ מין ברויט — און אַ שטיקל מאַרגאַרין און מאַרמעלאַד... און ציגאַרעטן, אַזאַ פּאַק, אפשר... 20 שטיק און עץ ווייסט וואָס נאָך, יאָך זאָל אַזוי לעבן, ווי שאָקאָלאַד, עץ הערט, אמתע שאָקאָלאַד...

ערשטער:

עס איז טאָקע אמת?... ריכטיקע שאָקאָלאַד!... ווייז, סרולעק, ווי זעט דאָס אויס...

צווייטער:

שוויַיגט שוין שטיל! זעט נאָר ווי זיי האָבן זיך דאָס צערעדט, זאָל סרולעק דערציילן.

אלע:

דערצייל! דערצייל!

פרולעק:

איך שטיי מיר אַזוי און לאַדעווע די וועגעלעך — דער מאַגן שפּילט אַ באַקאַנטן מאַרש, און כוח מיט דער שפּאַדל צו שניידן דעם ליים און וואַרפן אויפן וואָגן איז נישטאָ. אַך, ווי קען מען זיך כאַטש איין מינוטקעלע אָפּרוען, אָבער דער געלער וואַכמייסטער בערוך שטייט און היט און לאָזט נישט אָפּעטעמען, אַז דער געלער בראָך זאָל אים נעמען! דערוויל, איך גיב אַ קוק, מאַרשירן אַ צוואַנציק ענגלישע קריגס־געפאַנגענע סאָלדאַטן און זינגען — איך הער זיך צו, אוי, ווי מיר, אַזעלכע באַקאַנטע ניגונים. ביי אונדז אין קיבוץ האָט מען דאָך דאָס געזונגען (הייבט אָן זינגען)

מה מה לילה מליל?
דממה ביזרעאל.
נומה עמק, ארץ תפארת,
אנו לך משמרת.
(אייניקע זינגען מיט).
באה מנוחה ליגע
ומרגוע לעמל,
לילה חור משתרע
על שדות עמק יזרעאל,
טל מלמטה ולבנה מעל,
מבית אלפא עד נהלל...

ערשטער:

שווייגט, לאָזט דערציילן. זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך דאָס צעזונגען.

צווייטער:

דערצייל...

פרולעק:

יידן, דאָס איז דאָך יידיש אָדער העברעאיש וואָס זיי זינגען... איך שריי צו זיי: יידן?!... עמך?!... ענטפערן זיי צוריק: כן, יהודים, יידן, יידן, עמך, שלום!... חברה איר הערט!... יידישע סאָלדאַטן!...

ערשטער:

יידישע סאָלדאַטן?... פונוואַנען יידישע סאָלדאַטן, וואָס רעדן העברעאיש?...

צווייטער:

איך האָב געהערט, אַז עס איז שוין דאָ אַ יידישע מדינה — ארץ־ישראל איז געוואָרן אַ יידישע מדינה מיט יידיש מיליטער...

דריטער:

הלוואי, זאָל עס זיין אמת, פון וועלכער טעלעגראַפן־אַגענטור האָסטו דאָס געהערט? אפשר פון ייווא — יידן ווילן אַזוי...

פערטער:

לויטן חדר, ווי דער רבי האָט געלערנט, דאַרף זיין אמת (מיט אַ מגידישן ניגון) אוי, יידן, יידן! הערט זיך צו! עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט מקנא זיין די טויטע, מענטשן וועלן פאַלן ווי די פליגן — אוי, יידן, ס'וועלן זיין אַזעלכע צרותלעך, אַז אַ טאַטע וועט נישט דערקענען זיין קינד און דאָס קינד וועט נישט דער־קענען זיין טאַטן — דעמאָלט ערשט וועט משיח קומען, און מיר יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן, אמן...

ערשטער:

דערווייל זענען מיר דאָ, און טאַקע אויף ביטערע און געהאַקטע צרות, און משיחן זעט מען נישט... לאָזט שוין בעסער סרולעקן דערציילן...

אַנדערע:

דערצייל, דערצייל!...

סרולעק:

און מיט אַן אויסגעשריי: בלי יאוש — יהיה טוב — עס וועט גוט זיין, האָבן זיי מיר צוגעוואָרפן ברויט... וווּרשט...

אייניקע:

ברויט? וווּרשט?...

סרולעק:

און ציגאַרעטן!

ערשטער:

ציגאַרעטן?... סרולעק, לעבן זאָלסטו, גיב אַ צי, איין צי, דו הערסט!

צווייטער:

שווייג שוין, משוגענער!...

סרולעק:

(אין עקסטאַז) און... און... שאָקאָלאַד!...

ערשטער:

אמתע שאָקאָלאַד?

אברהם:

יאָך זאָל אַזוי לעבן, ווי אמתע שאָקאָלאַד, יאָך האָב אַליין געזען.

ערשטער:

טאָ גיב אַ שטיקל, וועט מען פאַרזוכן, סאַראַ טעם דאָס האָט.

צווייטער:

שאָקאָלאַד ווילט זיך אים! איך באַשטיי אויף אַ שטיקל ברויט, כאָטש אַ קליין שטיקעלע, אָט אַזאַ קליינעם ביס (ווייזט מיטן פינגער).

ערשטער:

נישט קיין ברויט — איך וויל נישט קיין ברויט, איך וויל גאָר־נישט, איך וויל בלויז איין פאַפּיראָס, זאָל זיין אַ שטיקל, נאָר אַ ציִ — אַ קליינטשיק ציִעלע (ווייזט מיט די ליפּן) אַ, אַ!...

סרולעק:

(קוקט אַרום ענטפּערט שטיל) כ׳האָב נישט.

אַלע:

דו האָסט נישט? וואָס הייסט דו האָסט נישט?

סרולעק:

כ׳האָב נישט, בערוך דער געלער וואַכמייסטער, האָט מיר אַלץ צוגע־נומען, אַז דער געלער בראָך זאָל אים נעמען, צו דעם מיך גוט אָנגעהרגעט...

ערשטער:

אַז פאַרברענט זאָל ער ווערן!...

צווייטער:

דערשטיקט און דערוואָרגן!...

אַלע:

אמן!...

סרולעק:

(קרעכצט) אוי, גיט מיר אַ ביסל וואַסער, צולייגן צו דער פּלייצע...

ערשטער:

(גיט אַ נאָס האַנטעך) אוי אַ שאָד, איין ציִעלע כאַטש... אַזאַ (שמאַטשקעט מיט די ליפּן).

סרולעק:

(נעמט דאָס האַנטעך) אַ, ס׳ברענט אַ פייער, אַז אַ פייער זאָל אים פאַרברענען. דעם געלן בראָך (מ׳לייגט אים צו דאָס האַנטעך — ער קרעכצט פון שמערצן).

צווייטער:

מען האָט זיי אין דער ערד — איך זאָג אייך, עס וועט נאָך זיין גוט...

ערשטער:

לעבן זאָלסטו! חברה, איר הערט? עס וועט נאָך זיין גוט (איינער ברומט אַ טרויעריקן ניגון: ס׳איז אַ ליגן... ס׳איז אַ ליגן... ס׳איז אַ פוסטער טרוים... דער מדבר האָט קיין פעלד, קיין וואַלד און קיין בוים... דער מדבר האָט קיין פעלד, קיין וואַלד און קיין בוים... די אַנדערע העלפן אונטער, עס קומט אַריין די ערשטע גרופּע, זעצן זיך און שווייגן. ס׳ווערט שטיל).

ערשטער:

וואָס איז דאָ היינט געווען?

שלום:

דאָס וואָס אַלע טאָג, מיר האָבן צוויי מתים — לאָמיר כאָטש קדיש זאָגן.

אַלע:

(שטעלן זיך אויף) הויבן אָן: יתגדל ויתקדש שמה רבא... (יודנ־עלטסטער קומט אַריין מיט אַ וואַכמייסטער).

שטובנעלטסטער:

אַכטונג!

אַלע:

(ווערן שטיל און בלייבן שטיין).

יודענעלטסטער:

אַלע זיך גרייט מאַכן צום דאָקטאָר, פאַרשטאַנען!

אַלע:

יאַוואָל! (יודענעלטסטער און וואַכמייסטער גייען אַרויס).

שטובנעלטסטער:

(שרייט) אַכטונג! (אַלע טוען אויס די העמדער, שטעלן זיך אין אַ ריי איינער נאָכן אַנדערן. מאַריאַ טוט זיך נישט אויס, נאָר מאַכט זיך אויסטאָן, און וואַרט...).

שלום:

(באַמערקט ווי מאַריאַ איילט זיך נישט, גייט צו צו איר) טו אויס דאָס העמד, באַלד וועלן מיר מוזן גיין צום דאָקטאָר, דאָרט מוז מען זיין אָן אַ העמד.

מאַריאַ:

איך קען נישט אויסטאָן.

שלום:

וואָס הייסט דאָס — דו קענסט נישט? דאָ איז אַ לאַגער. דאָ קען מען, אוי, קען מען דאָ...

מאַריאַ:

איך קען נישט, איך טאָר נישט...

שלום.

וואָס הייסט — דו טאָרסט נישט? ווער האָט דיר פאַרבאָטן, עה, דו, מאַך דיך נישט משוגע!... איבער דיר קען די גאַנצע שטוב נאָך ליידן... (ער וויל איר אַראָפּציען דאָס העמד מיט כוח — זי ווערט זיך און לאָזט זיך נישט — ער שרייט) משוגענער, אַראָפּ מיטן העמד!

מאַריאַ:

(מיט אַ בעטנדיקער שטימע) ניין, נישט!... איך... איך וועל גיין קיין אוישוויץ (מ׳הערט פייפן).

שטובנעלטסטער:

אַלע אַרויס צום דאָקטאָר (אַלע לויפן אַרויס. ס׳בלייבן שלום און מאַריאַ).

שלום:

אַראָפּ מיטן העמד, דו הערסט, שנעלער, אַזאַ משוגענעם ווי דו ביסט, וואָס זאָל מורא האָבן צו גיין צום דאָקטאָר האָב איך נאָך נישט געזען — שנעלער אַראָפּ מיטן העמד, אַ נישט, וועסטו טאַקע גיין קיין אוישוויץ און מיט דיר נאָך אַנדערע אויך... אַראָפּ מיטן העמד (ער שרייט שוין מיט כעס. רייסט דאָס העמד פון איר).

מאַריאַ:

נישט, נישט, איך... איך בין אַ מיידל...

שלום:

(פאַרלעגן און דערשטוינט) וואָס?!...

מאַריאַ:

(צעוויינט זיך) יאָ, איך בין אַ מיידל... און אַז איך וועל גיין צום דאָקטאָר, אויב זיי וועלן מיך נישט דאָ דערהרגענען, וועלן זיי מיך שיקן קיין אוישוויץ (וויינט).

שלום:

(שטייט אַ ווייל אַ צעמישטער. באַלד זיך כאַפנדיק) בלייב דאָ, כ'וועל שוין עפּעס מאַכן. אָבער באַהאַלט זיך, מען זאָל דיך פון דרויסן נישט זען. אָט דאָ הינטער דער שאַנק און וואַרט ביז איך וועל דיר רופן. (מאַריאַ שטעלט זיך הינטער דער שאַנק. שלום לויפט אַרויס).

מאַריאַ:

(קומט צוריק אַרויס און רעדט ווי צו זיך) צו וואָס באַהאַלטן זיך, זיי וועלן מיך דאָ סיי ווי געפינען, אָבער וואָס טוט מען?... וואָס טוט מען איצט?... אַנטלויפן? ווו אַנטלויפט מען? און ווי אַזוי? אַנטלויפן... אַנטלויפן? ניין... נישט... איך וויל נישט... איך וויל נישט, אַז דורך מיר זאָל ווער אומקומען... ניין! ניין!... איך וויל נישט, אַז דורך מיר זאָלן אַנדערע לײדן — איך גיי... איך גיי צום דאָקטאָר... זאָלן זיי מיך הרגענען... זאָלן זיי מיך שיקן קיין אוישוויץ... אַ סוף... אַ סוף זאָל עס נעמען... איך קען נישט מער... (זי גייט).

שלום:

(קומט אַן. בלייבט דערשטוינט שטיין) ווו גייסטו?

מאַריאַ:

צום דאָקטאָר!

שלום:

ביסט אַראָפּ פון זינען?...

מאַריאַ:

איך קען סיי ווי דאָ נישט פאַרבלייבן... און אַנטלויפן וויל איך נישט... איך וויל נישט, אַז צוליב מיר זאָל ווידער זיין דאָס זעלבע

וואָס היינט פרי. איך וויל נישט, אַז אַנדערע זאָלן ליידן און אומקומען צוליב מיר, לאָז מיך!... לאָז מיך גיין!

שלום:

גיין, איך וועל דיך נישט לאָזן גיין... דערווייל האָסטו זיך נישט וואָס צו שרעקן. בלויז אַ העלפט גייט היינט צום דאָקטאָר און די צווייטע העלפט ערשט מאָרגן — און ביז מאָרגן, וועלן מיר שוין עפּעס טאָן, אַז עס זאָל זיין גוט.

מאַריאַ:

ס׳וועט גאָרנישט העלפן, זיי וועלן מיך שיקן קיין אוישוויץ, אָדער וועלן מיך דאָ דערהרגענען, צו וואָס זיך מאַטערן?

שלום:

באַרוּיק זיך, וועסט זען, ס׳וועט זיין גוט... ווי הייסטו?...

מאַריאַ:

שרהלע, שרהלע שפּיגעלמאַן — שוין לאַנג נישט געהערט דעם נאָמען — ביז פאַר צוויי וואָכן האָב איך געהייסן מאַריאַ, מאַריאַ קוריצקאַ, און בין געווען אַ פּוילישע, נישט קיין יידישע — איך בעט דיך, רוף מיך שרהלע... כאָטש נאָך איין מאָל הערן מיין יידישן נאָמען ווי מיין טאַטע־מאַמע האָבן מיך גערופן.

שלום:

שרהלע... (ער שווייגט. קורצע פּויזע) איך הייס שלום.

שרהלע:

(שווייגט אויך. גערירט פון נאָמען הויבט אָן וויינען).

שלום:

ווייַן נישט, ס׳וועט זיין גוט. איך שווער עס דיר ביי מיין לעבן.

שרהלע:

מיין טאַטן, ווען די דייטשן זענען אַריין אין אונדזער שטעטל, האָט אַ פּאָליאַק, אַ פאָלקס־דייטש דערהרגעט — איך מיט מיין מאַמען זענען אַנטלאָפן. ווו געטאָגט נישט געגעכטיקט. מיר איז געלונגען צו באַקומען פּאַפּירן פון אַ פּויליש מיידל, וועלכע האָט זיך דער־טרונקען. אַזוי האָב איך געהייסן מאַריאַ קוריצקאַ, איך בין געווען אַ פּוילישע. איך האָב געמוזט שאַפן עסן פאַר מיר און פאַר מיין מוטער, וועלכע איז געלעגן באַהאַלטן אין אַ חורבה — אַזוי איז עס אַנגעגאַנגען אַ צייט, ביז די דייטשן האָבן מיך געכאַפּט און גע־

שיקט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. איך בין דאָרט געווען כמעט אַ יאָר. געקלערט און אויסגעוויינט די אויגן, צי לעבט מיין מוטער נאָך? און אַלץ געהאָפט אפשר דאָך — אפשר וועט מיר געלינגען איר צו העלפן און צו ראַטעווען.

שלום:

(שטייט אויף און גייט צום פענצטער — קוקט אַרויס און קומט צוריק. זעצט זיך צוריק אַוועק) נו, דערצייל ווייטער.

שרהלע:

איינמאָל איז אָנגעקומען אַ פּוילישער אַרבעטער — איך גיב אַ קוק — ווי איז מיר, דער מערדער פון מיין פאָטער. וואָס טוט מען, אפשר וועט ער מיך דערקענען? און... ער האָט מיך דערקענט (זי אָטעמט שווער) און ער האָט פון מיר דאָס לעצטע געפאָדערט — אַז נישט וועט ער מיך אויסגעבן (צעוויינט זיך).

שלום:

נו?!...

שרהלע:

(שפּרינגט אויף מיט כעס. פאַרביסן די ליפּן) איך האָב אים דער־שאָסן, ווי אַ הונט האָב איך אים דערשאָסן. זיך איבערגעטאָן אין אַן אָנצוג און בין אַנטלאָפן — צוויי וואָכן זיך געוואָלגערט אין די וועלדער, געגעסן קאָרע פון די ביימער, די דייטשן האָבן מיך געפונען און איבערגעגעבן דאָ אין לאַגער און איצט (זי שטייט אויף) וויל איך גיין שטאַרבן — אַ סוף זאָל עס נעמען.

שלום:

(פאַרשטעלט איר דעם וועג) שרהלע, טו נישט קיין נאַרישקייטן — איך זאָג דיר מען וועט שוין עפּעס מאַכן, אויף דער בוי־שטעל... אין דרויסן ביי דער אַרבעט. איך אַרבעט ביי אַן אינזשיניער וואָס מעסט די וועגן. קיינער אַרבעט דאָרט נישט, נאָר איך אַליין — ער האָט מיר געזאָגט, צי איך וואָלט נישט געקענט נאָך איינעם ברענגען העלפן טראָגן די מכשירים. איך וועל זען, אַז מאָרגן זאָל מען דיך דאָרט אַהין שיקן אַרבעטן. ביי אים ווער איך זייער ווייניק געהיטן. דער אינזשיניער אַליין איז אַן עס־עס־אָפיציר, אויך זיין ווייב טראָגט אַן איניפאָרם, זי איז דיין גרויס — איך האָב אַן אידעע, דו הערסט שרהלע?...

שרהלע:

אַנטלויפן?... ניין שלום, איך קען נישט, אַליין זיך וואַלגערן אין די וועלדער, און איך וויל נישט, אַז מענטשן זאָלן ליידן צוליב מיר.

שלום:

האָב נישט קיין מורא, עס וועט קיינער נישט ליידן. אויב ליידן, קען איך בלויז, ווייל איך אַרבעט מיט דיר צוזאַמען.

שרהלע:

און דו שלום, און דו... דיינע ליידן זענען נישט קיין ליידן?... און דאָן דאָרט דער גרויסער, פינצטערער וואַלד, וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל נישט. ניין, שלום. ניין, בעסער שטאַרבן דאָ.

שלום:

נישט בעסער שטאַרבן דאָ — איך גיי מיט דיר, שרהלע — וועסט נישט זיין אַליין. איך גיי מיט דיר צו פרייהייט, צום לעבן!... אָדער...

(פינצטער)

סוף פון 4טן בילד

צווייטער אַקט — בילד פינף

(אַ קליין הילצערן הייזל אין דער זייט פון וועג. פון הייזל קומט אַרויס שלום, דאָן שרהלע, אָנגעטאָן אין עס־עס־מונדירן).

שלום:

(גייט דער ערשטער און קוקט זיך אַרום פאָרשנדיק, דאָן צו שרהלען) קום שנעלער, מיר מוזן פונדאַנען וואָס שנעלער אַוועק... אַט דעם וועג־אָ וועלן מיר נעמען, מיר מוזן צוקומען צו דער שווייץ.

שרהלע:

וויאַזוי וועלן מיר וויסן דעם וועג?...

שלום:

איך האָב אַ מאַפּע, איך האָב זי געפונען ביים אינזשיניער אין שטוב. איך האָב אויך ברויט־מאַרקן און געלט... קום, מיר מוזן פונדאַנען אַוועק (זיי גייען. מ'הערט אָנקומען אַ גרופּע עס־עס־מיליטער מיט

העלמען און געווער זינגנדיק היטלעריסטישע מיליטער־לידער. שלום און שרהלע זענען אַ ביסל איבערגעשראָקן).

שלום:

האַלט זיך שרהלע!

איבערשאַרפירער:

אַכטונג! רעכטס, אוגען רעכטס, אין גלייכשטריט מאַרש!!! (די סאָל־דאַטן מאַרשירן אין מיליטערישער שטראַמקייט פאַרביי שלום און שרהלע, אויפהויבנדיק די הענט און אויסרופנדיק: הייל היטלער!

שלום און שרהלע:

(הויבן אויף די הענט. ענטפערן „הייל היטלער" און פאַרשווינדן אין וואַלד. ס'ווערט פינצטער).

ס ו ף פ ו ן צ ו ו י י ט ן א ק ט

פּערזאָנען פון 3־טן אַקט

ס. ס־מענער:

1. לאַגערפירער
2. אַבערשאַפירער
3. שאַרפירער
4. היינצע
5. מילער
6. 1־טער טורעם־וועכטער
7. 2־טער טורעם־וועכטער
8. שלום
9. שטובנעלטסטער און 17 העפטלינגע

דריטער אַקט

אַפּעל־פּלאַץ

(אויפן פּאַן פון דער בינע אַ צוים פון שטעכל־דראַט. אויפן צוים הענגט אַ שילדל, אויפן שילדל איז אויפגעמאָלט אַ טויטן־קאָפּ מיט אַן אויפשריפט: עלעקטריש געלאַדן. אויףביידע זייטן פון צוים האַלץ־טורעמס, אויף יעדן טורעם אַן ס. ס.־מאַן מיט אַ מאַשין־געווער. ביים אויפגייענדיקן בינע־פאָרהאַנג, הערט זיך, ווי פון ווייטנס, אַ שטאַרקע פּייפעריי, שיסעריי, הינטבילן, וואָס מישט זיך אויס מיט די געשרייען און באַפעלן פון די ס. ס.־מענער, נאָענטער הערט מען אַ הייזעריקע, שיכורע שטימע: „קנאַלט זיי אָוועק, די שווייניע־באַנדע, דאָס פערפלוכטע יודענפּאַק — וועלן זיי מער נישט לויפן״! מ׳הערט מאַרשירן).

שאַרפירער:

איינס, איינס און צוויי... איינס, איינס און צוויי... (ס׳מאַרשירן אַרויף אויפן אַפּעל־פּלאַץ, צו דריי אין דער ריי, 18 העפטלינגע פון שטובע 10, דער ס.ס.־מאַן מיט אַ ביקאָוויעץ אין דער רעכטער האַנט און אין דער לינקער אַ רעוואָלווער, מאַרשירט צום שלוס, אויף דער לינקער זייט פון דער גרופּע) לינקס, און לינקס. אַ ל ע ס האַלט! (אַלע בלייבן שטיין) ל י נ ק ס אום! (אַלע דרייען זיך אויף לינקס) שטילשטאַנד! (אַלע שטעלן זיך שטראַם) רירט אייך! (בלייבן אַ ביסל נאַכלעסיק שטיין, אייניקע אָטעמען שווער אָפּ), (ס׳קומט אריין דער לאַגער־פירער). ש ט י ל־ ש ט אַ נ ד! (אַלע שטעלן זיך גראַד) מ י צ ע ן אַ פּ! (אַלע נעמען אַראָפּ די היטלען מיט איין קלאַפּ אויפן זייט פון רעכטער הויזן־טאַש) אָפּציילן! (די העפטלינגע ציילן פון 1 ביז 18, יעדעס מאָל אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו זיין חבר).

שטובנעלטסטער:

(טרעט אַרויס דריי שריט פאָראויס און שטעלט זיך שטראַם) הער לאַגער־פירער, מעלדע געהאָרכזאַמסט, שטובע 10 מיט 18 יודענ־העפטלינגע אָנגעטרעטן, צוויי פעלן.

לאַגער־פירער:

זאָ, זאָ, צוויי פעלן און ווו זענען זיי?

שטובנעלטסטער:

איך ווייס נישט.

לאַגער־פירער:

זאָ, זאָ, דו ווייסט נישט. באַלד וועסט דו וויסן, שאַרפירער!

שאַרפירער:

(שטעלט זיך שטראַם) צו באַפעל, הער לאַגער־פירער.

לאַגער־פירער:

דער בעקאָמט 20, אָבער פעסטע.

שאַרפירער:

צו באַפעל, הער לאַגער־פירער.

לאַגער־פירער:

(צום שטובנעלטסטן) וועגטרעטן! (דער שטובנעלטסטער לויפט צוריק אין זיין ריי) אַלעס שטילשטאַנד! (אַלע שטעלן זיך גראַד) אַלעס מאַל הערהערן! יעדער דריטער פון אייך וועט דערשאָסן ווערן, אויב די צוויי שוויינע וועלן נישט צוריק זיין ביזן אָונט, פאַרשטאַנדן!

אַלע:

יאַוואָל!

לאַגער־פירער:

און די אַנדערע וועלן גיין צו שטראַף־אַרבעט, פאַרשטאַנדן!

אַלע:

יאַוואָל!

לאַגער־פירער:

און ווער עס וועט זאָגן, ווו די צוויי געפינען זיך, דעם וועט גאָרנישט געשען. ער וועט באַלויגט ווערן מיט אַ גאַנץ ברויט און מאַרגאַרינע, פאַרשטאַנדן!

אַלע:

יאַוואָל!

לאַגער־פירער:

איך ראָט אייך, בכדי צו ראַטעווען אייערע קאַמעראַדן פון טויט און אייך פון שווערע שטראָף, זאָגט בעסער, ווער עס ווייסט, וווהין

זיי זענען אַנטלאָפן און ווער עס האָט זיי צו דעם געהאָלפן, וועט אייך גאָרנישט נישט געשען, פאַרשטאַנדן!

אַלע:

יאַוואָל!

לאַגער־פירער:

שאַרפירער, ווייטער מאַכן!

שאַרפירער:

(שטעלט זיך שטראַם) יאַוואָל, צו באַפעל, הער לאַגער־פירער. (צו די העפטלינגע) מיצען אָוף! (אַלע טוען אָן די היטלען) לינקס אום! (אַלע דרייען זיך אויף לינקס) אין גלייכשריט מאַרש! (אַלע מאַרשירן) לינקס, לינקס און לינקס (זיי מאַרשירן פון דער בינע, פון ווייטנס הערט זיך ווי אַ ווידערקול: אויפשטיין, הינלייגן, אויפשטיין, אין לויפשריט, מאַרש, מאַרש! ס'ווערט שטילער).

אַבער־שאַרפירער:

(קומט פאַרסאָפּעט אַריין צו לויפן, שטעלט זיך שטראַם פאַרן לאַגער־פירער) הער לאַגער־פירער, מעלדע געהאָרכזאַמסט, מיר האָבן די צוויי געפונען. זיי זענען אין וואָפן־הויז.

לאַגער־פירער:

אין וואָפן־הויז? ווי אַזוי זענען זיי אַריין אין וואָפן־הויז?... ווער האָט איצט דאָרט דינסט?

אַבער־שאַרפירער:

דער פראַנץ האָט איצט דאָרט דינסט, הער לאַגער־פירער.

לאַגער־פירער:

דער פראַנץ, דיזער אידיאָט, פאַרדאַמט נאָך איינמאָל. שפּרענגט דאָך דעם לאָדען אין דער לופט!

אַבער־שאַרפירער:

גייט נישט. ערשטנס אונדזערע גאַנצע אַמוניציע און וואָפן זענען דאָרט און אויך דער פראַנץ איז ביי זיי אַ געפאַנגענער.

לאַגער־פירער:

וואָס הייסט פראַנץ איז ביי זיי אַ געפאַנגענער?... ווי לאָזט זיך אָן ס.ס.־מאַן פאַן יודען־העפטלינגע געפאַנגען נעמען?... דאָנער־וועטער־קרייץ־נאָכאַמאָל! אָבערשאַרפירער, ברענגען זי מיר דעם הויף־רעדער.

אַבער־שאַרפירער:

(שטעלט זיך שטראַם) צו באַפעל, הער לאַגער־פירער (ער גייט אַפּ).

לאַגער־פירער:

(רעדט ווי צו זיך) נאָר אין דער לופט שפּרענגען דאָס וואַפן־הויז מיט דעם אידיאַטן פראַנץ צוזאַמען, פאַרדאַמט נאָך איינמאָל — דיזער שייסקערל.

אַבער־שאַרפירער:

(קומט מיט אַ הויך־רעדער, שטעלט זיך שטראַם) היר, הער לאַגער־פירער, דער הויך־רעדער.

לאַגער־פירער:

(נעמט דעם הויך־רעדער און רעדט אַריין) העפטלינגע אין וואַפן־הויז, איך ווייס, אַז איר באַהאַלט זיך דאָרט אויס. דאָ רעדט צו אייך דער לאַגער־פירער. העפטלינגע, איך פאָדער אייך אויף זיך פרייוויליק אונטערצוגעבן און זיך צוריקקערן אין לאַגער אַריין. אַ חוץ אַ קליינע שטראָף, וועט אייך גאָרנישט געשען. איך גיב אייך 10 מינוטן צייט זיך צו איבערלייגן. אויב וועט איר זיך נישט צוריקקערן אין לאַגער, וועט יעדער 3־טער פון אייערע קאַמעראַדן דערשאָסן ווערן און אייך וועלן מיר אין דער לופט שפּרענגען מיט דעם אידיאַטן פראַנץ צוזאַמען, האָבט איר פאַרשטאַנדען?! איך ראָט אייך צום לעצטן מאָל, גיט זיך אונטער, וועט אייך גאָרנישט נישט געשען.

(אַ שטילע פויזע).

(דער לאַגער־פירער נעמט די לאָרנעט און קוקט דורך איר אַ קורצע צייט און רעדט ווייטער דורכן הויך־רעדער) מילער!... היינצע!... מיט די מאַשין־געווערע אַהער, אַבער פיקס־שנעל!

היינצע און מילער:

(קומען אָן מיט די מאַשין־געווערן. שטעלן זיך שטראַם פאַרן לאַגער־פירער) צו באַפעל, הער לאַגער־פירער!

לאַגער־פירער:

שטעלונג נעמען אויף דאָס וואַפן־הויז, ריכטונג צום רעכטן טויער!

היינצע און מילער:

צו באַפעל, הער לאַגער־פירער! (די ס.ס.־מענער ריכטן זייערע מאַשין־געווערן אין דער ריכטונג).

לאַגער־פירער:

(נעמט די לאַרנעט און קוקט דורך איר און דאַן קוקט ער אויף זיין האַנט־זייגער. קוקט נאָך אַמאָל נערוועז דורך דער לאַרנעט און ווידער אויפן זייגער און מיט אַ שטאַרקער שטימע שרייט ער אויס:) אַכטונג, פייער!!! (די ס.ס.־מענער שיסן... מען הערט צו־ריקשיסן אַזוי אַ קורצע צייט — ס׳ווערט שטיל. דער לאַגער־פירער צו די צוויי ס.ס.־מענער) נעמט די צוויי מאַשינגעווערע צו דער אַנדערער זייט און באַשיסט דאָס לינקע טויער!

היינצע און מילער:

(שטעלן זיך גראַד) צו באַפעל, הער לאַגער־פירער. (זיי נעמען די צוויי מאַשין־געווערן און גייען אַפּ).

לאַגער־פירער:

(קוקט אין דער ריכטונג דורך דער לאַרנעט. — ס׳הערט זיך אַן אויערן־באַטויבנדיקע שיסעריי, וואָס ווערט שטילער, שטילער — ביז ס׳הערט אויף)

שלום:

(קומט פון דער צווייטער זייט אויפן אַפּעל־פּלאַץ, פאַרבלוטיקט, אויסגעמאַטערט, וואַקלדיק און אָפּגעריסן און מיט אַלע זיינע כוחות שטעלט ער זיך שטראַם און שרייט אויס) הער לאַגער־פירער, דער העפטלינג 67809 מעלדעט זיך געהאָרכזאַמסט צור שטעלע!

לאַגער־פירער:

(נעמט אַראָפּ די לאַרנעט, דרייט זיך אויס און בלייבט דערשטויגט און צעטומלט שטיין. וויל עפּעס זאָגן, נאָר שלום הייבט אויף די האַנט און שיסט).

לאַגער־פירער:

אַ, מיין גאָט! (פאַלט אַ געטראָפענער. פון טורעם שיסט אַן ס.ס.־מאַן מיט זיין מאַשין־געווער. שלום פאַלט).

— סוף —



יידישע דראמאטישע סטודיע „קאצעט-טעאטער"

ביים צענטראל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער בריטישער זאָנע (בערגן-בעלזן)

פראָגראַם

פון דער פייערלעכער אויפירונג פון שלום-עליכם'ס דערציילונג

„דער פאַרכישופטער שניידער"

באַארבעט פאַר דער בינע דורך זאַמי פעדער

לכבוד דער איין-יעריקער עקזיסטענץ פון
דער דראמאטישער סטודיע „קאצעט-טעאטער"

יולי 1945 — 1946 יולי

קינסטלערישע לייטונג און רעזשי:	זאַמי פעדער
כאָרעאָגראַפיע:	דאָללי קאָץ
מוזיק-לייטונג:	לילי מאַטהעי (פידל)
ביים קלאַוויר:	עליזאַבעט לאַנטאָש
דעקאָראַציעס:	בערל פרידלער יעקב גארפינקל
ליכט-עפעקטן:	בעריש פיענקני
קאָסטיומען:	ייד. פאַך-שולע אין בעלזן און טעאַטער-סטודיע.

אַ פלאַקאַט אין בערגען־בעלזען צו דער פאָרשטעלונג „דער פאַרכישופטער שניידער״
פון שלום עליכם. געמאָלט פון בערל פרידלער און יעקב גאַרפינקעל

דער פארכישופטער שניידער

אַ באָבע־מעשה אָדער אפשר גאָר אַן אמתע געשיכטע פון אַלטע
צייטן לויט דער דערציילונג פון שלום־עליכם, געווידמעט מיינע
חברים געוועזענע „קאַצעטניקעס".

אינסצעניזירט און באַארבעט פאַר דער בינע פון

ז אַ מ י פ ע ד ע ר

אויפפירונג־רעכט — אויסשליסלעך ביי זאַמי פעדער

ירושלים, קרית יובל, רח' זנגויל 15

יידישע טעאַטער סטודיע „קאַצעט טעאַטער“

בּיים צענטראַל קאָמיטעט

פון די באַפרייטע יידן אין דער בריטישער זאָנע. בּערגנבעלזן.

קאַרטע נר. ....

צום אָנדענק פון דער אויפפירונג

„דער פאַרכישופטער שניידער“

פון שלום־עליכם

באַאַרבּעט פאַר דער בּינע און רעזשי זאַמי פעדער

לטובת דעם

קרן קימת לישראל
און ווינטער־הילף

בּערגנבעלזן, 14 נאָוועמבּער 1946

דער פאַרכישופטער שניידער

די דאָזיקע דערציילונג איז ספּעציעל באַאַרבעט געוואָרן פאַר דער בינע און אויפגעפירט אונטער דער רעזשי פון זאַמי פעדער אינעם יאָר 1946 — אַ יאָר נאָך דער באַפרייונג פונעם קאַצעט־לאַגער „בערגען־בעלזען" און צום יאָרטאָג פון דער עקזיסטענץ פון דער דראַמאַטישער סטודיע „קאַצעט־טעאַטער" אינעם דאָזיקן לאַגער.

— — — — — — — — — —

ביז צום יאָר, האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום ליטעראַטור, מיר האָבן געשפּילט אינסצעניזירטע פאָלקס־לידער, וואָס חברים האָבן פאַרגעדענקט און פאַרשריבן, סקעטשן פון לאַגער־לעבן און פאַר־טיזאַנקע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, אָדער דערציילונגען און איינאַקטערס פון י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, משה נאַדיר, א.אַ.וו., וואָס איך האָב געדענקט פון זכרון.

צום יאָר פון אונדזער באַפרייונג, האָב איך באַקומען אַ באַנד פון „שלום־עליכמס אַלע ווערק", אין וועלכן די ערשטע דערציילונג איז געווען „דער פאַרכישופטער שניידער". איך באַשליס די דאָ־זיקע דערציילונג צו אינסצעניזירן און אויפצופירן, בכדי אַ ביסל פרייד אַריינצוברענגען צווישן די „קאַצעטלער" נאָך אַזויפיל יאָרן פון לייד און פּיין.

לידער און ניגונים צו דער דאָזיקער פאַרשטעלונג נאָר וואָס מיר האָבן געדענקט, געזונגען און פאַרשריבן, נישט אַלע מאָל פּינקטלעך, אָבער אַזוי האָט מען זיי געזונגען, דערפאַר האָב איך זיי נישט אויסגעבעסערט.

זאַמי פעדער

פ ע ר ז א ָ נ ע ן

שלום־עליכם
רעזשיסעו

שמעון־אלי — אַ שניידער
צפע־ביילע־רייזע — זיין ווייב

דבורהלע
פייגעלע
חיהלע זייערע קינדער
עטעלע
שלמהלע

דאָדיע — אָרענדאָר
חוהקע — זיין טאָכטער
וואַסיל שפּעטער דן — איר חתן
חיים־חנה — דער מלמד
טעמע־גיטל — זיין ווייב

ראובעלע
זישקע
יעקעלע
משהלע חדר־ייִנגלעך
מענדעלע
יונהלע

ר׳ חיים־אייזיק — דער רב
דיינים
גרשון — דער שמש
בערל, יידל, קלמן — כלי־זמרים
סתם־יידן, ווייבער און קינדער, אַ ציג, אַ באָק.

די אַקציע שפּילט זיך אָפּ אין קאָזאָדאָיעווקע־זלאָדייעווקע צווישן 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט.

(אויפן פאַן פון דער בינע אַ גרויסע ראָם. אין דער ראָם זיצט שלום־עליכם. אין דער מיט פון דער בינע שטייט אַ טיש מיט אַ בענקל. רעכטס פון דער בינע אַ געמויערטער אויוון צום קאָכן.
ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, קומט אַריין דער רעזשיסער מיט שלום־עליכמס אַ בוך. זעצט זיך אַוועק ביים טיש און לייענט).

רעזשיסער:
אַלע ווערק פון שלום־עליכם. באַנד 6. „דער פאַרכישופטער שניי־דער״. אַרויסגענומען פון אַן אַלטן פּנקס און באַפּוצט. געשריבן אין יאָר 1900.
ושמו שמעון אליהו — און זיין נאָמען איז געווען שמעון־אלי, און גערופן האָט מען אים „שמעון־אלי שמע־קולנו״. והיה האיש חיט — און געווען איז דער מענטש אַ שניידער.
(שלום־עליכם גייט אַרויס פון דער ראָם. גייט צו צום רעזשיסער, בלייבט שטיין הינטער אים און בייגט זיך אַריבער און לייענט ווייטער).

שלום־עליכם:
נישט חלילה פון די געהויבענע שניידערס, וואָס נייען נאָך אַ זשורנאַל, נאָר אַ שניידער אַ לאַטניק, אַ גרויסער מומחה, הייסט דאָס, אויף לייגן אַ לאַטע, פאַרצירעווען אַ לאָך, מען זאָל נישט דערקענען, אָדער איבערניצעווען, וואָס פאַראַ מלבוש איר ווילט, אויף דער לינקער זייט, ממש מאַכן פון אַלט ניי. איין חסרון נאָר, וואָס ער האָט נישט געקענט אויסקומען מיט די נגידים און האָט ליב געהאַט זיך אָננעמען די קריוודע פון די אָרעמע לייט.

רעזשיסער:
ויהי לו בנים ובנות.

שלום־עליכם:
ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער פון אַלערליי וווקסן, צו מייסטנס טעכטער.

רעזשיסער:
ושם אשתו — און זיין ווייב האָט געהייסן ציפּע־ביילע־רייזע.

(פינצטער).

(שמעון־אלי קומט זינגענדיק אַריין, צו צום טיש, מעסט אַ שטיקל שטאָף, צייכנט מיט ווייסער קרייד. ציפּע־ביילע־רויזע קניט ביים אויוון און בלאָזט, אַז דאָס פייער זאָל זיך צעברענען).

שמעון־אלי:

(זינגט) [1*] אוי, צו וואָס איז אַ שניידער געגליכן, ווען ער מוז גיין אַרבעט זוכן, שווער און ביטער איז אים טאַקע און פון לעבן האָט ער אַ מכה. היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט! עס מעגן קומען כל מלכי מזרח ומערב, וועט זיי נישט העלפן!...

ציפּע־ביילע־רויזע:

(מיט כעס זיך אויפשטעלנדיק) לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַריין! שוין נמאס געוואָרן אַלע טאָג, אַלע טאָג זיך ברעכן דעם מוח, צו טראַכטן, וואָס קאָכט מען וואַרעמס, מען דאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער! ווידער אַמאָל טייגלעך מיט פּאַסאָליעס, און אָבער אַמאָל טייגלעך מיט פּאַסאָליעס, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד! אָט, למשל, נחמה־ברכה, אַזאַ קבצנטע, אַזאַ עניטע, אַזאַ אביונטע, אַזאַ דלפונטע, באַדאַרף זי האָבן אַ ציג! פאַרוואָס? וואָרום זי האָט אַ מאַן אַ לייזער־שלמה, טאַקע אַ שניידער, נאָר פּאַרט אַ מענטש! אַ קלייניקייט אַ ציג?... פאַראַן אַ ציג אין שטוב, איז פאַראַן אַ גלעזל מילך פאַר די קינדער; מען קען אָפּקאָכן אַ מאָל אַ קאַשע מיט מילך, אַפּשטופּן אַ וואַרעמס, יוצא זיין מיט אַ וויעטשערע, אַמאָל אַ קריגל פּיד־סמעטענע, אַ שטיקל קעז און פּוטער — אַ חיות!

שמעון־אלי:

ביסט נעבעך אַוודאי זייער גערעכט! פאַראַן אַ מדרש: כל ישראל יש להם חלק — איטלעכער ייד באַדאַרף האָבן אַ ציג. ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן...

ציפּע־ביילע־רויזע:

וואָס טויג מיר דיין פּסוק? איך זאָג אַ ציג, זאָגט ער גאָר אַ פּסוק! מיר דאַכט, אַז איך וועל דיר געבן אַ פּסוק, וועט דיר ווערן פּסוקדיק אין די אויגן! מיט פּסוקים גאָר האָדעוועט ער מיך, דער שיינער

---

* די מוזיק־נאָטן, לויט די נומערן, געפינען זיך צום סוף פונעם בוך.

ברויטגעבער מיינער, דער שלים־מזל! הערסטו? איך וועל דיר די גאַנצע תורה דיינע אָוועקגעבן פאַר איין באַרשט אַ מילכיקן!...

שמעון־אלי:

אַט איך גיב דיר אַ האַנט תקיעת־כף, אַז דו זאָלסט שלאָפן רויק, וועט שוין זיין מיט גאָטס הילף אַ ציג, דער עיקר — בטחון. היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט!...

ציפּע־ביילע־רויזע:

אַט האָב איך געהערט פון אַ שוועסטער פון מיינער אַ שכנה, וואָס איך רעד צו איר שוין נישט עטלעכע יאָר, אַז זי איז נישט לאַנג געוועזן צו גאַסט אין קאַזאַדאָיעווקע, איז דאָרט פאַראַן אַ ייד, אַ מלמד, רופט מען אים „חיים־חנא דער קלוגער", דערפאַר, וואָס ער איז אַ גרויסער שוטה; האָט דער חיים־חנא דער קלוגער אַ ווייב, רופט מען זי „טעמע־גיטל די שטילשווייגנדיקע", דערפאַר, וואָס זי האָט אין זיך ניין מאָס רייד; האָט די טעמע־גיטל די שטילשווייגנדיקע צוויי ציגן, אוןביידע מעלקן זיך. פרעגט זיך אַ קשיה: פאַרוואָס קומט איר צוויי ציגן, און נאָך מעלקנדיקע דערצו? אַ גרויס אומגליק וואָלט געווען, כ'לעבן, זי זאָל נישט האָבן איינע אַפילו! פאַראַן, ברוך השם, יידן, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין האַלבע ציג אַפילו — נו, אם כן? שטאַרבן זיי דען?

שמעון־אלי:

ביסט זייער גערעכט! הערסטו, דאָס איז שוין אַן אַלטע טענה, ככתוב, ווי אין פסוק שטייט געשריבן: אַסקאַקורדע, דבאַרבאַנטע.

ציפּע־ביילע־רויזע:

שוין, ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיין פסוק! מען רעדט פון אַ ציג, קומט ער מיט אַ פסוק! דו גיי זיך בעסער דורך אַהינצו, צום קאַזאַדאָיעווקער מלמד און זאָג אים אַזוי און אַזוי: מיר האָבן געהערט, אַז ס'איז ביי אייך פאַראַן צוויי ציגן און ביידע מעלקן זיך. וואָס באַדאַרפט איר צוויי מעלקנדיקע ציגן? אויף כפּרות? ווילט איר דאָך מסתמא איינע פון זיי פאַרקויפן — פאַרקויפט זי מיר! וואָס וועט אייך אַרן?... אַזוי טאָקע זאָלסטו מיט זיי רעדן, דו פאַרשטייסט?

שמעון־אלי:

כ'פאַרשטיי, וואָס דען, כ'פאַרשטיי נישט? פאַר מיין געלט באַדאַרף איך זיך נאָך בעטן? פאַר געלט קריגט מען אַלץ אין דער וועלט

כסף וזהב מטהר חזירים. שלעכט איז נאַר, אַז ס׳איז חלילה נישטאָ די מטבע, דעמאָלט איז עני חשוב כמת, מאַכט רש״י: ניטאָ פּאַ־פּע — גיי ליולו; אָדער ווי מען זאָגט: אַז פינגער קען מען קײַן פייג נישט שטעלן, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: אַסקאַ־קורדע, דעבאַרבאַנטע, דעפּאַרשמאַכטע...

ציפּע־ביילע־רייזע:

ווידער אַמאָל אַ פּסוק, און אָבער אַמאָל אַ פּסוק! עס פּסוקט מיר שוין אין קאָפּ! איינגעזונקען זאָלסטו ווערן! דו מוזט זיך פּריער פּרווון ביי חיים־חנא דעם מלמד, טאָמער וועט דאָס גיין. איי וואָס, טאָמער וויל יענער נישט? פאַרוואָס זאָל ער נישט וועלן? פאַרוואָס קומט אים צוויי ציגן, און נאָך מעלקנדיקע דערצו? פאַראַן, ברוך השם, יידן אויף דער וועלט, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין האַלבע ציג אַפילו, נו, אם כן? שטאַרבן זיי דען?

שמעון־אלי:

ביסט זייער גערעכט, איך זאָג דיר צו, אַז מאָרגן, אם ירצה השם, לאָז איך זיך אין וועג אַריין, ווי אין פּסוק שטייט:...

ציפּע־ביילע־רייזע:

שוין ווידער אַ פּסוק, מען זאָגט אַ ציג... (ס׳קומען אַריין צו לויפן דבורהלע, פייגעלע, חיהלע, עטעלע און שלמהלע).

דבורהלע:

מאַמע, ברויט!...

פייגעלע:

מאַמע, בולקע!...

חיהלע:

מאַמע, הונגעריק!...

עטעלע:

מאַמע, עסן!...

שלמהלע:

מאַמע, עסן!...

אַלע:

מאַמע, עסן!... מאַמע, עסן!... עסן!...

ציפּע־ביילע־רייזע:

(האַלט זיך מיט ביידע הענט צו די אויערן) ע ס ן?!... נישט עסן זאָלן איך ווערעם, ליבער גאָט, אין איינעם מיטן טאַטן אייערן,

דעם שלים־מזל! פאַרכאַפּט זאָלט איר נישט ווערן. רבונו של עולם, מיט אים איינעם! (טרויעריק) קינדער גייט שלאָפן! (פריילעכער) מאָרגן וועט זיין אַ ציג, וועט זיין מילך מיט לאָקשן.

קינדער:

אַ ציג?!... מילך מיט לאָקשן?!...

ציפּע־ביילע־רויזע:

יאָ, קינדערלעך מיינע, מילך מיט לאָקשן, פּוטער און קעז, איצט גייט שלאָפן. (ציפּע גייט אָפּ).

אַלע קינדער:

אַ ציג... אַ ציג... מילך מיט לאָקשן!... (זינגען און טאַנצן) [2].

שפּרינגט אַ ציג אום אין פעלד,
אוי איז פריילעך אויף דער וועלט,
און די מאַמע פון דער ווייט
ליגט אַ רואיקע און קוועלט
קייט און קייט אַזוי און טראַכט:
איי האָב איך אַ ציג אַ פּראַכט,
טאָקע אַ געזונט אויף איר
איינגעגעבן זיך אין מיר.
אַ... פון וועלדל פלינק און פריי
פליט אַ פייגעלע פאַרביי:
— „מאַמע, זע נאַר, מאַמע זע"
מע.... אַוועקגעפלויגן מע...
האָפּ! פאַרריסן הויך דעם עק
לאָזט זיך ס'ציגעלע אַוועק...
און די מאַמע פון דערווייט
קומט און טראַכט די גאַנצע צייט.

ציפּע־ביילע־רויזע:

(קומט אַריין) נו, קינדערלעך מיינע, גייט, גייט שוין שלאָפן!
(זי נעמט דאָס יינגסטע קינד אויפן שויס, וויגט עס און זינגט) [3]

ליגן קינדער קליינע,
אין די בעטעלעך ביינאַכט,
שלאָפן, שלאָפן קינדער שיינע
מיט די אויגעלעך פאַרמאַכט.
ליו ליו ליו.

און אַ מלאכל אַ ליבער
איטלעך קינד צו קאָפּנס שטייט
און די פליגעלעך אַריבער
אַלע קינדערלעך פאַרשפּרייט
ליו ליו ליו.
מאָרגן וועט איר קינדער גוטע
אויפשטיין אַלע רויִק, שטיל
פריש געזונטע און אויסגערוטע,
וועט איר לערנען, לערנען פיל.

(פינצטער).

בילד דריי

(וואַלד — אייניקעביימער זענען אויף קליינע רעדלעך, בכדי צו קענען זיי באַוועגן. עס שטייען מענטשן, וועלכע מען זעט נישט. די רעשט ביימער זענען טענצערינס, וועלכע גייען אָנגעטאָן, ווי ביימער מיט צווייגן און בלעטער).

שמעון־אלי:

(קומט זינגענדיק)[4] איי, גאָטעניו, ס'איז מחיה נפשות, ממש אַ גן־עדן... למשל, וואָס וואָלט גאָט געאַרט, ווען איטלעכער בעל־מלאכה, אַ שטייגער, זאָל זיך קענען אַלע טאָג, לאָז זיין כאָטש איין מאָל אין דער וואָך, אַרויסגיין אַהערצו, אויפן פרייען פעלד, אַ ביסל געניסן פון גאָטס וועלט? איי, אַ וועלטל, אַ וועלטל!... — אתה יצרת — דו האָסט, גאָט, באַשאַפן, עולמך — דיין וועלטל, מקדם — אויף יענער זייט שטאָט; בחרת בנו — האָסט אונדז אויסדערוויילט, די יידעלעך, מיר זאָלן זיצן דאָרטן אין זלאָדאָיעווקע אין דער ענגשאַפט, קאָפּ־אויף־קאָפּ, אין דער שטיקעניש; ותתן לנו — און דו האָסט אונדז געטאָן געבן... אוי, צרות האָסטו אונדז געגעבן מיט ווייטיקן, מיט דלות, קדחת מיט רביעית האָסטו אונדז געגעבן, ברחמיך הרבים — בים בים — בים!... (שמעון־אלי טוט זיך זינגענדיק אויס די זשיפּעצע, מאַכט אַ פּעקל, לייגט זיך שלאָפן און לייגט זיך אונטער דאָס פּעקל צוקאָפּנס — שלאָפט איין און... חלומט, אַ זיסן חלום, די ביימער הייבן אָן זיך באַוועגן

און טאַנצן. 5), נאָכן טאַנץ, בלייבן דיביימער שטיין אויף זייערע פריערדיקע ערטער.

ציפּע־ביילע־רייזע:

(שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון אונטער אַ בוים, אין דער האַנט אַ וועלגער־האָלץ, דראָענדיק) שמעון־אלי, זאָלסט מיר נאָר אַהיים קו־מען, וועל איך דיר געבן אַ פּסוק, אַז עס וועט זיך דיר פּסוקן... רבונו של עולם!... (עס קומען אָן וואַסיל און חוהקע).

חוהקע:

וואַסיל, פאַרוואָס ביסטו נישט קיין ייד?

וואַסיל:

פאַרוואָס?... נו, ווייל דער טאַטע מיינער איז אַ גוי, טאָ בין איך אויך אַ גוי.

חוהקע:

אַז דער טאַטע דיינער איז אַ גוי, דאָס ווייס איך, אָבער דו, דו האָסט באַדאַרפן זיין אַ ייד.

וואַסיל:

ניין, חוהקע, מיין טאַטע האָט געזאָגט, אַז אַ ייד זיין איז נישט גוט, נישט גוט... אַ ייד גייט נישט זונטיק אין קלויסטער; און אַ כוסע מעג אַ ייד נאָר מאַכן דריי מאָל אין יאָר — שמחת תורה׳לע, פּורים׳קע און... פּאַסכע. — און צו דעם אַלעמען, אַז עס איז אַ פּאָגראָם, טאָרן יידן גאָר נישט כאַפּן, גאָר נישט נעמען, זיי מעגן בלויז זיך באַהאַלטן, און אַז מען געפינט זיי, טוט מען זיי הרגע־נען. עך, נע דאָברע, נישט גוט צו זיין אַ ייד, חוהקע, אַ רחמנות אויף דיר, ס׳האַרץ ברעכט מיר, אַז איך דערמאָן זיך, אַז דו ביסט אַ יידישקע — מען וועט דיך נאָך הרגענען. (וויינט).

חוהקע:

פאַרוואָס וויינסטו, וואַסיל?

וואַסיל:

פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, איך האָב מורא, אַז ס׳וועט זיין אַ פּאָגראָם, וועל איך דיך מוזן הרגענען. (וויינט אויפן הויכן קול און חוהקע ווישט אים די טרערן).

חוהקע:

(וויינט אויך) זעסט וואַסיל, וואָלסט געווען אַ ייד, וואָלסטו מיך נישט באַדאַרפן הרגענען און... און... און...

וואסיל:

און... און וואס?

חוהקע:

און איך וואלט דיך ליב געהאט.

וואסיל:

ליב האבן קענסטו מיך אזוי אויך.

חוהקע:

ניין, וואסיל, מען טאר נישט, די מאמע זאגט מען טאר נישט, מען דארף נישט און מען טאר נישט, די מאמע איז אלט און איז בייז... ווייסטו וואס וואסיל, טא ווער א ייד, וואסיל! איך וועל דיך לערנען מודה־אני זאגן, קריאת שמע לייענען — אז דו וועסט זיין א ייד, וועל איך דיך ליבן האבן און... און וועסט זיין מיין חתן.

וואסיל:

און די גויים וואס וועלן זאגן?

חוהקע:

מיר וועלן אוועק קיין אמעריקע.

וואסיל:

אוי, אוי אמעריקע!? יא, איך האב געהערט פון אמעריקע. דער טאטע האט שטענדיק געזאגט, אז אין אמעריקע האט דער באטיושקא צאר גארנישט וואס צו זאגן. דארט זענען נישטא קיין פאגראמען.

חוהקע:

נו, וואסיל, וועסט ווערן א ייד?

וואסיל:

ווי אזוי?

חוהקע:

קודם כל, מוזטו לערנען מודה אני, טא זאג: מודה...

וואסיל:

מאדע...

חוהקע:

אני...

וואסיל:

אנע...

חוהקע:

לפניך...

וואַסיל:

לעפּעלע לונעיכו.

חוהקע:

ניין, לפּניך.

וואַסיל:

לעפּעלל נעיכו, שוין חוהקע, גענוג פּאַר היינט, דער קאָפּ טוט ווי. זע, איך קען שוין. מאַדע אַני לעפּענעיכו. נו, איצט מעגסטו מיר שוין אַ קוש געבן.

חוהקע:

ניין, מען טאָר נישט, וואַסיל, די מאַמע זאָגט מען טאָר נישט, די מאַמע איז אַלט און בייז. שפּיל בעסער וואַסיל (וואַסיל שפּילט אויף דער האַרמאָשקע „מאַרגאַריטקעס״ און דאַן זינגען זיי אין דועט „מאַרגאַריטקעס״) [6].

אין וועלדל ביים טייכל, דאָרט זענען געוואַקסן
מאַרגאַריטקעלעך, עלנט און קליין —
ווי קלייניקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלן,
מיט ווייסינקע טראַ-לאַ-לאַ.

געגאַנגען איז חוהלע שטיל און פאַרחלומט,
צעלאָזן די גאָלדבלאָנדע צעפּ, —
דאָס העלדזל אַנטבלויזט און געמורמלט-געזונגען
אַ לידעלע: טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

דאַ קומט איר אַנטקעגן אַ בחור אַ שוואַרצער,
מיט לאָקן מיט שוואַרצע, ווי פּעך;
ער פלאַמט מיט די אויגן און ענטפערט איר לוסטיק,
און ענטפערט איר: טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

(חוהקע און וואַסיל דערזעען ליגן שמעון-אלי און בלייבן פאַר-ווּנדערט שטיין).

שמעון־אלי:

(אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף) אָבער מען דאַרף דאָך ברודערל שפּאַנען... עד כאן אומרים בשבת הגדול ונאמר אמן — געגנוג שמעון־אלי צו שלאָפן. הלך לעולמו — שפּאַן, ברודער שפּאַן! אָפּרוען וועסטו זיך שוין, אם ירצה השם, אין דער דעמבעגער קרעטשמע, דאָרט האָסטו אַ שטיקל שאר־בשרי, דאַדיע רענדאַר. דאָרט קריגט מען צו יעדער צייט אַ ביסל משקה, ווי אין פּסוק שטייט: ותלמוד תורה כנגד כולם — אַ ביסל מהכתיתי איז ביל־כער פון אַלץ... שפּאַן, שמעון־אלי, שפּאַן!... (דערזעט חוהקען) איי, ביסטו נישט רב דאַדיעס טעכטערל?...

חוהקע:

יאָ?

שמעון־אלי:

קיין הרע, שיין, אויסגעוואַקסן, ווי איך פּסוק שטייט... אָבער מען דאַרף נעמען אַ גלעזל משקה, (שמעון־אלי שפּאַנט לאַנגזאַם ווייטער, חוהקע, וואָסיל און די ביימער גייען אָפּ אין דער צווייטער זייט. שמעון־אלי שפּאַנט און אָקעגן אים קומען אָן די כלי־זמרים, שפּילנדיק אַ פריילעכס [7] און דאַדיע אַרענדאַר, אַנגעטאָן אויף זיך די דעקאָראַציע — די קרעטשמע).

דאַדיע:

איי, אַ גאַסט!

שמעון־אלי:

אַ, שלום־עליכם, רב דאַדיע!

דאַדיע:

אַ גאַסט, אַ גאַסט! וואָס מאַכט עפּעס אַ ייד שמעון־אלי? וואָס מאַכט עפּעס דיין ציפּע־ביילע־רויזע? וואָס מאַכן דיינע קינדער?

שמעון־אלי:

מה אנו מה חיינו — וואָס זאָלן מיר מאַכן? מי ברעש ומי במגפה — אַזוי, אַ מאָל אַזוי, אַבי מען איז געזונט. ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: אַסקאַקודרע דעבאַראַבאַנטע דפאַרשמאַכטע דקאַרנאָסע. איי, האָט איר געהאַט אַ טאָטן, רב דאַדיע! געווען אַ כשרער ייד, לאָז ער מיר מוחל זיין: ער פלעגט טרינקען פון אַ פינצטערער כלי... הקצור, אין לך אדם שאין לו פּעקל — פון וואָס מען זאָל נישט רעדן מוז מען אַרויף אויפן טויט... — גיט שוין

אַהער אַ ביסל בראַנפּן, ווי דער תנא רב פּימפּאָם זאָגט: קאַפּאַטע במשכנתא שוויינקייך בגרונם — פאַרזעץ די קאַפּאַטע און נעם אַ ביסל בראַנפּן.

דאָדיע:

שוין? דו האָסט שוין אָנגעהויבן מיט דיין לאָקשן קוילעטש? (ער גיסט איין שמעון־אליען אַ גלעזל בראַנפּן, שמעון־אלי מאַכט אַ ברכה און טרינקט) אמן, דו זאָג בעסער, שמעון־אלי, ווהין פאַרט דאָס אַ ייד?

שמעון־אלי:

אַ ייד פאַרט נישט, אַ ייד גייט צופוס, ווי מיר זאָגן אין הלל: „רגליהם ולא יהלכו — האָסט פיס, ביסט נישט קראַנק צו שפּאַנען"...

דאָדיע:

אויב אַזוי, זאָגט־זשע מיר, סערצע, ווהין שפּאַנט אַ ייד?

שמעון־אלי:

אַ ייד שפּאַנט קיין קאַזאַדאָיעווקע, שפּאַנט ער. האַנדלען ציגן, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן, עזים תעשה לך — ציגן זאָלסטו קויפן...

דאָדיע:

ציגן? ווי קומט אַ ייד אַ שניידער האַנדלען מיט ציגן?

שמעון־אלי:

ס׳רעדט זיך אַזוי „ציגן"! מיינען מיין איך אַ ציג, טאַמער וועט מיר גאָט צושיקן, הייסט דאָס, אַ ציג אַ רעכטע. נישט טייער. דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט; נאָר מיין ווייב, זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רויזע, הייסט דאָס, איר קענט דאָך זי, אַז זי שפּאַרט זיך איין! זי האָט זיך פאַרעקשנט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: הכצעקתה — זי וויל אַ ציג! און אַ ווייב, זאָגט איר דאָך באַדאַרף מען פאָלגן, דאָס איז דאָך אַ בפירושער „מדרש פליאה". האַ, איר געדענקט דעם „מדרש פליאה"?

דאָדיע:

דו ווייסט דאָך... איך בין מיטן מדרש אַ קנאַפּער מחותן, אָבער ווי קומסטו, קרוב מיינער, צו זיין אַ מבין אויף ציגן?

שמעון־אלי:

ווי קומט אַ רענדאַר צו זיין אַ מבין אויף אַ סדיילקיוועך סליחה? פון דעסטוועגן קומט פּסח צום סדר, קלאַפּט איר מיט גאָטס הילף דעם

ריינעם „ברכי נפשי" און זאָגט „זה כפרתי זה חליפתי", ווי עס געהער צו זיין... וואָס? אפשר נישט אַזוי?... נאָר שאַ. איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך האָב אויף זיך אַ ציג. אַ גוטן טאָג, רב דאַדיע, חזק, חזק ונתחזק — זייט מיר געזונט און שטאַרק און מאַכט וואַרעניקעס.

דאַדיע:

פאַרגעסט־זשע נישט, אם ירצה השם, צוריקוועגס, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, למען השם, זיך אָפּשטעלן ביי מיר.

שמעון־אלי:

אם ירצה השם, בלי נדר ומסקנא! אוודאי, ווי דען איז אַנדערש. איר גרייט נאָר צו, רב דאַדיע, אַ רעכט ביסל משקה. מיט פאַר־בייסן, ווי אין פסוק שטייט: אונדזער פאָלק שער און אייזן עמך! (שמעון־אלי גייט אָפּ).

דאַדיע:

וואַרט, וואַרט דו שניידערוק, דו פאַלגע, ביסט מיר עפעס היינט צו גייציק, און דו באַווייזט זיך מיר היינט צו פיל אַרויס מיט דיין תורה! וועסט שוין ביי מיר האָבן אַ ציג, וועסטו זיך קראַצן!... (פינצטער, מוזיק שפּילט [8]. דאַדיע און די קרעטשמע גייען אָפּ).

בילד פיר

(אין חדר)

(די מוזיק שפּילט די מעלאָדיע „אויפן פּריפּעטשיק" [9], און ריטמיש, אויף דער מעלאָדיע קומט צוערשט אַריין דער מלמד, נאָך אים גייט אַ חדר־ייִנגל, וואָס טראָגט מיט ביידע הענט אין דער הויך דעם „קאַנטשיק"; נאָך אים טראָגט אַ חדר־ייִנגל אַ שטול פאַרן רבין; דערנאָך טראָגן צוויי חדר־ייִנגלעך דעם טיש; נאָך זיי טראָגן צו צוויי חדר־ייִנגלעך צוויי לאַנגע בענק און אינעם ריטעם פון דער מוזיק שטעלן זיי לויט דער ריי דאָס חדר צוזאַמען — זעצן זיך, צוערשט דער רבי, דערנאָך די ייִנגלעך).

מלמד:

(זינגענדיק).

אַלע:

שיר, דאָס געזאַנג, וואָס שלמה המלך האָט געזונגען, השירים — איז שענער און איז בעסער פון אַלע אַנדערע געזאַנגען. אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען, האָט געזונגען אַ מלך, אָדער אַ נביא, אָדער אַ חכם. דאָס געזאַנג האָט געזונגען, האָט געזונגען, אַ מלך בן מלך, אַ חכם בן חכם, אַ נביא בן נביא...

מלמד:

מענדעלע ,ווו האַלט מען ?...

מענדעלע:

(לייגט די גאַנצע האַנט, די פינגער אויסגעשפּרייט אויפן סידור) דאָ, רבי.

מלמד:

(גיט אים אַ דריי דאָס אויער) דאָ, אָ, שגץ, האַלט מען. נו, אַ מלך...

אַלע:

אַ מלך בן מלך, אַ חכם בן חכם, אַ נביא בן נביא. (שמעון־אלי קומט אַריין צוגיין).

שמעון־אלי:

אַ חכם בן חכם... אַ נביא בן נביא... אַ גוטן מאָרגן זאָל זיך אַריינ־כאַפּן, רבי, צו אייך און צו אייערע תלמידים! איך אַליין טאַקע האָב מיך מטריח געווען אַהער צו אייער זוגתי מרת טעמע־גיטל, מכח אַ ציג הייסט דאָס; דהיינו, איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט, נאָר מיין ווייב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רויזע, הייסט דאָס, האָט זיך איינגעשפּאַרט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל: הכצעקתה — זי וויל אַ ציג! און אַ ווייב זאָגט איר דאַך, באַדאַרף מען פאָלגן, ס׳איז דאָך אַ בפירושע גמרא: אַסקאַקורדע דבאַרבאַנטע, דפאַרשמאַכטע, דקאַרנאַסע... וואָס קוקט איר מיך אָן? איך בין שמעון־אלי חייט מק״ק זלאַדאַיעווקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שול, כאָטש איך דאַרף עס אויף כפרות, לא מעקצך ולא מדוקצך — איך בין אייך מוחל, זאָג איך צו זיי, דעם כבוד און איך וויל נישט קיין פּעטש! זאָגן זיי: בלאָטע! אַז צעך טוט אַפּ, איז פאַרפאַלן; שמלה לך, קצין תהיה לנו — פּעטש זאָלסטו כאַפּן און גבאי זאָלסטו זיין!... איך האָב מיך אַ ביסל פאַררעדט און שיער נישט פאַרגעסן אייך אָפּגעבן שלום. שלום עליכם אייך, רבי! שלום עליכם, אייך, קינדער, צאן קדושים, שקצים ורמשים, קונדייסים, עכברושים! סע זאָל זיך

אייך אַזוי וועלן טאַנצן, ווי איר ווילט לערנען. א יאָ, איך האָב געטראָפן ?...

מלמד:

טעמע־גיטל !... טעמע־גיטל ! קום נאָר אַריין !

טעמע־גיטל:

(קומט אַריין) וואָס איז שוין ווידער, וואָס ? !...

שמעון־אלי:

אַ גוטן מאָרגן אייך, טעמע־גיטל !

טעמע־גיטל:

אַ גוטן מאָרגן, אַ גוט יאָר.

שמעון־אלי:

איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ ייד אַ בעל־מלאכה. אפשר האָט איר געהאָרכט פון מיר — איך בין שמעון־אלי חייט מק״ק זלאָדאָיעווקע, געקומען בין איך הייסט דאָס צו אייך טאַקע מכח איינער פון אייערע ציגן, דאָס הייסט, איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט, נאָר אַזוי ווי מיין ווייב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רויזע הייסט דאָס, האָט זיך איינגעשפּאַרט: הכצעקתה — איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ ציג ! און אַ ווייב, זאָגט איר דאָך, באַדאַרף מען פאָלגן, ס'איז אַ בפירושע גמרא...

טעמע־גיטל:

זייט איר געקומען, הייסט עס, צו מיר אָפּהאַנדלען ביי מיר איינע פון מיינע ציגן ? וועל איך אייך זאָגן אַזוי, מיין ליבער ייד: ערשטנס, האַלט איך נישט ביי פאַרקויפן קיין ציג, וואָרום, לאָמיר זיך נישט נאַרן, צו וואָס זאָל איך דאָס טאָן, צוליב געלט ? וואָס איז געלט ? געלט איז קיילעכדיק ! געלט גייט אַוועק און אַ ציג בלייבט אַ ציג, ובפרט נאָך אַזאַ ציג ! ס'איז דען אַ ציג ? אַ מאַמע, זאָג איך אייך, נישט קיין ציג ! קיין עין הרע, איר גרינג מעלקן זיך, איר מילך געבן ! היינט איר עסן, וואָס זי עסט ! זי עסט דען עפּעס ? איין מאָל אַ טאָג אַ „פּילע״ פון קלייען, און דאָס איבעריקע שטרוי פונעם דאַך פון בית־המדרש... נאָר גאָרנישט, אויב מען זאָל מיר באַצאָלן אַ רעכטן מקח, בין איך מיך מיישב: געלט איז, ווי זאָגט איר, אַ יצר־הרע, פאַר געלט קען איך קויפן אַן אנדער ציג, כאָטש אַזאַ ציג ווי מיין ציג איז שווער צו קריגן. ס'איז דען אַ ציג ? אַ מאַמע, נישט קיין ציג. נאָר שאַ ! וואָס טויג

ווערטער? טאַ פירט איך אַריין די ציג, וועט איר זען!... (טעמע־גיטל פירט אַריין די ציג און האַלט אַ טאָפּ מילך אין דער האַנט).

שמעון־אלי:

זאָגט־זשע מיר, מיין ליבע יידענע, מה יקר? דאָס הייסט, כמה מעלות טובות — וויפל קענט איר זיך הייסן אָנמעסטן פאַר אייער ציג, אַ שטייגער?

טעמע־גיטל:

וואָס שייך וויפל? זאָגט איר אייער מקח, לאָמיר האַרכן! דאָס קען איך אייך זאָגן: הערט איר? אַז וויפל איר וועט באַצאָלן, האַנדלט איר אַ מציאה! ווייסט איר, פאַרוואָס? וואָרום, אַז איר קויפט אָוועק ביי מיר די ציג, האָט איר אַ ציג...

שמעון־אלי:

הערסטו! אַט דערפאַר וויל איך דאָך זי קויפן, וואָס זי איז אַ ציג, נישט קיין פּיפּערנאָטער!

טעמע־גיטל:

הערסטו! דאָס זאָג איך דאָך: אַ מאַמע, נישט קיין ציג...

שמעון־אלי:

איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט...

טעמע־גיטל:

זי עסט דען עפּעס, אַ פּילע פון קלייען...

שמעון־אלי:

זי האָט זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: הכצעקתה...

טעמע־גיטל:

און וואָס איז געלט? געלט איז קיילעכדיק, און דאַן אָן עין הרע, איר גרינג מעלקן זיך.

שמעון־אלי:

אויף ניינציק כפּרות, נאָר ציפּע־ביילע־רויזע הייסט עס...

טעמע־גיטל:

זי עסט דען עפּעס?

שמעון־אלי:

הכצעקתה — איין מאָל פאַר אַלע מאָל: הכצעקתה.

טעמע־גיטל:

דאָס זאָג איך דאָך, דאָס איבעריקע — שטרוי פונעם דאַך פון בית־המדרש...

שמעון־אלי:

און אַ ווייב באַדאַרף מען פּאַלגן.

טעמע־גיטל:

ס'איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיין ציג...

מלמד:

טאַמער וואָלט שוין געווען געגוג אייך צו ציגן, טאַמער. האָסטו געהערט אַ ביסל? ציג־ציג! ציג־ציג! ממה־נפשך, אָדער פּאַרקויף זיי די ציג, אָדער פּאַרקויף זיי נישט די ציג. ציג־ציג! ציג־ציג! ס'ציגט מיר שוין אין קאָפּ, ציגט מיר!

שמעון־אלי:

גערעכט! ווּ תורה, דאָרט איז חכמה! ממה נפשך, וואָס דאַרף מען דאָ לאַנג רעדן? לי הכסף ולי הזהב — מיין געלט, אייער סחורה. זאָגט שלושה דברים — ווי אין מחזור שטייט געשריבן: מעכאַספּעס מיפּאַצאַפּצים איז דער פּשט...

טעמע־גיטל:

וואָס טויג מיר אייער פּשט? איר זאָגט מיר בעסער, וואָס גיט איר מיר פאַר דער ציג?

שמעון־אלי:

וואָס הייסט איך זאָל זאָגן? וואָס בין איך פאַר אַ זאָגער, וואָס? איך זע, אַז ס'איז אל תקשו לבבכם — אַרויסגעוואָרפן מיין טרחה. איך וועל ביי אייך, אַ פּנים, היינט קיין ציג נישט קויפן! האָט קיין פאַריבל נישט, וואָס איך האָב אייך דאַקוטשעט!...

טעמע־גיטל:

זעט נאָר זעט! וואָס האָט איר אַזוי קיין צייט נישט, דער טייך ברענט? עפּעס האָט איר דאָך אָנגעהויבן רעדן מכח אַ ציג... 25 רענדלעך קענט איר געבן?

שמעון־אלי:

15, ככתוב...

טעמע־גיטל:

וואָס?! ווײ איז מיר!... ס'איז דען אַ ציג? ס'איז דאָך אַ מאַמע.

שמעון־אלי:

ווער דאַרף אַ ציג ווער? נאָר גאָרנישט, ווי אין פּסוק שטייט...

טעמע־גיטל:

וואָס טויג מיר אייער פּסוק, גיט מיר 20 רענדלעך און זאָל זיין מיט מזל און מיט ברכה.

שמעון־אלי:

הייסט עס 20 רענדלעך. (קראַצט זיך אין קאַרק) נאַ, זאָל זיין מיט מזל! (גיט איר דאָס געלט).

טעמע־גיטל

(באַשפּייט דאָס געלט און גיט אים דעם שטריק פון דער ציג) גייט געזונט, און זייט געזונט, און פאַרנוצט געזונט, און לאָז גאָט געבן, זי זאָל זיין ווי געוועז ביז אַהער, נישט ערגער — בעסער האָט קיין שיעור נישט, און זי זאָל זיך ביי אייך האַלטן און האַלטן מעלקן און מעלקן, און נישט אויפהערן זיך מעלקן.

שמעון־אלי:

אמן, גם אתם. אנו, ציגעלע, קום!

ציג:

מהה פשעי!... ומהההה חטאתי!... ווּוהין שלעפּט איר מיך? מעעעע, כ'וויל נישט גיין.

שמעון־אלי:

העי, העי, נו, נו, קום!

טעמע־גיטל:

נו, ציגעלע, ריר זיך!... (זי שטופּט די ציג)

מלמד:

(שטופּט טעמע־גיטלען) העי קאַזע! קאַזע פּאַשאָל!...

חדר־יינגלעך:

(אַלע העלפן אונטער שטופּן) פּאַשאָל!... פּאַשאָל!...

ציג:

מעעע!!!... כ'וויל נישט גיין!... מהההה פשעי!... מההה חטאתי!...

(אַלע גיבן אַ פּעסטן שטופּ, די ציג מאַכט אַ שריט און אַלע פאַלן אום, בלויז שמעון־אלי גייט אָפּ מיט דער ציג זינגענדיק — די מוזיק שפּילט „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל" [9] אַלע גייען אָפּ לויט דער ריי. צוערשט טעמע־גיטל, דערנאָך דער מלמד, דערנאָך די חדר־יינגלעך אויף דעם זעלבן אופן, מיטן קאַנטשיק, בענקלעך און טיש, ווי זיי זענען אַריינגעקומען).

(די מוזיק שפּילט [10]. שמעון־אלי גייט זינגענדיק און טאַנצנדיק, די ציג צוגעבונדן צום גאַרטל. ער קומט אַרויף אויף דער בינע — אייניקעביימער קומען אים אַנטקעגן,, פּונקט ווי אין דריטן בילד).
(די ציג בלייבט שטיין און וויל נישט גיין).

שמעון־אלי:

נו, ציגעלע, פאַרוואָס גייסטו נישט?

ציג:

כ׳וויל נישט ר׳ שמעון, כ׳וויל אַהיים, מעעע!!!...

שמעון־אלי:

איי ציגעלע, נישט שיין, נישט שיין!... שעם זיך! עס שטייט ביי אונדז: בעל כרחו אתה חי — איבער נויט שלעפּסטו אויף זיך דעם גלות, מעגסט יאָ וועלן, נישט וועלן — מ׳פרעגט ביי דיר קיין עצות נישט. איך בין אויך אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, געווען אַ פריי פייגעלע, אַ בחור כהלכה — אַ פיינער, אַ יונג מיט אַ קאַמזויל און מיט סקריפּקעס, טשאַקענדיק און קנאַקענדיק; וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגען? קאַפּוויטאָג? האָט גאָט געזאָגט: לך לך מארצך — קריך, שמעון־אלי, אין זאַק אַריין! האָב חתונה פאַר ציפּע־ביילע־רויזען! ווער פאַרשוואַרצט אויף דיינע יאָר און טעג. כי לכך נוצרת — דערויף ביסטו אַ שניידער!

ציג:

רב שמעון־אלי, כ׳וויל אַהיים מעעע, מעעעע!!!...

שמעון־אלי:

וווּ ווילסטו גיין, אין חדר אַריין? קענסט כאָטש לערנען?

ציג:

יאָ, מעעע!!!

שמעון־אלי:

אויב אַזוי, טאָ זאָג־זשע טאַקע סגל מם ווי מאַכט?...

ציג:

מעעע!...

שמעון־אלי:

נאָך אַמאָל אַזוי.

ציג:

מעעע!...

שמעון־אלי:

(זינגענדיק) אָט אַזוי, אָט אַזוי, אָט אַזוי לערנט אַ ציגעלע תורה. אָט אַזוי, אָט אַזוי... הער נאָר אויס, שמעון־אלי, יאָלד איינער! וואָס האָסטו דיך אַזוי צעזונגען אויפֿן ניכטערן האַרצן? שוין באַלד נאַכט, און דו האָסט נאָך אין דיין מויל נישט געהאַט, אַחוץ צוויי גלעזלעך בראָנפֿן! הײנט האָסטו דאָך עפּעס געגעבן דיין קרוב דאָס הייליקע וואָרט, אַז צוריקוועגס, אם ירצה השם, מיט דער ציג, וועסטו זיך אָפּשטעלן ביי אים עפּעס צובייסן! געזאָגט אַ וואָרט — איז פֿאַרפֿאַלן. אַ מויל איז נישט קיין כאַליעווע! קום, ציגעלע, קום! (ער גייט מיט דער ציג זינגענדיק אָפּ. ס'קומט אַריין חוהקע, זי זעצט זיך אַוועק נעבן אַ בוים און הייבט אָן זינגען) [11].

חוהקע:

די נאַכט, זי איז אַ טונקעלע,
די נאַכט, איז חושך שוואַרץ,
און איך האָב ליב אַ שגץ,
אוי ס'טוט וויי דאָס האַרץ.

די מאַמע לאָזט נישט נעמען,
די מאַמע וויינט און קלאָגט,
און איך האָב ליב אַ שגץ —
אַזוי פֿאַרגייט דער טאָג.

וואָלט ווער געהאַט רחמנות
און זיך פֿאַר מיר געמיט,
אוי גאָט, אַז מיין וואַסילי
זאָל ווערן אַ פֿרומער ייד.

וואַסיל:

(קומט אַן מיט דערווענדקע) חוהקע, איך זוך דיך, און זוך, און ביסט נישטאָ.

חוהקע:

אַך, וואַסיל, ס'איז אַזוי קאַלאַמוטנע אויפֿן האַרצן, כ'וואָלט וועלן וויינען (וויינט).

וואַסיל:

ביסט אַ שוטה, חוהקע. צו וואָס וויינען? זעסט חוהקע, אַז מיין טאַטן ווערט קאַלאַמוטנע אויפֿן האַרצן, גייט ער צו דיין טאַטן אין דער קרעטשמע, מאַכט אַ כוסע, און נאָך אַ כוסע, און אַז ס'איז נאָך נישט גוט, מאַכט ער נאָך אַ כוסע, און שוין... זעסט, חוהקע, אַז מיר ווערט קאַלאַמוטנע אויפֿן האַרצן, נעם איך, זעסט, דאָס־אָ (ווייזט די ווענדקע צו כאַפּן פיש) און איך זעץ זיך אַוועק ביים טייך און איך כאַפּ פיש און... און...

חוהקע:

און וואָס וואַסילי?

וואַסיל:

און כ'זינג... יאָ... און אַז ס'איז נאָך נישט גוט, שפּיל איך... און אַז ס'איז נאָך נישט גוט דאַן...

חוהקע:

דאַן וואָס וואַסילי?

וואַסיל:

דאַן... דאַן... דאַן וויין איך או... או... (וויינט)

חוהקע:

ביסט אַ שוטה, וואַסילי, צו וואָס וויינען? מיין מאַמע, אַז עס ווערט איר קאַלאַמוטנע אויפֿן האַרצן, זאָגט זי — „גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק און פֿון יעקבֿ", און אַז ס'איז נאָך נישט גוט, זינגט זי: (זינגט) „די רעדער דרייען זיך, די יאָרן גייען זיך, און איך בין שוין אַלט, גרייז און גראָ". דער טאַטע הערט, אַז די מאַמע זאָגט „גאָט פֿון אברהם" און זינגט, ווערט אים קאַלאַמוטנע אויפֿן האַרצן, זאָגט ער הלל: „אוי, מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון: להושיבי עם נדיבים, עם נדיבי עמו: מושיבי עקרת הבית — אם הבנים שמחה הללויה": די מאַמע זינגט און דער טאַטע זאָגט הלל. און איך זיץ און... און...

וואַסיל:

און וואָס, חוהקע ?

חוהקע:

און איך וויין או... (וויינט)

וואַסיל:

חוהקע, ביסט אַ שוטה, חוהקע צו וואָס... אוי!!!...

חוהקע:

וואַסיל, אוי, וואָס ?

וואַסיל:

אַ פיש!

חוהקע:

דאָס איז אַ פיש ? שוטה! כאַ־כאַ־כאַ! ס'איז אַ זשאַבע.

וואַסיל:

און איך האָב געמיינט, אַז ס'איז אַ פיש, ווייסט חוהקע, אַז איך וועל כאַפּן אַ גרויסן פיש, וועסטו אים באַקומען, אַ מתנה פון מיר אויף שבת.

חוהקע:

זעסט, וואַסיל, וואָלסט געווען אַ ייד, וואָלסטו געקענט אַלע שבת עסן יידישע פיש. (זינגען)

וואַסיל:

קום חוהלע זיך שפּילן,
נו, גיכער נישט געקלערט.
איך וועל זיין דער טרייבער
און דו וועסט זיין דאָס פערד.

חוהקע:

איך דיין פערד זאָל ווערן ?
וועט קיינמאָל נישט געשען.
דו רעדסט אַזוי, אַנטלויף איך
און לאָז דיך דאַ אַליין.

וואַסיל:

איך האָב פאַר דעם נישט מורא,
מעגסט לויפן ווי געשווינד,
ווען עס קומט צום לויפן
בין איך שנעלער ווי דער ווינט.

חוהקע:

נאָך איידער דו נעמסט לויפן,
פליוד — איך בין אין טייך
און ווער מיר דאָרט אַ פישל,
מיט אַלע פיש צוגלייך.

וואַסיל:

דו מעגסט אַ פישל ווערן,
מעג זיין דער טייך ווי גרויס,
איך ווער אויף גיך אַ פישער,
און נעם דיך באַלד אַרויס.

חוהקע:

איך ווער אַ רויז געבוירן
מיט דערנער לעבן זיך,
און ווסטו מיך באַרירן
צעשטעכן וועל איך דיך.

וואַסיל:

געבענטשט זאָל זיין די רגע,
ווען דו וועסט זיין אַ רויז.
ווער איך גלייך אַ בין געבוירן
און זויג דיין האָניק אויס.

חוהקע:

איך זע דו ביסט אַ גוטער,
נו גיכער נישט געקלערט —
דו וועסט זיין דער טרייבער
און איך וועל זיין דאָס פערד.
(שמעון־אלי קומט אַן זינגענדיק [12] און טאַנצנדיק מיט דער ציג).

חוהקע:

גיב אַ קוק, שמעון־אלי, דער שניידער, גייט מיט דער ציג!

ביידע:

שלום־עליכם אייך, רב שמעון־אלי.

שמעון־אלי:

שלום־עליכם ועל בניכם — קינדער, אַ געזונט אייך אין די ביינער,
ווי אין פסוק שטייט... עה, וווּ איז דער טאַטע, חוהקע?

חוהקע:

אין דער קרעטשמע, רב שמעון.

שמעון־אלי:

חוהקעלע, ווערסט אַ ביסל האַלטן די ציג — איך מוז זיך זען מיטן טאַטן. גלאַט דאַרף אַ ייד מאַכן אַ ברכה „שהכל נהיה בדברו״ און טאַקע עפּעס צובייסן אויך, ווי אין דער מגילה שטייט: אין קוצים בפרוצים — פאַרן עסן גייט קיין טאַנץ נישט. נו, חברה גיט אַכ־טונג אויף דער ציג. (גיט חוהקען דעם שטריק און גייט אַפּ). (חוהקע נעמט דעם שטריק, איינרוימענדיק וואַסילין אַ סוד —ביידע צעלאַכן זיך).

ביידע:

(גייען זינגענדיק [13] אַפּ מיט דער ציג).
פירט מען די כלה צו דער חופּה,
פירט מען דעם חתן צוריק.
פירט מען די כלה צו דער חופּה,
נישטאָ שוין מער קיין ציג.
שמעון־אלי, אוי ווי ביסטו,
ציפּע־ביילע־רויזע,
נישטאָ שוין מער קיין ציג,
אַוועק איז נעבעך דאָס גליק.

שמעון־אלי:

(קומט אַן זינגענדיק — עס גייען אַפּ די ביימער און עס קומט אַן די קרעטשמע)

אַ גוטן אָוונט אייך, מיין ליבער קרוב רב דאַדיע, איך קען אייך אָנזאָגן אַ בשורה, מזל טוב, עם לבן גרתי — איך האָב שוין איינ־געהאַנדלט אַ ציג, אָבער אַ ציג פון ציגנלאַנד, אַ ציג אשר לא ציגונו אבותינו! איר מעגט זי אָנקוקן, און זאָגן אייער מבינות — איר זענט דאָך עפּעס אַ יודע־ספר! חוהקע, חוהקע!... (חוהקע און וואַסיל קומען אַן מיט אַ ציגנבאָק זינגענדיק: „פירט מען די כלה צו דער חופּה, פירט מען דעם חתן צוריק).

חוהקע:

רב־שמעון־אלי, דאָ האָט איר צוריק אייער „ציג״. (זי גיט אים דעם שטריק פונעם ציגנבאָק).

שמעון־אלי:

אַנו, רב דאָדיע, טרעפט, כמה לקו במצרים — וויפל האָב איך גע־דאַרפט משלם זיין?

דאָדיע:

נו, אַן ערך... אַן ערך לאָמיר זאָגן... לאָמיר זאָגן אַ 40 רענדלעך.

שמעון־אלי:

רב דאָדיע סערדצע! געזונט זאָלט איר מיר זיין, צדקת כדברך — איר האָט היינטיקס מאָל דווקא נישט געטראָפן. אַזוי פיל גליקלעכע יאָר אונדז ביידן!

דאָדיע:

כאַ־כאַ־כאַ!... פו־פו־פו!... אַ מציאה!... אַ מציאה פון אַ גנב!

שמעון־אלי:

נו, רב דאָדיע? וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, עמך? פאַרשטייען מיר אַן עסק? האַ? איר זאָלט נאָך זען, קיין עין־הרע, ווי זי מעלקט זיך, וואָלט איר אַ מיתה משונה איינגענומען דאָ אויפן אָרט!

דאָדיע:

אַ מיתה משונה נעמט שוין בעסער איין אַליין!

שמעון־אלי:

אמן, גם אתם! עה, ר׳ דאָדיע, אַז דער צער פון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס, איז גיסט אַן, זייט מוחל פון יענעם גרינעם פלעשל, און לאָמיר נעמען צו קאַפּעלעך שפּירט, און לאָמיר זיין געזונט. ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט. (דאָדיע גיסט אָן אַ גלעזל מיט בראָנפן און שמעון־אלי מאַכט אַ ברכה).

דאָדיע:

אמן! (ער גיסט אים אַן נאָך אַ גלעזל, שמעון־אלי טרינקט).

שמעון־אלי:

רב דאָדיע, (שיכורלעך) מיין ווייב זאָל לעבן, ציפּע־ביילע־רויזע הייסט עס, זאָגט, אַז איך בין אַ שלימזלניק — נאָר ווער הערט אַ ווייב? עפּעס האָב איך דאָך אַ שטיקל דעה. ביי אונדז אין דער הייליקער תורה שטייט געשריבן: והוא ימשול בך — איר ווייסט דעם פּשט פון די דאָזיקע ווערטער? ס׳איז דאָך צוקער־זיס! דער מאַן הייסט דאָס, ימשול — זאָל טוען טאָן געוועלטיקן!... נאָר וואָס דען? החילות לנפול נפול תפול — איר האָט אָנגעהויבן גיסן, גיסט שוין אַן נאָך אַ ביסל בראָנפן, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט: אָס־

קאַרקורדע, דבאַראַבאַנטע... (טרינקט) איי, דאַכט זיך עס איז שוין שפּעט, מען מוז זיך לאָזן אין וועג אַריין. קום, ציגעלע קום, מ׳קעז נאָך פאַרשפּעטיקן. רב דאַדיע, האָט מיר אַ גוטן טאָג.

דאַדיע:

גייט מיר געזונט.

שמעון־אַלי:

אמן, גם אתם, ווי אין פּסוק שטייט. (זינגט, גייט אָפּ שיכורלעך) [12].

בילד זעקס

(שטוב פון שמעון־אַלי, ווי אין בילד 2. ציפּע־ביילע־רויזע קניט ביים אויוון, בלאָזט און בלאָזט... שטעלט זיך כעסדיק אויף).

ציפּע־ביילע־רויזע:

לאָז ער מיר נאָר אַ היים קומען!... מנאָ!... אַ שלים־מזל גייט אַוועק! און... און אפשר האָט זיך אים חלילה אַן אומגליק גע־טראָפן. אָדער... אָדער גזלנים זענען אויף אים אָנגעפאַלן און צו־גענומען די עטלעכע קערבלעך, און אים געקוילעט און ערגעץ אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב, וויי איז מיר!... וויי איז מיר און צו מיינע יאָרן, און איך בין חס ושלום געבליבן אַן אייביקע עגונה — מיט קיין עין הרע אַזוי פיל קינדער, כאָטש נעם וואַרף זיך אַריין, שונאי־ציון, מיט זיי אין טייך. רבונו של עולם, ווו איז רחמנות?... (הייבט אָן וויינען, שנייצט די נאָז). זאָל ער מיר נאָר אַהיים קומען דער שלים־מזל מיינער, וועל איך אים שוין ווייזן, וועל איך. (שמעון־אַלי קומט אָן מיט דער ציג [14], ציפּע־ביילע־רויזע דערזעט אים. זיס־האַרציק צו שמעון־אַלין) וואָס אַזוי לאַנג, דו קאַנאַריקל מיינס, מאַנדל־בייגעלע? איך האָב דאָך געמיינט, ביסט שוין חלילה אין ד׳ערערד אַריין, שיינער תכשיט מיינער, אָדער אַזוי עפּעס אַן אומגליק געטראָפן, חס ושלום.

שמעון־אַלי:

הערסטו, מיין ווייב, האָב איך דיר געקויפט אַ ציג — פון ציגנלאַנד; אַז עסן עסט זי מכות, סך־הכל איין מאָל אין טאָג אַ „פּיל" פון קלייען און דאָס איבעריקע — אַ ביסל שטרוי פונעם דאָך פון בית־המדרש; און מילך גיט זי, קיין עין־הרע, ווי אַ קו, מעלקט זיך

צוויי מאָל אין טאָג — איך האָב אַליין געזען אַ פול מעלק־שעפל, ס׳איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיין ציג! אַ מציאה פון אַ גנב, כ׳לעבן.

ציפּע־ביילע־רויזע:

נחמה־ברכה, אַ מכה איר אַ גרויסע! זי מיינט, אַז נאָר זי איז אַ באַלעבאַסטע, נאָר זי האָט אַ ציג, ווייטער קיינער נישט! איך האָב מורא, אַז ס׳וועט איר אַרויס די אויגן, אַז זי וועט דערזען, אַז ציפּע־ביילע־רויזע, שמעון־אליס ווייב האָט אויך אַ ציג. (די קינדער קומען אַריין). קינדערלעך טייערע, מיר האָבן אַ ציג, און איצט קינדערלעך וועט מען קאָכן לאָקשן מיט מילך (נעמט דעם שטריק פון שמעון־אלין און גייט אָפּ מיט דער „ציג”. שמעון־אלי גייט צו צו זיין שניידער־טיש — די קינדער הייבן אָן זינגען און טאַנצן) [15].

קינדער:

כ׳האָב פאַר אייך אַ מעשהלע,
אַ מעשהלע גאָר שיין.
דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
געקויפט פאַר צוויי גילדן.

אַ ציגעלע אַ ווייסינקע,
אַ שיינינקע ווי גאָלד,
און צוויי גילדן מזומענע
האָט ער פאַר איר באַצאָלט
חד גדיא, חד גדיא.

איז דאָך אין הויף אַ קאַץ געווען,
אַ מזיק ווי באַוווסט,
האָט קעצל זיך פאַרצוקן גאָר
דאָס ציגעלע פאַרגלוסט.

דערזען האָט דאָס הינטעלע,
פאַרדריסט עס אים גאַנץ שטאַרק,
וואַרפט זיך אויף דער בייזער קאַץ
און בייסט איר אין דעם קאַרק.
חד גדיא, חד גדיא.

קומט שטעקעלע אין כעס אַריין
און טראַכט גאָר נישט קיין סך
און שפּאַלט דאָס קעפּל הינטעלען,
דו, הונט, ס'איז נישט דיין זאַך.

צעפּלאַקערט האָט זיך פייערל
פאַר כעס צונטער רויט —
דו שטעקעלע, דו פלעקעלע
איך מאַך דיר באַלד דעם טויט —
חד גדיא, חד גדיא.

אַ ציג, אַ ציג, אַ ציגעלע,
דער טאַטע האָט געבראַכט.
די מאַמע וועט לאַקשן מאַכן,
מיר וועלן זינגען, טאַנצן, לאַכן.

שמעון־אלי:

קינדער נעבעך, זשעדנע נאָך אַ ביסל מילך... נישקשה, איר וועט שוין הייַנט, אם ירצה השם, זיין זאַט... אַלע טאָג אַ גלעזל מילך, און קאַשע מיט מילך, און צו דעם, טיי מיט מילך. אַ ציג איז טאָקע אַ געזונט אין די ביינער!...

ציפע־ביילע־רויזע:

(קומט אַריין שטאַרק כעסנדיק מיטן ליידיקן טעפּל). דעם טאַטן דיינעם, דעם שיכור זאָל עס אַרויסוואַרפן און אַריינוואַרפן! אַ שטיין, אַ ביין זאָל פון דיר ווערן! כף־הקלע זאָלסטו גיין! געשאָסן זאָלסטו ווערן פון אַ ביקס! הענגען און טרינקען, ברענען און בראָטן, שניידן און בראַקן! גיי זע, דו גזלן, דו רוצח, דו משומד איינער, וואָס פאַר אַ ציג דו האָסט מיר געבראַכט! אַ וויסטער, אַ פינצטערער חלום אויף דיין קאָפּ און אויף דיינע הענט און פיס, רבונו של עולם, זיסער פאָטער, האַרציקער געטרייער!...

שמעון־אלי:

(וועלכער איז געבליבן די גאַנצע צייט ווי צעמישט, נישט געוווסט, וואָס ס'איז געשען, כאַפּט זיך...) תמות נפשי עם הפלישתים — ס'וועט אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין, דעם מלמד מיט דער מלמדקע! זיי האָבן געפּונען, מיט וועמען צו

טרייבן קאַטאַוועס! איך וועל זיי געבן אַ קאַטאַוועס, וועט זיי זיין וויסט און פינצטער! דאַכט זיך גאָר אַ נעבעכל, אַט דער מלמד, מישט זיך כלומרשט נישט אין געשעפט, אָבן צום סוף אַזאַ מעשה! נישט אומזיסט האָבן די תלמידים געכיכיקעט, בשעת דער רבי האָט מיך אַרויסגעמשלחט מיט דער ציג און די רביצין האָט מיר צוגע־ווינטשוועט, זי זאָל זיך מעלקן און מעלקן... איך וועל זיי געבן אַ מעלקן! איך וועל ביי זיי אַרויסמעלקן דאָס דם־התמצית פון די קאַזעדאַיעווקער כלי־קודש, טונעיאַדצעס, קאַטאַוועסטרייבער!...
(מוזיק שפּילט[16], שמעון־אלי גייט אַפּ מיט דער ציג).

בילד זיבן

(אויפן פּאָן אַ מיל מיט אַ פּלויט פון אַ גאָרטן)

וואַסיל:

מודה אני לפניך מלך חי וקים שהח... שהח... שוין אַלץ געקענט און ווידער פאַרגעסן. איי, וואַסיל, וואַסיל... און דו ווילסט ווערן אַ ייד? האָסט אַ גויישן קאָפּ. שוין אַלץ געקענט... נאָך אַ מאָל: מודה אני לפניך מלך חי וקים שהח... שהח... אַז דער טייוול!... חוהקע!... חוהקע!...

חוהקע:

(אַנקומענדיק) וואָס שרייסטו אַזוי? מען קען נאָך טויב ווערן.

וואַסיל:

אַלץ פאַרגעסן.

חוהקע:

וואָס אַלץ פאַרגעסן?

וואַסיל:

נו, מודה אני...

חוהקע:

האָסט אַ גויישן קאָפּ, וואַסיל.

וואַסיל:

נע דאָברע, נישט גוט, חוהקע (וויינט).

חוהקע:

וואָס וויינסטו, שוטה?

וואַסיל:

נו, וועסט נישט וועלן מיט מיר חתונה האָבן.

חוהקע:

שווייג בעסער, וויין נישט. דאָ האָסטו אַ טלית־קטן, אפשר וועסטו באַקומען אַ יידישן קאָפּ און וועסט זיך שנעלער אויסלערנען (טוט אים אָן דעם טלית־קטן) און איצט אַ ברכה.

וואַסיל:

שוין ווידער אַ ברכה, סאָראַ ברכה?

חוהקע:

כ׳ווייס נישט, כ׳וועל פרעגן דעם טאַטן. וואַסיל?

וואַסיל:

וואָס, חוהקע?

חוהקע:

פּאות מוזטו דיר אויך לאָזן וואַקסן, הערסט, וואַסיל? אַ ייד מוז האָבן פּאות... און אַז דו וועסט ווערן אַ ייד, וועסטו האָבן שיינע געדרייטע פּאהלעך... וואַסיל וועסטו נישט מער הייסן, דאָס איז גוייש... דן, יאָ, דן וועסטו הייסן. אַזוי ווי אינעם ליד, וואָס איך זינג שטענדיק. און דו שפּילסט מיר צו:[17]

דן האָט צוויי פּאהלעך שוואַרצע
און דאַניאַ צוויי גאָלדענע צעפּ,
דן איז דער עילוי אין שטעטל
און דאַניאַ די מלכה פון סטעפּ.

וואַסיל:

חוהקע, וואָס זאָל איך טאָן מיט די שטריקלעך?

חוהקע:

דאָס זענען נישט קיין שטריקלעך, וואַסיל, דאָס זענען ציצית.

וואַסיל:

וואָס איז דאָס ציצית?

חוהקע:

ביים דאַווענען קושט מען די ציצית.

וואַסיל:

חוהקע, ווען וועל איך מעגן דיר אַ קוש געבן?

חוהקע:

אַז דו וועסט זיין אַ ייד.

ווּאַסיל:

און ווען וועל איך זיין אַ ייִד?

חוהקע:

דער טאַטע מיינער זאָגט, אַז דו מוזט ערשט גיין צום רב און צו דער מאַמען האָט ער געזאָגט, אַז מען מוז ערשט מאַכן אַ סעודה.

ווּאַסיל:

וואָס מוז מען מאַכן?

חוהקע:

האָסט אַ גויישן קאָפּ, וואַסיל. נו, אַ סעודה... מ׳וועט באַדאַרפן, זאָגט ער צו דער מאַמען, מ׳וועט באַדאַרפן שניידן...

ווּאַסיל:

וואָס וועט מען באַדאַרפן שניידן?

חוהקע:

אַט, דאָס איז עס טאַקע, וואָס כ׳ווייס נישט. כ׳האָב געפרעגט דעם טאַטן, האָט ער געזאָגט, איך זאָל מיר אָפּווישן די נאָז, ס׳איז נישט מיין עסק.

ווּאַסיל:

(נעמט זי אַרום) גיב מיר אַ קוש, חוהקע.

חוהקע:

(רייסט זיך אַרויס און אַנטלויפט) ניין!

ווּאַסיל: [18]

חוהלע דו מיינע, חוהלע דו שיינע, קום מיט מיר!

חוהקע:

ניין, ליבסטער, ניין, איך וויל נישט גיין.
מענטשן האָבן צינגער, טייטלען מיט די פינגער.
כ׳וויל נישט גיין.

(שמעון-אלי קומט אַן מיטן ציגנבאָק) [7] שלום-עליכם, רב שמעון-אלי!

שמעון-אלי:

שלום-עליכם ועל בניכם, ווי אין פסוק שטייט. השכיבנו לשלום — די ציג איז דאָ... וועסט גוט זיין, קינדלעבן, צוהיטן אַ ביסל די ציג (גיט איר דעם שטריק מיטן ציגנבאָק) און איך וועל זיך אַריינכאַפּן צום טאַטן אין דער קרעטשמע. ככתוב ווי אין דער מגילה שטייט געשריבן: לחיים לטובים ולשלום — מאַכן אַ שהכל, זאָלסט אויס-

ראַכטן אַ גוט יאָר, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!!!... (עס קומט אַן דאַדיע).

דאַדיע:

וואָס פֿאַר אַ שמחה אויף דיר, וואָס דו לאַכסט אַזוי?

שמעון־אלי:

שלום־עליכם, רב דאַדיע, כאַ־כאַ־כאַ!!! טוט אַ קוק אפֿשר וועט איר אויך לאַכן. (ווייזט אויפֿן ציגנבאָק) כאַ־כאַ־כאַ! ווי געפֿעלט אייך דער־אַ, אַ שטייגער?

דאַדיע:

כאַ־כאַ־כאַ!... כי־כי־כי!!! כאַ־כאַ־כאַ!!!...

(חוהקע און וואַסיל גייען אָפּ מיטן ציגנבאָק: [13] פֿירט מען דעם חתן צו דער חופּה... פֿירט מען די כלה צוריק...)

שמעון־אלי:

רב דאַדיע, אַזאַ שלאַק, מאַלט אייך, איך וועל זיי נישט שווייגן. עס וועט זיין עין תחת עין — אַ פּאַטש פֿאַר אַ פּאַטש, איך וועל זיי ווייזן, דעם מלמד מיט דער מלמדקע, איך האָב פֿיינט, אַז מען טרייבט מיט מיר אַזעלכע קאַטאָוועסלעך. אַנו, קומט און גיט, רב דאַדיע, פֿאַר האַרצווייטאָג אַ גלעזל שפּירט, וועט מען מאַכן אַ לחיים, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט! (ביידע גייען אָפּ, עס קומען אַן חוהקע און וואַסיל זינגענדיק מיט דער ציג: פֿירט מען דעם חתן צו דער חופּה, פֿירט מען די כלה צוריק...)

חוהקע:

רב שמעון־אלי, דאָ האָט איר אייער ציג!

וואַסיל:

רב שמעון־אלי, דאָ האָט איר די כלה! (ביידע לאַכן).

(שמעון־אלי קומט אַן שיכורלעך מיט דאַדיען)

שמעון־אלי:

איך וועל ווייזן, ווי אַזוי מען טרייבט קאַטאָוועס מיט צעך שער־און־אייזן, אונדזער פֿאָלק עמך!

דאַדיע:

ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז קאַטאָוועס? אפֿשר איז ביי אייך דאָרט אַרויס אַ טעות אין די רייד?

שמעון־אלי:

וואָס רעדט איר? איר ווייסט, וואָס איר רעדט? איך קום צו זיי לכתחילה קויפן אַ ציג, און רעד מיט זיי ברחל בתך הנאָקעטע: אַ ציג! זאָגט איר גאָר דאָס!...

דאָדיע:

וואָס בין איך שולדיק? איך בין אוודאי גאָט די נשמה שולדיק!...

שמעון־אלי:

(נעמט דעם שטריק מיט דער ציג פון חוהקען) עין תחת עין — אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש. איך האָב פיינט, אַז מען טרייבט מיט מיר אַזעלכע קאַטאָוועסלעך. אַ גוטן טאָג, רב דאָדיע.

דאָדיע:

אַ גוט יאָר!

שמעון־אלי:

זייט געזונט, קינדערלעך!

חוהקע—וואַסיל:

גייט געזונט, רב שמעון־אלי!

בילד אַכט

(אויפן פאָן פון דער בינע אַ הילצערן הייזל, צוויי פענצטער און אַ טיר. פאַר דער טיר אַ באַנק, ביי דער באַנק שטייט אַ מעלק־שעפל פון מילך און נאָך פאַרשידענע אַנדערע דאָרפישע מכשירים. דורכן פענצטער הערט זיך דאָס זינגעוודיקע לערנען פון די חדר־יינגלעך).

חדר־יינגלעך:

אקדמות — איידער איך הייב אָן
מילין — צו רעדן
ושריות שותא — און באַגער צו שפּרעכן,
אולא שקילנא — וועל איך צוערשט נעמען
הרמן — אַ דערלויבעניש,
ורשותא — אַ דערלויבעניש פון אויבערשטן.

(שמעון־אלי: קומט אָן מיט דער ציג און גייט צו צום פענצטער). [8]

שמעון־אלי:

(מיט אַ הויך קול) על ישראל ועל רבנו ועל תלמידיהון — אַ גוטן

מאָרגן זאָל אייך זיין, רבי מיט מיט אייערע תלמידים! איר מעגט מפסיק זיין אויף אַ מינוט, נישקשה, איר האָט מיר אָפּגעטאָן אַ רעכט שפּיצל, טאַקע אויף קאַטאָוועס, נאָר וואָס דען? איך האָב פיינט אַזעלכע קאַטאָוועסלעך! איך קום צו אייך צו גיין און קויף ביי אייך אַ ציג, גייט איר און רוקט מיר אַריין דער רוח ווייס וואָס!

מלמד:

(שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער) ס'געפעלט אייך נישט די ציג? (דורכן פענצטער קוקן אַרויס די חדר־יינגלעך).

שמעון־אלי:

די ציג זאָגט איר? ס'איז אַזוי אַ ציג, ווי איר זייט אַ גובערנאַטאָר! (די חדר־יינגלעך צעלאַכן זיך אויפן הויכן קול).

מלמד:

טעמע־גיטל!... טעמע־גיטל!... (טעמע־גיטל און דער מלמד קומען אַרויס דורך דער טיר. און די חדר־יינגלעך קוקן אַרויס דורך די פענצטער). טעמע־גיטל, געהערט אַ מעשה, די ציג געפעלט אים נישט! (חדר־יינגלעך לאַכן).

טעמע־גיטל:

וואָס רעדט איר? וואָס זאָגט איר? וואָס הייסט ס'איז נישט קיין ציג? טאַקע, ס'איז דען אַ ציג, ס'איז אַ מאַמע, נישט קיין ציג.

שמעון־אלי:

(נאָכקרימענדיק) אַ מ אַ מ ע נישט קיין ציג. אַ שיינע ציג האָט איר מיר אַריינגערוקט בשגגה, דאָס הייסט אויף אַ געלעכטער. פון אַזאַ געלעכטער, הערט איר, קען אייך אַרויסוואַקסן אַ געלעכטער אויפן פּופּיק! מיינט נישט, אַז איר האָט צו טאָן מיט גלאַט עפּעס אַ פאַלגע; איך בין שמעון־אלי חייט מק"ק זלאַדעיעווקע, חברה־מאַן אין צעך און גבאי אין שניידערשן שול, שער־און־אייזן אונדזער פאַלק עמך!

טעמע־גיטל:

געוואַלד יידן!... זיך אויסטראַכטן אַזאַ בילבול!... קומט צום רב! לאָזן כאַטש יידן זען, ווי אַ זלאַדעיעווקער שניידער טשעפּעט זיך און טראַכט אויס אַ בילבול!

שמעון־אלי:

קומט! אדרבה, לאָזן מענטשן זען, ווי ערלעכע יידן, כלי־קודש כלומרשט, דערטאַפּן אַ פרעמדן מענטשן און מאַכן פון אים אַ

האַנטשטשיערקע. קומט טאַקע איך אויך, רבי־לעבן! (דער שניידער, דער מלמד, די מלמדקע און די ציג גייען אַפּ).
(די חדר־ייִנגלעך לאַכן שקציש — ס'ווערט פינצטער).

בילד ניין

(ביים רב)

(אויפן פאַן פון דער בינע אַ פאַרהאַנג. די מוזיק שפּילט[19] — צוערשט קומט דער רב אַריין לויט דעם ריטם פון דער מוזיק, נאָך אים גייען די צוויי דיינים, נאָך זיי גייט דער שמש, וואָס טראָגן אַ רבנישן „פאָטער־שטול", שטעלט אים אַוועק אין דער מיט פון דער בינע. פאַרנייגט זיך פאַרן רב און בעט אים ווייזנדיק מיט דער האַנט זיך צו זעצן. דער רב זעצט זיך. איין דיין שטעלט זיך רעכטס און דער צווייטער לינקס. דער שמש גיט אַ צייכן ווינקנדיק מיט דער האַנט, מען זאָל אַריינקומען. צוערשט קומט אַריין שמעון־אלי מיט דער ציג און בלייבט שטיין אין איין זייט, דערנאָך קומט אַריין דער מלמד מיט דער מלמדקע און שטעלן זיך אין דער צווייטער זייט).

רב:
(זיך ווענדנדיק צו שמעון־אלין) דערצייל, זיי מוחל, און נאָכדעם וועלן זיי דערציילן.

שמעון־אלי:
הייסן הייס איך שמעון־אלי, חייט מק"ק זלאַדייעווקע, כ'האָב זיך אַוועקגעלאָזט אַהער קיין זלאַדייעווקע נאָך אַ ציג; איך בין געקומען צו רב חיים־חנה דעם גמרא־מלמד און דינג אויס ביי אים און רעד זיך אויס „ברחל בתך הנאַקעטע": אַ צ י ג, צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מען האָט ביי מיר צוגענומען די עטלעכע רענדלעך און מען האָט מיר אַריינגערוקט דער רוח ווייסט וואָס, אויף קאַטאָוועס הייסט דאָס, און איך האָב פיינט אַזעלכע קאַטאָוועסלעך.

רב:
נו, האָבן מיר אויסגעהערט איין צד, אַצינד לאָמיר הערן דעם צווייטן צד.

מלמד:

(מאַכט זיך גראַד די באָרד) שמעו נא, רבותי! די מעשה איז אַזוי געווען די מעשה: איך בין געזעסן און געלערנט מיט די תלמידים בין איך געזעסן, קומט אַריין אַט דער ייד פון זלאַדייעווקע אַט דער (ווייזט מיט דער האַנט אויף שמעון-אלין) און זאָגט, אַז ער איז פון זלאַדייעווקע זאָגט ער, און גיט מיר שלום גיט ער מיר און ער דערציילט מיר, אַז ער האָט אַ ווייב האָט ער, הייסט זי ציפּע-ביילע-רויזע הייסט זי, יאָ, ציפּע-ביילע-רויזע הייסט זי... אַזוי דאַכט זיך?

שמעון-אלי:

אמת ויציב ונכון — זי הייסט אַלע דריי נעמען: ציפּע-ביילע-רויזע, אַזוי האָט מען איר אַ נאָמען געגעבן, און אַזוי רופט מען זי פון זינט איך קען זיך מיט איר שוין פּאַוואָלינקע אַ יאָר דרייסיק, נאָר לאָמיר האָרכן, וואָס וועט איר ווייטער זאָגן, ידידי, איר פאַר-רעדט נישט די ציין! איר רעדט בעסער עסק, על הראשונים ועל האחרונים.

מלמד:

ווייטער, ווייס איך גאָרנישט. זי האָט מיט אים גערעדט, זי, זי האָט מיט אים געהאַנדלט, זי. איך ווייס גאָרנישט! אַלץ זי.

רב:

אַצינד לאָמיר האָרכן, וואָס זי וועט זאָגן.

טעמע-גיטל:

הערט שוין אויס, יידישע קינדער, די מעשה דערפון איז אַזוי: אָדער דער ייד, דער זלאַדייעווקער שניידער הייסט דאָס, זאָל מיר מוחל זיין, איז... איז אָדער אַ משוגענער, אָדער שיכור, אָדער איך ווייס אַליין נישט וואָס! איר האָט געהערט אַ מעשה? אַ ייד וויל איך זאָל אים פאַרקויפן אַ ציג ובפרט נאָך אַזאַ ציג. ס'איז דען אַ ציג? ס'איז אַ מאַמע, נישט קיין ציג.

מלמד:

און מיר זענען אַדורכגעקומען מיטן שניידער פאַרן מקח.

טעמע-גיטל:

מיינט איר וויפל? נישט מער זאָלן מיינע שונאים פאַרמאָגן, רבונו של עולם! ס'איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, נישט קיין ציג! קומט ער צו גיין, דער שניידער, מיט אַ בלבול, ס'איז נישט קיין ציג, זאָגט ער! געהערט אַזאַ מעשה?... שאַ!... ווייסט איר וואָס? אָט שטייט

זי, די ציג. גיט זייט מוחל, אַהער אַ מעלק־שעפל, וועל איך זי אויסמעלקן פאַר אייך אין די אויגן! (דער שמש גייט אַרויס און ברענגט אַ מעלק־שעפל מיט אַ קליין בענקעלע. טעמע־גיטל זעצט זיך אַוועק מעלקן די ציג).

טעמע־גיטל:

(שטייט אויף מיטן מעלק־שעפל מילך און גייט צו צום רב, ווייזט אים דאָס מעלק־שעפל מיט מילך) לאָז דער רב־לעבן זאָגן, ס׳איז דאָ מילך?

רב:

(קוקט אַריין אין מעלק־שעפל) יאָ, ס׳איז דאָ!

טעמע־גיטל:

(גייט צו צום 1־טן דיין, ווייזט אים דאָס מעלק־שעפל מיט מילך) טייערע יידן, זאָגט, ס׳איז דאָ מילך?

1־טער דיין:

(קוקט אַריין אין מעלק־שעפל) יאָ, ס׳איז דאָ!

טעמע־גיטל:

(גייט צו צום 2־טן דיין, ווייזט אים דאָס מעלק־שעפל מיט מילך) ס׳איז דאָ מילך?

2־טער דיין:

(קוקט אַריין אין מעלק־שעפל) ס׳איז דאָ!

1־טער דיין:

מ׳דאַרף קנסענען דעם זלאַדייעווקער שניידער, זאָל ער שטעלן משקה!

2־טער דיין:

קנסענען אַליין איז נאָך ווינציק — מע באַדאַרף ביי אים צונעמען די ציג!

רב:

ניין... ניין! די ציג איז ציג, לאָז ער זיך עלטערן מיט איר אין עושר און אין כבוד.

שמש:

מע באַדאַרף אים מכבד זיין מיט גוטע עטלעכע פּאַנטאָפל און אַרויסוואַרפן מיט דער ציג אין איינעם צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

רב:

שאַ!...

אַלע:

ער דאַרף שטעלן משקה!... אַרויסוואַרפן!... יאָ, משקה דאַרף ער שטעלן!... קנסענען!... קנסענען!... זאָל ער גיין צו אַלע גוטע יאָר!... עטלעכע פּאַנטאָפל... משקה!... שאַ!!!... קנסענען דעם זלאָדייעוקער שניידער... שטיל זאָל זיין!... (ס'וועלט נאָך אַ גרע־סערער ליאַרעם און געפּילדער. שמעון־אלי זעט אַזאַ מעשה, רוקט ער זיך מיט דער ציג פּאַוואָלינקע אַרויס פון רבס שטוב און מאַכט פּליטה).

בילד צען

(שמעון־אלי גייט דורך מיט דער ציג די בינע, פון דער צווייטער זייט קומען אָן אייניקעביימער און בלייבן שטיין אין דער מיט בינע). [14]

שמעון־אלי:

קום ציגעלע, קום!... שנעלער קום!... דאַנקען גאָט, וואָס כ'בין אַרויס חינם אין כסף — טרוקן אָן פּעטש... ניע מיאַלאַ באַבאַ כלאָ־פּאָטו!... (שמעון־אלי מיט דער ציג גייען אָפּ אין איין זייט, די ביימער אין דער צווייטער זייט — עס קומט אָן וואַסיל; און די מיל פון דער צווייטער זייט, בלייבן שטיין אין דער מיט פון דער בינע).

וואַסיל:

קמץ אלף — אָ, קמץ בית — באָ, קמץ גימל — גאָ, קמץ דלת — דאָ, קמץ הא — האָ, קמץ וו — וואָ, קמץ זין — זאָ, קמץ חית — חאָ, קמץ טית — טאָ, קמץ יוד — יאָ. פּתח אלף — אַ, באַ, גאַ, דאַ, האַ, וואַ, זאַ, חאַ... חוהקע!... חוהקע!...

חוהקע:

(קומט אָן) וואָס איז, וואַסיל?... עה, איך וויל זאָגן: דן, דו, ווייסט דאָך, איצט הייסטו דן.

דן:

קום אַהער, חוהקע, גיב אַ קוק, איך קען שוין: אַ, באַ, גאַ, דאַ, האַ, וואַ, זאַ, חאַ... חוהקע, גיב אַ קוש!

חוהקע:

אַ גאַנצן טאָג טוסטו גאַרנישט, נאָר דו ווילסט זיך קושן. לערן זיך

בעסער אויסזאָגן די ברכות — דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז שבת וועסטו קריגן אַן עליה, דאַכט זיך... דאַכט זיך... שלישי, האָט ער געזאָגט און אפשר גאָר מפטיר. ער האָט געזאָגט אַז דו זאָלסט גיין קיין קאָזאַדאַיעווקע צום מלמד חיים־חנא דעם קלוגן, ער זאָל אויסלערנען די ברכות.

דן:

אוי חוהקע. חוהקע. אַ גאַנצן טאָג לערנען און לערנען, לערנען און לערנען — שווער צו זיין אַ ייד.

חוהקע:

יאָ־יאָ, דן, דער טאַטע זאָגט אויך: שווער צו זיין אַ ייד!... (נעמט אים אַרום און קוקט אויף אים) ווייסט, דן, דו האָסט שוין שיינע פּאהלעך — אַ מחיה (זינגט) דן האָט צוויי פּאהלעך שוואַרצע.

דן:

און חוהקע צוויי שוואַרצינקע צעפּ,

חוהקע:

דן איז דער עילוי פון שטעטל,

דן:

און חוהקע, די מלכה פון סטעפּ. (כאַפּט זי אַרום, וויל איר אַ קוש געבן, חוהקע גיט אים אַ פּאַטש, דן וויינט).

חוהקע:

וויין נישט, עס פּאַסט נישט, אַז אַ חתן זאָל וויינען, אַנישט, וועל איך אויך וויינען. (זי וויינט)

דן:

און פאַרוואָס וויינסטו?

חוהקע:

נו, ווייל דו וויינסט.

דן:

וויין נישט, חוהקע! (ער ווישט איך אָפּ די טרערן).

חוהקע:

וויין דו אויך נישט. (זי ווישט אים די טרערן און גיט אים אַ קוש).

שמעון־אלי:

(אַנקומענדיק מיט דער ציג) [10] אהההה!!!! שלום־עליכם אייך, קינ־דערלעך!...

חוהקע־דן

שלום־עליכם, רב שמעון־אלי!

שמעון־אלי:

האָב איך זיי געגעבן... אוי, האָב איך זיי געגעבן; תמות נפשי עם פלישתים — אַז ס'איז אַ רוח אַריין דעם מלמד מיט דער מלמדקע. ככתוב, ווי אין פסוק שטייט, נאָר דערווייל באַדאַרף מען זיך אַריינ־כאַפּן צום טאַטן אין דער קרעטשמע.

חוהקע:

טאַטע, טאַטע! רב שמעון־אלי איז געקומען.

שמעון־אלי:

קינדערלעך, גיט אַכטונג אויף דער ציג!... וואָס?!... הא?!... חתן־כלה?!... מזל־טוב!... שמחה־טוב, שנה־טוב, באַדאַרף מען זיך אוודאי אַריינכאַפּן צום טאַטן אין דער קרעטשמע, ווי אין פסוק שטייט: אַסקאַקורדע דבאַרבאַנטע...

חוהקע:

טאַטע, טאַטע, רב שמעון־אלי איז געקומען מיט דער ציג!

דאַדיע:

(קומט צו צום פענצטער) חוהקע, וואָס שרייסטו אַזוי? אַה, שמעון־אלי!...

שמעון־אלי:

שלום־עליכם, רב דאַדיע!

דאַדיע:

שלום־עליכם ועל בניכם, שמעון־אלי.

(חוהקע און דן נעמען די ציג און זינגען) [13]

פירט מען די כלה צו דער חופה,
פירט מען דעם חתן צוריק.

(גייען אָפּ מיט דער ציג)

דאַדיע:

וואָס הערט זיך, רב שמעון־אלי?

שמעון־אלי:

וואָס זאָל זיך הערן? פאַר מיר האָט מען דרך־ארץ, מיט מיר טרייבט מען נישט קיין קאַטאָוועס. כי אדם אני ולא פאַרך — איך בין דאָך נישט קיין יינגעלע! איך האָב דאָס אַ ביסל געעפנט אויף

זיי אַ פּה־קדוש... בקיצור הדבר, זיי האָבן מיך טאַקע באַלד אײַ־בערגעבעטן און געגעבן מיר די ציג, וואָס איך האָב געקויפט.

דאַדיע:

איך האָב פאַר דײַנעטוועגן, שמעון־אלי, אַ גלעזל אַלטן ווישניק, אויב דו האָסט חשק, קום אַרײַן אין דער קרעטשמע.

שמעון־אלי:

פונעם יין־המשומר, מהיכא תיתי, ווײַזט, וועלן מיר אײַך זאָגן מבינות.
(שמעון־אלי גייט אַרײַן אין דער קרעטשמע, ס'קומען אָן זינגענ־דיק מיטן ציגנבאַק, חוהקע און דן).
פירט מען די כלה צו דער חופה, פירט מען דעם חתן צוריק.

חוהקע:

אוי, שמעון־אלי, אַ רחמנות אויף דיר, אָבער דער טאַטע הייסט!...
(הויך אויפן קול) רב שמעון־אלי, דאָ האָט איר די „צ י ג"!...
(שטילער) ס'איז דען אַ ציג, אַ מאַמע!...

ציגנבאַק:

מעעע... (חוהקע און דן לאַכן).
(שמעון־אלי מיט דאַדיען קומען אַרויס פון דער קרעטשמע)

שמעון־אלי:

(שיכורלעך) זאָגט נאַר, מײַן ליבער קרוב, איר גלויבט אין כישוף, פאַרבלענדעניש?

דאַדיע:

דהיינו?

שמעון־אלי:

דהיינו, אַ דיבוק, אַ לץ, אַ נישט־גוטער, אַ גלגול...

דאַדיע:

אָקעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

שמעון־אלי:

גלאַט אַזוי.

דאַדיע:

דו ווייסט, שמעון־אלי, וואָס איך וועל דיר דערציילן? איך וועל הײַנטיקע נאַכט, דאַכט זיך, מורא האָבן צו שלאָפן. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, פאַר מתים האָב איך תמיד מורא געהאַט, נאָר פון הײַנט אָן הייב איך שוין אָן גלייבן אין גלגולים און אין לצים אויך...

שמעון־אלי:

אַ ברירה האָט איר, פּרוּווט נישט גלייבן! אַנו לאָז זיך נאָר אַריינ־כאַפּן צו אייך עפּעס אַ רעכטער לץ און אָנהייבן פּראָוּוען זיינע רעכ־טע שטיק: איבערקערן אייך די דייזשע באָרשט, אויסגיסן דאָס וואַסער, אויסטרינקען אַלע קריגלעך, איבערברעכן אייך אַלע טעפּ־לעך, און פאַרקניפּן די ציצית פון טלית־קטן, אַריינוואַרפן אייך אַ קאַץ אין בעט...

ראַדיע:

געוואַלד! געוואַלד דיר שוין צו דערציילן אַקעגן נאַכט אַזעלכע מעשיות.

שמעון־אלי:

(נעמט דעם ציגנבאָק פון חוהקען) נו, זייט מיר געזונט, רב ראַדיע, האָט קיין פּאַראיבל נישט, וואָס איך האָב אייך אַ ביסל דאָקוטשעט; איר ווייסט אַליין, אַז איך בין נישט שולדיק, ככתוב, ווי אין פּסוק שטייט: לא היו דברים — ניע מיאַלאָ באַבאַ קלאָפּאָטו — אַ גוטע נאַכט! רב ראַדיע, אַ גוטע נאַכט, קינדערלעך.

ראַדיע:

אַ גוטע נאַכט!

חוהקע־רן

אַ גוטע נאַכט, רב שמעון־אלי, גייט געזונט!

שמעון־אלי:

(גייט אָפּ מיט דער „ציג") ניע מיאַלאָ באַבאַ קלאָפּאָטו... [10]

(פינצטער)

בילד עלף

(אַ הייזל מיט אַ שטרויענעם דאַך. פאַרן הייזל אַ באַנק צו זיצן, אַ קליין בענקעלע און פאַרשידענע שטוב־כלים. ציפּע־ביילע־רויזע וואַשט די באַנק, שמעון־אלי קומט אָן מיט דער ציג צוגעבונדן צום גאַרטל, בינדט זי אויף און בינדט זי צו ביי דער זייט פון הייזל). [20]

שמעון־אלי:

שלום דיר, מיין ווייב, הערסטו, ציפע־ביילע־רויזע, פאַר מיר האָט מען, אַפּנים, פאַרט דרך־ארץ. מילא, וואָס דער מלמד מיט דער מלמדקע האָבן פון מיר געהאַט — בין איך דיר מוחל. איך האָב זיי געגעבן וויפל עס איז אין זיי אַריין! און חוץ לזה, האָב איך זיי אָוועקגעשטעלט צום רב, האָט דער רב אָפּגעפּסקנט, אַז זיי באַדאַרפן באַצאָלן קנס, וואָרום, אַז אַזאַ ייד, ווי שמעון־אלי, קומט צו זיי האַנדלען אַ ציג, באַדאַרף זיין ביי זיי דער גרעסטער כבוד, וואָרום אָט דער שמעון־אלי, זאָגט דער רב, איז אַ ייד קאַטאָרי וועלכער...

ציפע־ביילע־רויזע:

שוין!... שוין!... נו, לאָמיך זען סאַראַ ציג דו האָסט עס געבראַכט?!...
(נעמט דאָס מעלק־שעפל מיטן קליינעם בענקעלע, גייט צו צו דער „ציג", זעצט זיך אַוועק און וויל אָנהייבן מעלקן... שפּרינגט אויף, בינדט אָפּ די „ציג", פירט זי צו מיט כעס צו שמעון־אלין. גיי מיר מיט דיין שיינער „ציג" צו אַלדע וויסטע שוואַרצע יאָר!!!...
(גיט אים דעם שטריק פון דער „ציג" און גיט אים אַ שטופּ, אַז ער פאַלט שיר נישט אום) גיי מיט איר צו אַלדע רוחות! צו אַלדע רוחות!

שמעון־אלי:

(בלייבט שטיין צעמישט, נעמט די ציג, בינדט זי צו צום גאַרטל, וויל גיין, בלייבט שטיין) ציפע־ביילע־רויזע, איך זאָל אַזוי לעבן אין איינעם מיט דיר — איך... איך אַליין האָב געזען, ווי די ציג מעלקט זיך. (ווי צו זיך) נאָר ווי איך קום אַהער, ווערט די ציג — אויס... אויס ציג!...

ציפע־ביילע־רויזע:

(שרייט היסטעריש אַרויס דורכן פענצטער) גיי מיט דיין שיינער ציג צו אַלדע שוואַרצע יאָר!... (דורך די געשרייען קומען אָן איי־ניקע ווייבער און קינדער).

שמעון־אלי:

איך, איך אַליין האָב געזען מיט מיינע אויגן, ביים רב אין שטוב אין קאַזעדאַעווקע, ווי מען האָט אָנגעמאָלקן אַ פול שעפל — נאָר קוים, קוים קום איך דאַ אַהער איז עס אויס... אויס ציג!... אויס מילך... אויס... אויס!...

1־טע יידענע:

(באַקוקט מבינדיק די ציג) אַ שיינע ציג!.. ס'איז אַזוי אַ ציג, ווי איך בין אַ רביצין!

2־טע יידענע:

וואָס דען איז דאָס?!

1־טע יידענע:

אַ גלגול!... איר זעט נישט, אַז ס'איז אַ גלגול?...

אַלע:

(דערשטוינט) אַ ג ל ג ו ל?!...

1־טע יידענע:

אַ גלגול, אַ גלגול!... איר קענט נישט די מעשה מיט לייזער־וואָלפס פערדל, וואָס מען האָט געמוזט אַרויספירן הינטער דער שטאָט, הרגענען און מקבר זיין אין תכריכים?... צי אַ שטייגער, ווער האָט נישט געהערט די מעשה מיטן פערטל עוף, וואָס בשעת מען האָט עס דערלאַנגט שבת צום טיש, האָט דאָס אָנגעהויבן רירן מיטן פליגעלע?...

2־טע יידענע:

געהערט אַ מעשה, אַ גלגול גאָר!... (ס'קומען אָן נאָך אייניקע יידן).

שמעון־אלי:

יידן איך שווער אייך, איך האָב אַליין געזען ביים רב אין קאַזאַ־דאַיעווקע אַ פול שעפל מיט מילך, איר הערט! אַ פול שעפל!... נאָר אַז איך קום דאָ אַהער, איז אויס!... נישטאָ קיין מילך!... נישטאָ!... אויס!...

1־טע יידענע:

אַז ס'איז אַ גלגול!...

2־טער ייד:

אַז ס'איז וואָס?!...

1־טע יידענע:

אַ גלגול!... נו, אַ גלגול!...

יינגלעך:

הוראַ!... אַ גלגול!... הוראַ, שמע קולנו!... הוראַ!... מעלקנדיקער שניידער!... אַ גלגול!... אַ גלגול!...

שמעון־אלי:

איך האָב געקויפט ביים חיים־חנא דעם קלוגן און ביי זיין ווייב

טעמע־גיטל די שטילשווייגנדיקע, אַ ציג. אַ ציג ?... אַ מאַמע, נישט קיין ציג; קוים קום איך דאַ אַהער אויס... אויס ציג!

2־טער ייד:

יידן, פאַרוואָס שווייגט מען ?!...

1־טער ייד:

מען דאַרף גיין צום רב און צו די דיינים און צו די איבעריקע „שבעה טובי העיר", ס'טייטש, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ רציחה, מען זאָל דערטאַפּן אַן אָרעמען יידן, אַ שניידער, ביי אים אויסנאַרן די לעצטע עטלעכע קערבלעך, אים פאַרקויפן כלומרשט אַ ציג און אַריינשטופּן אים דער רוח ווייסט וואָס? און נאָך מאַכן פון אים חוזק. אַזאַ מעשה האָט זיך נישט פאַרלאָפן אפילו אין סדום!

2־טער ייד:

מען דאַרף מאַכן אַן אסיפה!

1־טער ייד:

מען דאַרף גיין צום רב.

אַלע:

מען דאַרף גיין צום רב!... צום רב!... אַן אסיפה!... אַ גלגול!... צום רב!... צום רב!... (אַלע גייען אָפּ, ס'ווערט לאַנגזאַם פינצטער)

(קורצע פויזע)

(עס ווערט ליכטיק פון לבנה־ליכט, שמעון־אלי זיצט אויפן דאַך מיט דער ציג — פאַרנט פון דער בינע שטייען די דריי דיינים. דער מיטלסטער האַלט אַ גרויסן בריוו און די, צוויי רעכטס און לינקס האַלטן ברענענדיקע ליכט אין דער האַנט).

מיטלסטער דיין:

(לייענט און די צוויי שאָקלען צו מיט די קעפּ)

„לכבוד די רבנים, דיינים, חכמים, גאונים מפורסמים, זיילן פון דער וועלט, וואָס דאָס גאַנצע הויז פון ישראל איז אָנגעלענט אויף זיי. שלום זאָל זיין צו אייך און שלום צו אַלע יידן פון דער הייליקער קהילה קאַזעדאַיעווקע און אַלדאָס גוטס זאָל טון רוען אויף זייערע קעפּ, אמן.

היות כפי אונדזערע אויערן האָבן געטאָן הערן, אַז ס'איז געטאָן געוואָרן זייער אַ גרויסע עוולה צו איינעם פון אונדזערע שטאָט־לייט, רב שמעון־אלי ב"ר בענדיט לייב חיים, וואָס מען רופט אים שמעון־אלי שמע־קולנו, היינו: צוויי פון אייערע לייט, המלמד רב חיים־חנה מיט זיין פלונית מרת טעמע־גיטל שתחיה, האָבן אויס־גענאַרט מיט קלוגשאַפט ביי אונדזער שניידער געלט, סך צוואַנ־ציק רענדלעך, וואָס זיי האָבן אַריינגעטאָן צו זיך אין די כלים און האָבן אָפּגעווישט די ליפּן און זאָגן: מיר האָבן נישט געטאָן קיין אומרעכט — איז אַזוי טוט עס זיך נישט ביי יידן! מיר אַלע, וואָס שטייען אונטן געחתמעט, זאָגן עדות, אַז דער דאָ־זיקער שניידער איז אַן אָרעמער בעל־מלאכה און אַ מטופל מיט קינדער, וואָס איז זיך מפרנס ערלעך פון אייגענער האָרעוואַניע, און דוד המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט אין תהילים: יגיע כפיך כי תאכל — די מידקייט פון דיינע הענט, אַז וועסט טון עסן, וועט דיר זיין ווויל און גוט, זאָגן אונדזערע חכמים דער פשט איז: וויל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט. בכן טוען מיר אייך בעטן, איר זאָלט באַלד חוקר ודורש זיין דאָרויף, וואָס ס'איז געטאָן געוואָרן, און אייער משפט זאָל אַרויס ווי די זון, און איר זאָלט מקיים פסק זיין איינס פון די צוויי: אָדער מע זאָל אומקערן דעם שניידער זיין געלט בשלימות, אָדער מע זאָל אים אַרויסגעבן זיין ציג, וואָס ער האָט געקויפט, מחמת די ציג, וואָס ער האָט געבראַכט צו פירן, איז נישט קיין ציג!... דאָס קען אייך די גאַנצע שטאָט שווערן אַ שבועה דאורייתא... און לאָז זיין שלום צווישן יידן, ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: נישטאָ נאָך אַזאַ גע־בענטשטע כלי פאַר יידן ווי שלום. שלום זאָל זיין צו אייך, שלום צום ווייטסטן און צום נאָענטסטן, שלום צו אַלע יידן, אמן!

פון אונדז, אייערע קנעכט, וואָס אייער מינדסט פינגערל איז גרעבער פון אונדזערע לענדן.

נאום הרב ז"ל... ונאום הרב בהרב ז"ל...
ונאום ברוך קאַפּאָטע, זרח פּופּיק, פּישל וויק־דילאָ, חיים קוויטש, ניסל קאַטשן, מאָטל שאַ־לעכץ, יהושע העשל קישקיש.

(די דייגים לעשן אויס די ליכט און גייען אַפּ).

שמעון־אלי:

ואתא שונרא ואכלא לגדיא — נע מאלא באבא כלאַפּאַטע — קופּילע סאַבי קאַנאַ!... לאַז קומען אַ פּאַהיבל אויף דער דאַזיקער ציג! אַ ציג?... כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!... אַ מאַמע, נישט קיין ציג. אַ מאַמע!... אַ מאַמע!... (שטייט אויף און גייט אַפּ מיט דער „ציג" זינ־גענדיק)[21]. אוי, חד גדיא! אוי, חד גדיא... ואתא שונרא ואכלה לגדיא, חד גדיא! אוי, חד גדיא!!!... (ער בלייבט פּלוצים שטיין אין דער מיט פון דער בינע און צעלאַכט זיך שטאַרק) כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!!! כי־כי־כי!!! ס'איז דען אַ ציג, אַ מ אַ מ ע!!!... כי־כי־כי!!! אַ ציג?!... אַ גלגול!... אַ ג ל ג ו ל!!!... אַ לץ!...

(שמעון־אלי בינדט שנעל אַפּ פון זיך די „ציג" און יאָגט זי אַוועק) אַששששש!... אַששששש!... גיי!... אַוועק!... נו, אַששששש!... גיי! (די „ציג" רירט זיך נישט) אוי, געוואַלט, ווי איז מיר!... יידן, ראַטע־וועט, וואָס טוט מען?!... (שמעון־אלי גייט אַ טריט, די „ציג" גייט אים נאָך אַ טריט. שמעון־אלי בלייבט שטיין, די „ציג" אויך. שמעון־אלי גייט נאָך אַ פּאָר טריט, די „ציג" אויך. שמעון־אלי בלייבט שטיין, די „ציג" אויך. שמעון־אלי לויפט שנעלער אַרום די בינע — די „ציג" אויך. שמעון־אלי בלייבט שטיין, די „ציג" אויך. שמעון־אלי שרייט) ש מ ע י ש ר א ל!!!

ציגנבאָק:

אדושם אלוקנו, אדושם אחד, מע!!! מ - - - - לך ממית ומחיה!... ונ־א־א־מן להחיות מתים!... מעעעע!!!

שמעון־אלי:

(שטאַרק הויך) ש מ ע ־ י ש ר א ל!!!... יידן, ראַטעוועט!... אַ ג ל ג ו ל! אַ לץ!... ג ע ו ו א ל ט!!! (ער לויפט אַראָפּ פון דער בינע, די „ציג" — נאָך אים.

ציפּע־ביילע־רויזע:

(קומט אַרויס צו לויפן מיט צוויי קינדער ביי די הענט)

ווי איז מיר, ווינד איז מיר, אַ דונער איז מיר אַ גרויסער! אויף וועמען לאָזטו מיך איבער מיט מיינע קינדער?! (די קינדער הייבן אָן וויינען) אוי, ווי איז צו דיר, ציפּע־ביילע־רויזע!... ווי און ווינד איז מיר!...

(פון די געשרייען קומען אָן יידן, ווייבער און קינדער האַלב אָנ־געטאָן)



...דאָס איז אַ ציג?... דאָס איז דאָך נישט קיין ציג... אַ גלגול!...
שמע ישראל!!!... יידן, ראַטעוועט!... אַ גלגול!... אַ לץ!
גענואַלט!!!... („דער פאַרכישופטער שניידער" לויט שלום־עליכם)

1־טער ייד:

וואָס איז, וואָס איז געשען? ווו איז שמעון־אלי?...

2־טער ייד:

ווו איז ער טאַקע?

ציפּע־ביילע־רױזע:

אַז אַך און וויי איז צו מיר! ווינד איז מיר!... ער איז דאָך געווען אַזאַ טייערע, גוטע כשרע נשמה!!!... אויף וועמען לאָזטו מיך אי־בער מיט מיינע קליינע קינ־דער?!... וויי איז מיר!!!...

1־טער ייד:

זלאַדייעװוקע — אַ שיינע שטאָט, ברענען זאָל זי! וואָס שוויגן זיי, די נגידים אונדזערע, אַ וויסטן סוף זאָלן זיי האָבן?!...

2־טער ייד:

איטלעכער באָדט זיך אין אונדזער בלוט, און ס׳איז נישטאָ קיי־נער, ווער ס׳זאָל זיך אָננעמען אונדזערע קריוודע!

1־טער ייד:

געלט אין דער קאָראָבע ווער צאָלט?

אַלע:

מיר!!!...

1־טער ייד:

אַ צרה, אַ שלאַק, אַ שוחט, אַ באָד להבדיל — ביי וועמען רייסט מען די הויט?!...

אַלע:

ביי אונדז!!!...

1־טער ייד:

טאָ, וואָס שווייגט איר, יידן?!...

ציפּע־ביילע־רױזע:

אוי, אַ בראָך איז צו מיר!!!... וויי איז צו מיר! ער איז דאָך גע־ווען אַ טייערע נשמה!... וויי!... ווו האָסטו מיך איבערגעלאָזט מיט קליינע קינדער!!!

1־טער ייד:

יידן, לאָמיר גיין צו די רבנים, דיינים, און שבעה טובי העיר זיי טרייבערן די קישקעס!

2־טער ייד:

וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות, מע זאָלן לאָזן קוילען אַ גאַנצע משפּחה?! הבה נתחכמה!!!

1־טער ייד:

קומט, לאָמיר גיין צום רבֿ!

2־טער ייד:

צו די דיינים און צו די שבעה טובי העיר!

אַלע:

יאָ, צום רבֿ... צו די דיינים... שבעה טובי העיר... זיי טרייבערן די קישקעס!... אוי, אַ בראָך איז צו מיר!... סאַראַ הפקרות!!! טריי־בערן די קישקעס!!!...

(דער עולם גייט ליאַרעמדיק אָפּ. ס׳ווערט פינצטער).

בילד צוועלף

(אויפן פּאָן פון דער בינע די גרויסע ראַם מיט שלום־עליכמען, ווי אין ערשטן בילד. שמעון־אלי שלאָפט אויף דער ערד, די זשיפּיצע אונטערגעלייגט צוקאָפּנס און חלומט... דער ציגנבאָק שטייט לעבן אים און קייעט).

שמעון־אלי:

(אין חלום שטייט ער אויף, מאַכט אַ שריט און בלייבט שטיין פאַר שלום־עליכמס בילד). אוי, פּאַניע שלום־עליכם, נישטאָ קיין כּוח צו שפּאַנען פון זלאָדייעוווקע קיין קאָזאָדאָיעוווקע, פון קאָזאָדאָיעוווקע קיין זלאָדייעוווקע... זלאָדייעוווקע — קאָזאָדאָיעוווקע (ווייזט מיט די הענט) אַהין!... אַהער!... אַהער!... אַהין!... דאָרט, אין קאָזאָדאָ־יעוווקע איז זי אַ ציג און מעלקט זיך אַ פול שעפל און אַז איך קום דאָ אַהער קיין זלאָדייעוווקע, איז די ציג אויס ציג, אויס מילך!.. פּאַניע שלום־עליכם, ווּ איז יושר?... איך פרעג אייך, ווו איז יושר פאַר אַזאַ יידן ווי איך, וואָס האָט אַ ווייב, וואָס הייסט ציפּע־ביילע־רויזע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט קיין עין־הרע קינדער־לעך (ווייזט מיט דער האַנט) קליין, קלענער און נאָך קלענער און צרות, פּאַניע שלום־עליכם, גרעסער און נאָך גרעסער, ווי אין פּסוק שטייט: רחל בתך הנאַקעטע — קינדערלעך, טאַקע נאַקעטע,

באָרוועסע און הונגעריקע — נעבעך, וואָס ווילן עסן, עסן!... און צוריקגעשמועסט, אַ שטייגער, פֿאַניע שלום־עליכם, וואָס וואָלט אייך אַרן, ווען אַזאַ ייד, ווי איך, שמעון־אלי שמע־קולנו, אַ בי־טערער אָרעמאַן, אַ שניידער, נישט חלילה פֿון די געהויבענע שניי־דערס, און אַ מטופּל מיט קינדער פֿון אַלערליי ווּקס — מיינסטס טעכטער, וואָס וואָלט אייך אַרן, ווען אַזאַ ייד זאָל טאַקע האָבן אַ ציג וואָס זאָל זיך טאַקע מעלקן און געבן מילך און טאַקע אַ פֿול מעלקשעפֿל, האַ?!... איי, אַז ס'איז דאָ אַ ציג אין שטוב, זאָגט מיין ציפּע־ביילע־רויזע, איז פֿאַראַן אַ גלעזל מילך פֿאַר די קינדער, מע קען אָפּקאָכן אַמאָל אַ קאַשע מיט מילך, אָפּשטופּן אַ וואַרעמס, יוצא זיין מיט אַ וועטשערע, אַמאָל אַ קריגל פֿיד־סמעטענע, אַ שטיקל קעז און פּוטער, אַ חיות!... אַ חיות!... (ער גייט צוריק צום פּלאַץ ווּ ער איז געלעגן) אַ חיות, איך הערט פֿאַניע שלום־עליכם (לייגט זיך צוריק אַוועק).

רעזשיסער:

(קומט אַריין מיטן בוך אין דער האַנט, גייט צו צו שלום־עליכמען) גערעכט!... שמעון־אלי אין גערעכט! און טאַקע, פֿריינד שלום־עליכם, פֿאַרוואָס זאָל מען דעם אָרעמען יידן, שמעון־אלי נישט צו־ריקגעבן די ציג?... ווייניק צרות האָט ער אָן דער ציג? איז זאָגט דאָך אַליין, אַז לאָכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן! נו?!... לאָמיר צוריקגעבן די ציג און זאָל שמעון־אלי מיט זיין ווייב און זיינע אויסגעהונגערטע קינדער אויך אַמאָל לאַכן!

שלום־עליכם:

איר רעזשיסערן, איר האָט ליב אַלץ קאַפּויער... און דווקא מיט אַ העפּי־ענד. נאָר וואָס זאָל איך טאָן? אַז איך בין אויפֿן עולם האמת, קען איך שוין גאָרנישט נישט ענדערן. און איר טוט סיי־ווי־סיי דאָס, וואָס איר ווילט, מילא, זאָלן יידן מער לאַכן איידער וויינען, ווייל לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן!

(רעזשיסער פּאַטשט דריי מאָל מיט די הענט און גייט אָפּ).

(חוקע און דן קומען אָן).

חוהקע:

אוי, דן, גיב אַ קוק; שמעון־אלי מיטן ציגנבאָק איז דאָ! ער שלאָפֿט!... כאַ־כאַ־כאַ!... ווייסט וואָס, דן? לאָמיר אים צוריק־

געבן זיין ציג, דער טאַטע האָט געזאָגט: שוין גענוג זיך געשפּילט אין טשו־טשו־באַבעניו און געהייסן צוריקגעבן די ציג.

דן:

צוריקגעבן איז צוריקגעבן.

(זיי נעמען נעם ציגנבאָק גייען אַפּ זינגענדיק:)[18].

פירט מען דעם חתן צו דער חופּה

פירט מען די כלה צוריק!

(קומען צוריק מיט דער ציג,)

פירט מען די כלה צו דער חופּה

שוין ווידער דאָ אַ ציג!

(לאָזן שטיין די ציג ביי שמעון־אלין און... אַנטלויפן)

(פון דער ווייטנס הערט זיך אַ געפּילדער, אַ געשריי, עס קומען אָן דער רב, די דיינים, די שבעה טובי העיר, ציפּע־ביילע־רויזע מיט די קינדער, יידן, ווייבער און קינדער, ווער מיט שטעקנס, ווער מיט אַ הילצערנעם אַרשין, מיט אַ קאַפּיטע, מיט אַ האַמער, אַ וואַל־גערהאָלץ, מיט אַ בייטש אאַז״וו).

1־טער ייד:

מיר וועלן זיי ווייזן די קאָזאַדאָיעווקער שקצים!

2־טער ייד:

וואָס, מען מאַכט נאָך פון אונדז חוזק?!

1־טער ייד:

מען דאַרף זיי באַווייזן דרך־ארץ, דרך־ארץ!!! שער און אייזן אונ־דזער פאָלק עמך!

2־טער ייד:

איין מאָל פאַר אַלע מאָל: תמות נפשי עם פלישתים — דער טויט זאָל זיין און אַן עק זאָל עס האָבן!

רב:

שאאאַט!!! שאַט, יידן! רבותים, מיר זענען דאָך יידן בני רחמנים!...

1־טער ייד:

וואָס? ווו איז דרך־ארץ?!... ווי טוט מען עס אַזאַ מין זאַך, מען נעמט אַן אָרעמען יידן... און מען פאַרקויפט אים איך ווייס וואָס אַנשטאָט אַ ציג?...

2־טער ייד:

איין מאָל פאַר אַלע מאָל: תמות נפשי עם פלישתים!... אַ ציג, זאָל זיין אַ ציג און נישט קיין פּיפּערנאָטער!...

1־טער ייד:

מיר דאַרפן זיי ווייזן די קאָזאַדאָיעווקער שקצים!...

3־טער ייד:

שאַאַאַט!... איר זענט שוין גרייט אויפן פּידפּאַלעק, פּאַרטיק אַרום און אַרום, ואיה השה?... ווו איז די ציג?...

יינגל:

דאָ!... דאָ איז די ציג, דער גלגול, דער לץ! מיט שמעון־אלין שמע־קולנו!...

אַלע יינגלעך:

גלגול!... לץ!... פּיפּערנאָטער! גלגול! גלגול!

רב:

שאַ!... שטיל זאָל זיין!...

1־טער ייד:

דאָ איז שמעון־אלי! דאַכט זיך ער שלאָפט!...

ציפּע־ביילע־רויזע:

(לויפט צו צו שמעון־אלין) אוי, אַ בראָך איז מיר, דאָ איז דער תכשיט מיינער מיטן גלגול...

שמעון־אלי:

(פון די געשרייען וואַכט ער אויף, קוקט זיך פאַרוואונדערט אַרום און שטייט אויף).

יידן, ווו בין איך?!... ווי איז מיר!... (ער דערזעט ציפּע־ביילע־רויזע) ציפּע־ביילע־רויזע, מיין ווייב, ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז די ציג... אַז די ציג האָט געגעבן מילך!... הערסט ציפּע־ביילע־רויזע, מילך!...

אַלע:

מ י ל ך?!...

1־טע יידענע:

וואָס?! מילך?!... גיט מיר אַ מעלקשעפל און אַ בענקעלע, וועל איך זען, אפשר גיט זי טאַקע מילך. (מען ברענגט אַ מעלקשעפל מיט אַ קליין בענקעלע, די יידענע נעמט דאָס מעלקשעפל, זעצט זיך

אַוועק אויפֿן בענקעלע, אַלע שטעלן זיך אַרום — די יידענע הייבט אָן מעלקן).

איינער:

דאַכט זיך... ס'מעלקט זיך!...

אַ צווייטער:

מילך!!!...

אַ דריטער:

יידן, ס'איז דאָ מילך!!!...

אַלע:

מילך!!!...

יינגלעך:

הוראַ!!!... מילך!!!... הוראַ!!!...

1-טע יידענע:

(נעמט דאָס מעלקשעפל מיט מילך און שטעלט עס אויפֿן בענקעלע) יידן, זעטס!....

רב:

(גייט צו צום מעלקשעפל און קוקט אַריין) טאָקע מילך!...

ציפּע-ביילע-רויזע:

(נעמט דאָס מעלקשעפל מיט מילך גייט צו צו שמעון-אלין ווייזט אים) זעסט, מיין טייערער מאַן, ביסט טאָקע גערעכט, מילך! מילך!... (די מוזיק הייבט אָן שפּילן דאָס ליד פֿון מילך, [22]. אַלע דעפּילירן אַדורך פֿאַר שלום-עליכמס בילד זינגענדיק און טאַנצענדיק. צו-ערשט גייט שמעון-אלי מיט דער ציג, דערנאָך ציפּע-ביילע-רויזע מיט אירע קינדער, דאַן גייט דער רב, די דיינים די שבעה טובי העיר, יידן, ווייבער און קינדער, זיי גייען זינגענדיק און טאַנצנדיק אַראָפּ פֿון איין זייט בינע און קומען פֿון דער צווייטער זייט צו-ריק. שמעון-אלי מיט דער ציג, ציפּע-ביילע-רויזע מיט אירע קינ-דער שטעלן זיך אונטער שלום-עליכמס בילד, איין האַלבע גרופּע רעכטס און די אַנדערע האַלבע גרופּע לינקס פֿון שלום-עליכמס בילד. לאַנגזאַם ווערט פֿינצטער, בלויז שלום-עליכם, שמעון-אלי מיט דער ציג און ציפּע-ביילע-רויזע מיט אירע קינדער בלייבן באַ-לויכטן. איבער שלום-עליכמס בילד, צינדט זיך אָן אַ לייכטנדיקע אויפֿשריפֿט: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן"; לאַנג-

זאַם לעשט זיך אויס די באַלייכטונג פון שלום־עליכמס בילד און פון שמעון־אלי מיט דער ציג, פון ציפּע־ביילע־רויזע מיט אירע קינדער און עס בלייבט בלויז באַלויכטן די אויפשריפט:

„לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן!"

שלום־עליכם

פאָרהאַנג

1.



2.



3.



4.



5.



6.



7.



8.



9.

10.



11.



12.



13.



14.



15.



16.



17.



18.



19.



20.



21



22.



*

זאַמי פעדער איז געבוירן 1909 אין אַ גרענעץ־שטעטל אין פוילן — זאַווירציע. אָבער אין יונגן עלטער פון 10 יאָר קומט ער צו זיין זיידן קיין פראַנקפורט־אַם־מיין, די גרעסטע, אפשר לעצטנס די איינציקע שטאָט אין דייטשלאַנד פון אַ גרויסער יידישער טראַדיציע פון תורה און פון חכמה, ער באַזוכט דאָרט אַ ישיבה און אויך אַ וועלטלעכע שולע.

ביי 16 יאָר איז ער שוין דאָרט אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן און אין קולטורעלן לעבן, הויפטזעכלעך אין די עמיגראַנטישע קרייזן, ער ווערט דער אָרגאַניזאַטאָר און מיטאַרויסגעבער פון אַ יידישער צייטונג די „נייע צייט" און ווערט דער מיטגרינדער פון אַ דראַמאַטישן קרייז ביים שלום־עליכם־קלוב אין פראַנקפורט.

די סצענע, די יידישע סצענע, ווערט איבערהויפט זיין שטאַרקסטע ליידנשאַפט, בלייבט אויף תמיד דאָס, וואָס ציט אים צומייסט. און שפּע־טער, נאָך אַלע ליידן פון די אומקום־לאַגערס, ווי נאָר ער ווערט באַפרייט אין בערגען־בעלזען, ווערט די יידישע בינע זיין אַנהאַלט־פונקט, זיין האָפענונג און זיין טרייסט.

צוריקקומענדיק צו דער פראַנקפורט־תקופה איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ער האָט באַזוכט אַ טעאַטער־שולע, פאָרט דערנאָך קיין בערלין ווו ער זעצט פאָר זיין סצענישע אויסבילדונג ביי אַזעלכע בינע־מייסטערס ווי צבי פרידלאַנד, רעזשיסער פון דער „הבימה", שפּעטער ביי אלעקסיס גראַנאָווסקי און ערווין פּיסקאַטאָר.

אין 1933 פאַרלאָזט זאַמי פעדער דייטשלאַנד, ווו היטלער איז שוין ביי דער מאַכט. אין וואַרשע, וווּהין ער קומט, פירט ער אָן מיט דעם דראַמאַטישן קרייז „אַרפעאוש" און אויך מיט דראַמאַטישע קרייזן אַרום וואַרשע: אין פאַלעניץ, פאָוואָנזעק, אָטוואָצק.

ער פאָרט שפּעטער אָפּ אין זאַגלעמביע, און אויך דאָרט, אין בענדין און אין סאָסנאָוויץ, איז ער אַקטיוו אויפן טעאַטער־געביט. אין די דאָר־טיקע יידישע טעאַטערס ווי אויך אין וואַרשעווער קאַמינסקי־טעאַטער שטעלט ער פאַרשידענע אַקטועלע, אַדאַפּטירטע פּיעסן ווי „היטלעריאַדע", דער „גואל", „דאָס גרייסע געווינס". א"אַ.

עס ברעכט אויס די מלחמה, זאַמי פעדער טיילט דעם גורל פון אַזוי פיל יידן: ליידן, פּיין און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָבער אויך דאָרט,

אין די טויט־לאַגערן, טראָגט ער טרייסט און מוט דורך דער סצענע. ער אָרגאַניזירט טעאַטער־גרופּן. מען פירט אויף פּרצן, שלום־עליכמען, ער שרייבט אַליין אַן זאכן, געפּאַסטע צו די געפילן פון די אינטערנירטע. ער איז דער ערשטער צו זאַמלען לאַגער־לידער און שרייבט אַליין לידער, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט אין אַנדערע לאַגערן און גייען איבער ביז צו די לאַגערן פון געפאַנגענע יידישע סאָלדאַטן פון דער ישראל־בריגאַדע („זאַמלונג פון קאַצעט־און געטאָ־לידער" — פון זאַמי פעדער, מיט נאָטן — בערגען־בעלזען 1946), וועלכע כאַפּן זיי אויף מיט אַ באַזונדערער פרייד.

גלייך נאָך דער באַפרייונג פון בערגען־בעלזען פירט די זעלביקע גרופּע פון טעאַטער אַן מיט אַן אינטענסיווער קולטור־אַרבעט אונטער דער אַנפירונג פון היינט באַקאַנטן עוסק בצרכי ציבור, יאָסל ראָזענזאַפט. עס ווערט אויך דורך דער דאָזיקער גרופּע געשאַפן דאָס קאַצעט־טעאַטער, וואָס שאַפט זיך אַ נאָמען, קומט שפּעטער אין פּאַריז ווו די גרופּע פירט אויף מיט גרויס דערפאָלג „דאָס פאַרכישופטע שניידערל" פון שלום־עליכם.

אין די ערשטע צייטן נאָך דער באַפרייונג טראָגט דאָס דאָזיקע אַמאָ־טאָרן־טעאַטער שטאַרקונג און טרייסט אין די שפּיטאָלן צו די שווער־קראַנקע לאַגער־מענטשן. אומעטום ווו עס האָבן זיך נאָך געפונען רעשט־לעך פון געראַטעוועטע, האָט די דאָזיקע גרופּע געטראָגן דאָס יידישע וואָרט און יידישע נגינה.

אין בעלגיע האָט דאָס קאַצעט־טעאַטער אַזאַ שטורמישן דערפאָלג מיט „דאָס גרויסע געווינס" און „פאַרכישופטן שניידערל", אַז די בעלגישע רע־גירונג לייגט פאָר דער טרופּע צו בלייבן אין לאַנד, אָבער די טרופּע קען דעם איידעלן פאַרלאַנג נישט באַפרידיקן. זי פאָרט אָפּ קיין פראַנק־רייך, ווו זי שפּילט מיט ראַשיקן דערפאָלג אין „סאַראַ בערנאַרד"־טעאַטער.

די טרופּע, וואָס באַשטייט פון יוגנטלעכע צעפאָרט זיך דערנאָך, דער רוב קיין ישראל.

אין די ראָמען פון מעגלעכקייטן, וואָס די צייט דערלויבט אים, זעצט זאַמי פעדער פאָר זיינע שרייבערישע אַקטיוויטעטן. דער עיקר אין זיין באַליבט געביט פון טעאַטער, באַטייליקט זיך אין די אויסגאַבן פון פּאַ־ריזער „אַלמאַנאַך" 1955, 1960 און אַנדערע. ער איז אַ מיטגליד פון פּאַריזער שרייבער־פאַראיין.

ל. דאָמבּאַנקעוויטש

„אונדזער וואָרט", פּאַריז, 15טן דעצעמבער 1959.

זאַמי פעדער פאַרן „קאַצעט־טעאַטער־ווינקל" אין טעאַטער־מוזעאום און ארכיון אין ירושלים.

אינהאַלט:

געטאָ

אויף קידוש השם 11
קינדער אין געטאָ 16
שרהלע 19

אין לאַגער

יום־כיפור ביים אַדאָלף־היטלער־קאַנאַל 29
שמחת תורה אין בלעכהאַמער 39
זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג 45
יאַמע שוסטער 49
דער פּאַפּירלעך־זאַמלער 53
דער ברויט־גנב 58

נאָך דער באפרייונג

די באַפרייונג פון בערגען־בעלזען 65
אַ ווינטער־אָוונט 71
אַ דין־תורה 74

דער קאַצעט־טעאַטער

אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג אין לאַגער בונצלאַו 81
דער קאַצעט־טעאַטער אין בערגען־בעלזען 92
ווידער פאַרשפּילט 110
מאַריאַ קוריצקאַ 119
דער פאַרכישופטער שניידער 171
נאָטן צום „פאַרכישופטער שניידער" 229
✡ 235